STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04211

DI RUSISHE REVOLUTSYE UN DOS YIDISHE FOLK

Chaim Zhitlowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי

געזאַמלטע שריפטן

צענטער באַנד

די רוסישע רעוואָלוציע און דאס יידישע פאָלק

פאַרלאג ח. בזשאָזא

Printed in Poland

Dr. Ch. Żytłowski
Szryften
Wyd. Ch. Brzoza
Druk. „REKORD"
Warszawa, tel. 11.37-36

אינהאַלט

די רוסישע רעוואָלוציע און דאָס יידישע פאָלק 5
גלות־פּסיכאָלאָגיע 51
הערמאַן באַהר וועגן יידישן נאַציאָנאַליזם 63
אַ פּאָר ווערטער וועגן יידישן אַנאַרכיזם 75
דער יינגסטער שבט 91
אונזער צוקונפט דאָ אין לאַנד 101
אַ פאַרשאָלטענע שאלה 125
נאָכאַמאָל די געלע פּרעסע 125
אַ פּאָר ווערטער וועגן אינטעליגענץ און עם־הארצות 189
סימנים פון אַ נייעם לעבן ביי די יידן אין אַמעריקע 193
אַ יידיש דאָרף און אַ יידישע פאָלקס־באַנק 213
גרויס, וואָס איז קליין, און קליין, וואָס איז גרויס 225
אַ ביסל נחת 233
נאַציאָנאַל־קלעריקאַל 241
די אַרבעטער און דאָס פאָלק 254
נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם ביי דער יידישער אַרבע־
טערשאַפט 267
די יידישע אַרבעטער־אָרדנס 277
דער אַרבעטער־רינג 287

די רוסישע רעוואָלוציע און דאָס יידישע פֿאָלק

.1

די רוסישע רעוואָלוציע האָט דערפֿרייט אַלעמענס הער־צער. סיי דער אַסימילאַטאָר, סיי דער גלות־נאַציאָנאַליסט, סיי דער טעריטאָריאַליסט־ציוניסט, סיי דער יידישיסט, סיי דער העברעאיסט, — זיי אַלע האָבן זי באַגעגנט מיט אַ פֿאַרלייכ־טערטן אָפּזיפֿץ: „אָט איצטער“, — קלערט יעדערער — „האָט זיך ערשט געעפֿנט דער ברייטער וועג פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון מ ײ נ ע אידעאַלן“.

קיין חידוש איז דאָס נישט. דער צאַריזם איז געשטאַנען אַ ל ע מ ע ן ווי אַ ביין אין האַלדז; קיינער האָט נישט געקאָנט פֿריי פֿאַנאַנדערפֿירן די הענט. ערשט מיט זיין מפּלה איז מעגלעך געוואָרן אַן אינטענסיווע יידישע טעטיקייט אין רוסלאַנד; ערשט איצטער קאָנען די אינעווייניקסטע טענדענצן פֿון דעם יידישן לעבן זיך פֿריי און אָפֿן אַרויסווייזן און אויסקעמפֿן זייער היס־טאָרישן קאַמף. און אַזוי ווי יעדע פּאַרטיי איז איבערגעצייגט, אַז איר פּראָגראַם איז דער לאָגישסטער ענטפֿער אויף דער שטאַרקסטער און נאַטירלעכסטער טענדענץ אין דעם יידישן לעבן, האָט יעדע פּאַרטיי גאַנץ זיכער אַ סוביעקטיוו רעכט צו האָפֿן, אַז אין דעם פֿרייען קאַמף פֿון די יידישע קרעפֿטן וועט דער נצחון ממילא אויספֿאַלן אויף דעם גורל פֿון איר אידעאַל.

עס איז אָבער פֿון דער אַנדערער זייט אויך קלאָר, אַז

די רעוואָלוציע וועט נישט קאָנען ממלא זיין אַלעמענס פּרעטענזיעס מיט אַמאָל. ווער עס איז וועט מוזן אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט. ווער וועט דאָס זיין?

איך וויל מיך דאָ קודם אָפּשטעלן אויף די שאַנסן פון דער א ס י מ י ל אַ צ י ע. איז דאָ באמת אַ וועלכער עס איז גרונט אָנצונעמען אינאיינעם מיט דעם יידישן אַסימילאַטאָר, אַז זיין אידעאַל איז איצטער דער אמתער „זכה בגורל"? ברענגט די רוסישע רעוואָלוציע מיט זיך די פאַרווירקלעכונג פון זיינע שטרעבונגען?

אין פלוג קאָן אויסדוכטן, אַז דאָס איז אַזוי. דער אַסימילאַטאָר קאָן בויען זיינע האָפענונגען אויף דער גאַנצער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אין מערב-אייראָפּע און צום טייל אויך אין אַמעריקע.

וואָס איז די גרונט-טענדענץ פון דעם יידישן לעבן אין יענע לענדער, זינט די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט זיך אַריינגעריסן אין אים און האָט אונטערגעגראָבן די יסודות פון אַן איבערנאַטירלעכן גלויבן אין משיח און וואונדער?

יעדער אָביעקטיווער היסטאָריקער וועט מוזן צוגעבן, אַז די גרונט-טענדענץ איז אומעטום געווען — אַ רייסן-זיך פון די אייגענע פיר ווענט, אַ שטופּן-זיך מיט אַן אומגעהויערן אימפּעט צו דער וועלט פון דער הערשנדיקער קולטור. אַ וואונדערבאַר שנעלער אַריינדרינגען אין איר און, ווי אַ רעזולטאַט דערפון, די צעברעקלונג פון אַלע נאַציאָנאַל-יידישע יסודות, דער זיג פון דער פרעמדער שפּראַך און דער פרעמדער קולטור אין דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק, דער באַנקראָט פון דעם אייגענעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

פאַרוואָס זאָל דאָס אין רוסלאַנד אַנדערש זיין? האָט זיך דער אַסימילאַציע-פּראָצעס ביי דער רוסישער יידנשאַפט נישט אָנגעהויבן שוין אין די פערציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט?

האָט ער דען נישט געמאַכט קיין ריזיקע פאָרשריטן פאַר דער גאַנצער צייט און דער פּראָצעס וואָלט שוין לאַנג געקומען

צו זיין נאַטירלעכן סוף אָדער, לכל הפחות, וואָלט זיין זיג שוין לאַנג געווען פאַרזיכערט, ווען נישט די שוידערהאַפטע פאַרפאָלגונגען פון דער רוסישער רעגירונג.

צונויפגעפרעסט אין אַ פּאָר פּראָווינצן, אָפּגעשניטן פון דער אַלגעמיינער בילדונג, קינסטלעך־איינגעענגט אין געוויסע ספערן פונם עקאָנאָמישן לעבן, האָט דאָס יידישע פאָלק זיך געהאַלטן אינאיינעם, ווי עס האַלט זיך אַן אַלטער איוון אין אַן אָרעמער יידישער שטוב: אַ דאַנק דעם חסד פון די שטריק, מיט וועלכע ער איז פון אַלע זייטן אַרומגעבונדן. נעם צו די שטריק, און ער צעפאַלט אין שטויב.

זענען אָט די אַלע „רעאַקציאָנערע", נאַציאָנאַלע טענדענצן וואָס זענען אין דער לעצטער צייט אויסגעוואַקסן ביי דער יידישער אינטעליגענץ עפּעס אַן אַנדער זאַך, איידער אַ פּשוטער קניפּן די באַקן און שטעלן די פאַרב? איז דער קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע אין תוך אַריין עפּעס אַן אַנדער זאַך, איידער דיזעלביקע אַסימילאַציע־טענדענץ, וואָס איז נאָר פאַרהאַלטן געוואָרן אין איר לויף?

אַן אַלטער כּלל: אַז די וויינטרויבן הענגען צו הויך און דער פוקס קאָן נישט קלעטערן אויף דער וואַנט, זאָגט ער: „זיי זענען פאַר מיר צו זויער", אָבער קוים גראָבט איר אַראָפּ די וואַנט, וועט שוין דער יידישער פוקס אַריינדרינגען, וווּ ער דאַרף, און זיך פאַנאַנדערלייגן, ווי אין זיין פאָטערס ווייַנ־גאָרטן.

מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם תחום וועלן זיך די יידן צעשפּרייטן ווי איינצעלנע טראָפּנס איבערן גאַנצן גרויסן לאַנד. מיט דער אָפּשאַפונג פון די פּראָצענט־נאָרמעס וועט דער גאַנצער קינפטיקער דור, לפּחות דער דור פון דער באַלעבאַטישער וועלט, באַקומען זיין דערציאונג אין די רוסישע שולן און אוניווערזיטעטן און אין אַ פּאָר דורות אַרום וועט איר שוין קאָנען זאָגן דעם לעצטן קדיש נאָך דער יידישער נאַציע אין רוסלאַנד.

אַזוי האָפּט — און באַגרינדעט זיין האָפענונג — דער אַסימילאַטאָר.

דער פעלער פון זיין חשבון באַשטייט אָבער אין אַ פּאָר קלייניקייטן: ער פאַרשטייט נישט, ערשטנס, דעם כאַראַקטער פון דער דעמאָקראַטישער פרייהייט אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און דערנאָך איז ער אַבסאָלוט אין טעות וועגן די אינעווייניקסטע טענדענצן פון דעם יידישן פאָלק.

די יידישע אַסימילאַטאָרן זענען אויסגעוואַקסן אין דעם פּעריאָד פון דעם צענטראַליסטיש-דעמאָקראַטישן געדאַנק. די פרייע מלוכה איז, ווי צ. ב. ש. לאַסאַל האָט זיך זי פאָרגעשטעלט, אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזם, מיט איין-איינציקער שפּראַך און איין-איינציקער קולטור. דאָס איז געווען דער אידעאַל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דער אידעאַל פון דער צפון-אַמעריקאַנישער רעפּובליק און ער איז אויך כמעט פאַרווירקלעכט געוואָרן אומעטום, ווו די גרויס-בורזשואַזיע האָט אויסגעקעמפט דעם טריאומף פאַר די פּרינציפּן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אָבער שוין אין דער רעוואָלוציע פון דעם יאָר 1848 האָבן גענומען קלינגען נייע שטימען, פיינטלעכע צו דעם צענטראַליסטישן מלוכה-אידעאַל, צו דער בורזשואַזער, אַבסטראַקטער, בירגערלעכער אויסגלייכונג פון אַלע פעלקער אין איין-איינציקער קולטור. און פון דעמאָלט אָן האָט דער אידעאַל פון אַ פעדעראַליסטישער רעפּובליק, וואָס זאָל יעדן איינצל-פאָלק געבן די מעגלעכקייט זיך נאַציאָנאַל פריי צו אַנטוויקלען אין די גרענעצן פון דער אַלגעמיינער מלוכה, גענומען דעראָבערן אַלץ מער און מער אָנהענגער צווישן דער ראַדיקאַלער דעמאָקראַטיע, דערהויפּט אין יענע לענדער, ווו מערערע פעלקער זענען געצווונגען צו לעבן אינאיינעם.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט פריער נישט געוואָלט וויסן דערפון, געזען אין דעם אַן אויסדרוק פון דער קליין-און מיטל-בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע, אַנטקעגן וועלכער מען מוז קעמפן, ווי מען מוז בכלל גיין האַנט אין האַנט מיט דער גרויס-בורזשואַזיע

דאָרטן, ווו אירע אינטערעסן און אידעאַלן שטויסן זיך פּײַנטלעך צונויף מיט די אידעאַלן און אינטערעסן פון דער מיטעלער און קלענערער באַלעבאַטישער וועלט.

די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען נאָך דאָפּלט פאַנאַטישער אין דעם פּונקט, איידער די נישט־ייִדישע, און זיי זענען דעריבער אומעטום געווען, — ווי זיי זענען נאָך דאָס רוב איצטער, — די פאָנען־טרעגער פון דעם גרויס־בורזשואַזן, צענטראַליסטיש־אַסימילאַטאָרישן אידעאַל.

אָבער אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין דער לעצטער צײַט אײַנגעזען געמוזט איבערבייטן איר פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע. זי האָט געמוזט אײַנזען, אַז אין דעם פּרט פון דעם קולטורעלן לעבן זענען די גרויסע אַרבעטער־מאַסן אויסגעבונדן אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע שיכטן פון זייער פאָלק, און זיי מוזן דעריבער, אינאיינעם מיט יענע, שטרעבן צו אַ נייער דעמאָקראַטיע, וואָס זאָל באַשאַפן אַ פרייעם פּלאַץ פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן. זי האָט געמוזט אײַנזען, אַז עס לוינט זיך בעסער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט — זײַן וואָס גיכער צו ווערן דער פירער אין דעם קאַמף פון די מאַסן פאַר אַזאַ נייער דעמאָקראַטיע, איידער צו זײַן געצווּנגען נאָכצושלעפּן זיך נאָך זיי אין אַזאַ וויכטיקן פּונקט פון דעם פּאָליטישן לעבן.

די רוסישע רעוואָלוציע שיידט זיך אָפּ פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע צווישן אַנדערע פּרטים אויך אין דעם פּרט, וואָס די גרויס־בורזשואַזע אינטערעסן און אָנשויאונגען שפּילן אין איר אַ קנאַפּע ראָלע. דאָס איז אַ רעוואָלוציע, וואָס איז געצווּנגען אָנצושפּאַרן זיך אויף די ברייטסטע שיכטן פון דעם פאָלק, און דעריבער מוזן די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע, די פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלע גלײַכע רעכט פאַר אַלע פעלקער, וואָס וווינען אין דעם לאַנד, שטיין בײַ איר אין דעם פאָדערגרונט.

עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס עס איז איצטער נישטאָ קיין איין־איינציקע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד

נאָ הויז אפשר אַ פּאָר עקסטרעמיסטישע גרופּן), וואָס זאָל נישט האָבן אָנגעשריבן דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און זעלבסטפאַרוואַלטונג אויף איר פאָן.

און די ערשטע זאַך, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט געטאָן, איז געווען די פּראָקלאַמירונג אָט פון דעם מאָדערן־דעמאָקראַטישן פּרינציפּ: גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אַלעמען. עס קאָן גאָר קיין ברעקל ספק נישט זיין, אַז די רוסישע קאָנסטיטוציע וועט אין דער פולסטער מאָס דורכפירן אָט די נייע יסודות פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פון וועלכע די גרויסע פראַנצויזישע צענטראַליסטישע רעוואָלוציע האָט קיין ברעקל אַנונג נישט געהאַט.

אָבער דורך דעם גופא וועלן אין רוסלאַנד באַשאַפן ווערן אַזעלכע באַדינגונגען פונם פּאָליטישן לעבן, וואָס וועלן צווינגען דאָס יידישע פאָלק צו אָרגאַניזירן זיך, ווי אַ נאַציע, צו געניסן די זעלביקע רעכט, ווי אַלע, ביי איר אייגענעם טיש און נישט צו שטופּן זיך אין אַ פרעמדער סביבה.

II

די דערהאַלטונג פון דעם יידישן פאָלק אין גלות אין אַ משך פון באַלד צוויי טויזנט יאָר דערקלערט דער אַסימילאַטאָר אויף אַ גאַנץ פשוטן אופן: דורך די שטענדיקע פאַרפאָלגונגען און גזירות אויף יידן. וואָלטן די פעלקער זיך באַגאַנגען מיט אונז, ווי מיט מענטשן, וואָלטן מיר שוין לאַנג אָפּגעזאָגט זיך פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און וואָלטן נאָר אפשר פאַרבליבן ווי אָנגעהעריקע פון אַ באַזונדער רעליגיעזן גלויבן, אַ מער אָדער ווייניקער רעפאָרמירטן. אַזוי גלויבט דער אַסימילאַטאָר.

דער באַווייז פאַר אים איז דער ביישפּיל פון יענעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס די יידנשאַפט האָט דורכגעמאַכט אומעטום, ווו נאָר מען האָט זיי עמאַנסיפּירט בירגערלעך און פּאָליטיש

עס איז דעריבער פאַר דעם אַסימילאַטאָר קיין ברעקל ספק נישט, אַז אויך אין דעם באַפרייטן רוסלאַנד וועט דאָס יידישע פאָלק מוזן דורכמאַכן דעמזעלביקן אַסימילאַציע־פּראָצעס.

אָבער דאָ מאַכט ער אַ געוואַלדיקן טעות און באַווייזט נאָר דערמיט, וואָס פאַר אַ קנאַפּע ידיעה ער האָט אין די קרעפטן, וואָס באַהערשן דאָס לעבן פון די פעלקער, און ווי באַזונדערס פאַלש איז זיין אָפּשאַצונג פון יענער הויפּט־קראַפט, וואָס באַהערשט דאָס היסטאָרישע לעבן פון דעם יידישן פאָלק.

פעלקער זענען לעבעדיקע, איינהייטלעכע אָרגאַניזמען, וואָס קעמפן עקשנותדיק פאַר זייער קיום אויף דער וועלט. מיט גוטן זאָגט זיך קיין פאָלק נישט אָפּ פון זיין אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; בפרט יענע פעלקער, וואָס זענען שוין געקומען צו אַ שאַרפן און קלאָרן נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין.

אומלבע פעלקער קאָנען פאַרשווינדן — און זענען אָפט אין דער געשיכטע פאַרשוואונדן — נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ ו י ס ר אָ ט ו נ ג ע ן, פון אַ געוואַלטזאַמען נאַציאָנאַלן מאָרד. מיט דעם יידישן פאָלק קאָן אַזוינס שוין מער נישט פּאַסירן. זיין צעשפּרייטונג איבער דער גאַנצער וועלט איז געווען איינער פון יענע מיטלען, וואָס האָבן אים געהאָלפן אויסצומיידן דעם טויט דורך געוואַלטזאַמער פאַרטיליקונג. און ווען ער וועט זיך איצטער אומקערן אַהיים און איינשטעלן אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן, וועט דאָס געשען אין אַ צייט, ווען קריגערישע אויסראָטונגען פון גאַנצע פעלקער זענען שוין געוואָרן אַן אוממעגלעכע זאַך.

אין דער צעשפּרייטונג האָט זיך אָבער דאָס יידישע פאָלק דערהאַלטן נישט דערפאַר, וואָס די פעלקער האָבן אים נישט געוואָלט איינזויגן אין זיך, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט מיט זיין גאַנצער מאַכט געקעמפט אַנטקעגן דעם, די אַרומיקע פרעמדע סביבה זאָל אים איינשלינגען. די גאַנצע יידישע רעליגיע, דאָס גאַנצע גייסטיקע שאַפן פון אונדזער פאָלק, דער גאַנצער בוי פון זיין לעבן האָט געהאַט נאָר איין אויסטייק און זין: ווי אַזוי אַרומצורינגלען זיך מיט אַן אייגענער נאַציאָנאַלער אַטמאָספער, וואָס זאָל אויפהאַלטן די גאַנצקייט פון דעם פאָלק.

דער, וואָס שטודירט די יידישע געשיכטע, ווי אַן אָביעקטיווער היסטאָריקער און נישט ווי אַ פּאַראינטערעסירטער פּאַטריאָטישער אַסימילאַטאָר, ווייס שוין פון לאַנג אָן, אַז די פאַרפאָלגונגען האָבן קיינמאָל נישט געהאָלפן דעם יידישן פאָלק אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ. אַדרבה, זיי זענען תמיד געווען דער גרעסטער שטער דערצו. שוין אין דעם יאָר 1887 האָב איך, אין מיין היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם געשיכטלעכן גורל פון דעם יידישן פאָלק, געקאָנט מיט פאַקטן באַווייזן, אַז די פאַרפאָלגונגען פלעגן תמיד פירן אָדער צום שמד, אָדער צו עמיגראַציע, אָדער צו אַ וועלכער עס איז משיח-באַוועגונג, וואָס פלעגט אונטערגראָבן די יסודות פון דער יידישער עקזיסטענץ אין גלות. דאָס נאַציאָנאַלע לעבן און שאַפן פלעגט אָבער אויפבליען נאָר דאָרטן און דעמאָלט, ווו און ווען עס פלעגן באַשאַפן ווערן באַדינגונגען פאַר אַן אומגעשטערטער אינעווייניקסטער אַנטוויקלונג.

כלומרשדיקע אויסנאַמען פון דעם כלל זענען די שיקזאַלן פון דעם יידישן פאָלק צווישן די מערב-אייראָפּעאישע פעלקער, אין יענע לענדער, ווו די יידן זענען געוואָרן עמאַנסיפּירט: אָבער אָט די אויסנאַמען דערקלערן זיך דורך גאַנץ באַזונדערע אומשטענדן.

ק ו ד ם האָבן מיר צו טאָן נישט מיט דעם רוב בנין פון דעם פאָלק, נאָר מיט איינצלנע אָפּגעשפּרונגענע קליינע פראַגמענטן, וואָס קאָנען אַלעמאָל גיין פאַרלאָרן ביי אַ פאָלק.

צ ו ו י י ט נ ס, באַלאַנגען יענע פראַגמענטן צו די העכערע, בורזשואַזערע שיכטן, וואָס זענען אָפטמאָל ביי אַלע פעלקער עלול צו ווערן אומטריי צו זייער אייגענער אומה, ווי נאָר די צוגעהעריקייט צו זייער פאָלק טרעט אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן (פאַרגלייך, צ. ב. ש., די פּוילישע „אוגאָדאָווצעס”).

ד ר י ט נ ס, האָט דער יידישער גייסט דעמאָלט דורכגעלעבט דעם שווערסטן קריזיס אין זיין לעבן: דעם באַנקראָט אין זיינע האָפענונגען אויף אַן איבערנאַטירלעכן משיח. עס האָט

זיך געדוכט, אַז אויף אַ נאַטירלעכן אופן קאָן דאָס יידישע פאָלק קיינמאָל נישט אויפגעריכט ווערן, און אַז יידן, ווי אַ נאַציע, זענען סיי ווי סיי פאַרפאַלענע, — האָט מען זיך אונטערגעגעבן דעם יצר-הרע פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד, וואָס האָט זיך געלוינט פאַר די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינטערעסן פון דעם מער אָדער ווייניקער זיכער-געשטעלטן יחיד.

פערטנס, איז די אַסימילאַציע געווען אַ לעבנס-נויט פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק, ווייל נאָר אַ דאַנק איר האָט זיך דער יידישער געדאַנק געקאָנט באַפרייען פון די רעליגיעזע יסודות, אויף וועלכע זיין גאַנץ לעבן איז געווען אויפגעבויט.

פינפטנס, איז דעמאָלט דער אַל-מענטשלעכער פּראָגרעסיווער געדאַנק געשטאַנען אונטער דער שליטה פון דער גרויס-בורזשואַזער קאָסמאָפּאָליטישער פּסיכאָלאָגיע, וואָס פאַר איר איז יעדער מענטש געווען אַ „סתם-מענטש”, אַ פּראָדוצירער פון עקאָנאָמישע ווערטן, אָדער אַ פאַרמיטלער אין דעם פּראָצעס פון מקח וממכר, אַן אַבסטראַקטער עקאָנאָמישער ציפער, וועמעס נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן עס ווערן נישט גענומען אין באַטראַכט; אָדער וועמעס נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן עס קענען אַקוראַט אַזוי לייכט אויסגעביטן ווערן אויף אַנדערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, ווי לייכט מען קאָן אַן אַמעריקאַנישן דאָלאַר אויסבייטן אויף רוסישע רובלס, רוסישע רובלס אויף דייטשישע מאַרקן און אַזוי ווייטער.

אָט דאָס זענען געווען די פינף וויכטיקסטע מאָמענטן, וואָס האָבן אין דער נייעסטער צייט אַרויסגערופן די אַסימילאַציע-שטרעבונגען אין דעם לעבן פון די מערב-אייראָפּעאישע יידן. און אויך דאָרטן, אין מערב-אייראָפּע, האָבן זיי נישט געקאָנט איינגאַנצן פאַרטויבן דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט, נישט געקאָנט מאַכן אַ תל פון דעם יידישן פאָלק; אויך דאָרטן איז זייער צייט שוין אַריבער; אויך דאָרטן האָבן די אַסימילאַציע-אידעאַלן שוין געפּלאַצט, און די בעסערע קינדער פון אונזער פאָלק הייבן זיך אָן אומצוקערן „אַהיים”, ווערן וואָס ווייטער,

אַליין מער דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט.

נאָך וויכטיקער קאָנען אָט די פינף קוואַלן פון דער אַסימילאַציע שפּילן אַוועלכע עס איז אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק אין די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער.

ערשטנס, האָבן מיר דאָ צו טאָן נישט מיט אָפּגעשפּרונגענע פראַגמענטן פון אונזער פאָלק. די יידן פון די סלאַווישע לענדער און פון רומעניען זענען דאָס יידישע פאָלק, זיין גרעסטער רוב מנין און רוב בנין, אין זיי, אין אָט די מאַסן, לעבט דער נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונגס-טריב, דער איינגעעקשנטער אָרגאַנישער קאַמף פון יעדן פאָלק פאַר זיין זיין אויף דער וועלט; דאָס באַוווסטע און אומבאַוווסטע שטרעבן צו דערהאַלטן זיך, ווי אַ באַזונדער מענטשלעכער מין.

צווייטנס, באַשטייט אונזער פאָלק דאָס רוב פון אָרעמע אָדער קוים באַלעבאַטישע מאַסן, וואָס לעבן צווישן זיך, וואָס האָבן נישט נאָר גאָרנישט צו געווינען פון דער אַסימילאַציע, נאָר וואָס מוזן זייער אָפט ליידן פון איר, ווייל די שלעפּט אַוועק פון פאָלק די גרעסטע כוחות, און וועלכע מען נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין דערהיים.

דריטנס, איז דער יידישער געדאַנק שוין אַרויס אַ לעבעדיקער, אַ פאַרשטאַרקטער און אַ באַפרייטער, פון יענעם קריזיס, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען אין דעם סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט: אַ דאַנק דער אומגעהייער-פרוכטבאַרער אַרבעט פון דעם נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיוון דור, — פון די פינסקערס, ליליענבלומס, אחד-העמס, הערצלס, נאָרדויס, דובנאָווס, ראַטנערס, זשאַבאָטינסקיס און נאָך אַ סך אַנדערע, יינגערע און עלטערע, אַ דאַנק דער טעטיקייט פון אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען: פון דעם ציוניזם, דעם „בונד״, פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, איז די נאַציאָנאַלע אידייע אָפּגעטיילט געוואָרן פון דעם רעליגיעזן גלויבן אין משיח און ווונדער, און דער באַנקראָט פון יענעם גלויבן רירט שוין נישט אָן די יסודות פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין.

פֿערטנס, איז די אַסימילאַציע שוין נישט מער קיין קולטורעלע לעבנס־נויט פֿאַרן יידישן פֿאָלק, עס איז אינדערהיים באַשאַפֿן געוואָרן אַ רייכע אייגענע ליטעראַטור, וואָס קאָן צופֿירן מאָדערנע וועלטלעכע בילדונג צו די מאַסן אין זייער אייגענער שפּראַך, און מיר האָבן שוין אַ גאַנצן דור יונגע געלערנטע, וואָס שעפּן זייערע דערקענטענישן אין דער פֿרעמד מיט נישט קיין אַנדער צוועק, ווי נאָר מיט דעם, כּדי צו ברענגען עס צוריק אַהיים, כּדי צו באַפֿרוכפּערן מיט זיי די אייגענע פֿעלדער.

און וויכטיקער פֿאַר אַלץ איז די ענדערונג אין דעם *פֿינפֿטן* פּונקט: דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער געדאַנק פֿון דער מענטשהייט האָט זיך שוין אינגאַנצן און אַבסאָלוט אָפּגעזאָגט פֿון דעם גרויס־בורזשואַזן קאָסמאָפּאָליטיזם.

אויף דער עקזיסטענץ פֿון איינצלנע פֿעלקער קוקט מען שוין נישט ווי אויף אַן אומגליק, פֿון וועלכן מען דאַרף זען וואָס גיכער פּטור צו ווערן, אָדער מיט וועלכן מען דאַרף זיך הענכסטנס רעכענען מיט קללות אין האַרצן. גאַנץ נייע אידעאַלן באַהערשן איצטער די וועלט.

שוין דער ערשטער *אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל* האָט אין די זעכציקער יאָרן פֿון דעם פֿאָריקן יאָרהונדערט אָפֿיציעל געבראָכן מיט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם פֿון דער גרויס־בורזשואַזיע און האָט אויף זיין פּלאַץ ווידער אויפֿגעבויט דעם אַלט־יידישן אידעאַל פֿון *אונזערע נביאים, דעם אינטערנאַציאָנאַלן* אידעאַל פֿון „שבֿת אחים“ צווישן פֿעלקער, פֿון ליבע און רעספּעקט צו יעדעס איינצלנעם פֿאָלק, צו זיין שפּראַך, זיין קולטור, זיין אייגענעם דרך אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

אָט די פֿעלקער־פֿריינטלעכע טענדענצן פֿון די אַלט־יידישע פֿאָלקסמענטשן, וועלכע דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט, דער אַוואַנגאַרד פֿון די פֿאָלקסמאַסן, האָט ווידער לעבעדיק געמאַכט אין דעם עפֿנטלעכן געדאַנק, — זיי ווערן איצטער די הערשנדיקע אין דעם פּאָליטישן לעבן, אַ דאַנק דעם איצטיקן קריג און דער רוסישער רעוואָלוציע.

III

מיר האָבן געזען, ווו עס ליגט דער גרונט־פעלער פון אונזערע אסימילאַטאָרן פאַר רוסלאַנד. זייער אידעאַל איז געבליבן הינטער אונזער צייט אויף מינדסטנס אַ דריי דורות צוריק, סיי אין דער אַלגעמיינער פראָגרעסיווער פאָליטיק, סיי אין דעם פראָגרעסיוון געדאַנק פון דעם יידישן פאָלק.

אין דער פראָגרעסיווער פאָליטיק פון דער וועלט טרעט דער פעדעראַליסטישער פרינציפ זיגרייך אַרויס אַנטקעגן דעם צענטראַליסטישן; אין דעם יידישן לעבן איז פאַרשוואונדן דער קעגנזאַץ פון פראָגרעס און נאַציאָנאַליטעט — אַ קעגנזאַץ, וואָס האָט געהערשט סיי ביי דעם פרום־נאַציאָנאַלן דור, סיי ביי דעם פראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן, די איבערהאַנט אין דעם יידישן לעבן, די פירנדיקע ראָלע גייט אַריבער צו דעם נאַציאָנאַל־פראָגרעסיוון דור, וואָס זוכט אויפצובויען דאָס יידישע לעבן אויף דיזעלביקע פאָליטישע יסודות, וואָס ווערן הערשנדיק אין דער אייראָפעאישער דעמאָקראַטיע.

אָבער נישט נאָר די פרינציפן פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע און פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־פראָגרעסיוון געדאַנק וועלן טרייבן די יידן אין רוסלאַנד דערצו, זיי זאָלן זיך קאָנסטיטואירן נאַציאָנאַל, זיי זאָלן קעמפן אַנטקעגן דער אַסימילאַציע און זיי זאָלן אַלע כוחות אָנווענדן, כדי אָפצוהיטן דעם אייגענעם קיום און די אייגענע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג: דאָס פאָליטישע לעבן אין דעם פרייעם רוסלאַנד וועט זיי צווינגען דאָס צו טאָן.

די רוסישע דעמאָקראַטיע וועט זיין אַ פרייע נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה, די איינצלנע פעלקער, לפחות די קולטורעלע, וועלן באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט, ד. ה. נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. דאָס איז די פאָדערונג פון אַלע פראָגרעסיווע פאַרטייען אין לאַנד.

לויט דעם פּרינציפּ פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועט די מלוכה אַריבערטראָגן אויף די איינצלנע פעלקער אַ טייל פון איר מאַכט און וועט זיי איבערגעבן די אויפגאַבע, זיי זאָלן אויספירן געוויסע עפנטלעכע ענינים, וואָס האָבן פריער געהערט נאָר צו איר אייגענער קאָמפּעטענץ.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל: די פאָלקס-בילדונג. פאָלקס-בילדונג איז אַן ענין, וואָס געהער צו דער מלוכה. זי בילדעט די דערציאונגס-אַנשטאַלטן אויף איר חשבון, אָבער אויך אין איר שפּראַך, אין דער אָפיציעלער מלוכה-שפּראַך. גיט זי אַ וועלכער עס איז נאַציאָנאַליטעט אויטאָנאָמיע אין בילדונגס-זאַכן, דעמאָלט באַפולמעכטיקט זי די נאַציאָנאַליטעט, זי זאָל *אויף איר חשבון* און אונטער דער קאָנטראָל פון אירע געזעצן בויען די נויטיקע דערציאונגס-אַנשטאַלטן פאַר אירע קינדער, אין איר אייגענער שפּראַך. די מלוכה איז דעריבער מחויב צו געבן די הוצאות דערצו, ד. ה. אַוועקגעבן דער נאַציאָנאַליטעט אַ געוויסן טייל פון איר יערלעכן בודזשעט פאַר פאָלקס-בילדונג. און די נאַציאָנאַליטעט איז זיך מתחייב אויסצופילן דעם ווילן פון דער מלוכה, לויט אירע אייגענע נאַציאָנאַלע נויטן און לויט די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דעם לאַנד.

און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע ענינים, וואָס קאָנען אַריבערגעטראָגן ווערן פון דער מלוכה אויף דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

נאַציאָנאַלע רעכט זענען דעריבער נישט נאָר רעכט, נאָר אויך קעגנזייטיקע פליכטן: פליכטן פון דער נאַציע צו דער מלוכה און פון דער מלוכה צו דער נאַציע.

פון דעם אַליין ווערט שוין קלאָר, ווי אויסגעבונדן עס זענען דערביי די אינטערעסן פון דער אַלגעמיינער מלוכה און די אינטערעסן פון איינצלנע נאַציעס; וואָס גענאַמער עס זענען די גרענעצן פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס מער עס ווערט דורכגעפירט דער פּרינציפּ פון פעדעראַליזם, וואָס מער ענינים די מלוכה טראָגט אַריבער אויף דער נאַציאָנאַליטעט, אַלץ

מער ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פעלקער־פאַראייניקונג, אין אַ שותפות, ווו דער איינצלנער שותף איז נישט דער בירגער, נישט דער יחיד, — נאָר דאָס פאָלק, צו וועלכן דער יחיד געהערט.

דערפון אַליין איז שוין אָבער אויך ממילא געדרונגען, אַז יעדער איינער מוז דערביי זיין פאַראינטערעסירט, זיין פאָלק זאָל האָבן פון דער שותפות דעם גאַנצן חלק מלוכה־הילף, סיי אין אַ מאַטעריעלן, סיי אין אַ גייסטיקן זין, — וואָס אים קומט, לויט דעם דעמאָקראַטישן יושר. קיין אַנדער פאָלק זאָל נישט האָבן קיין איין ברעקל איבערוואָג איבער אים, וואָס זאָל נישט זיין באַרעכטיקט לויט דעמזעלביקן דעמאָקראַטישן יושר. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיעס דאַרפן ווערן געבויט אויף דעם יסוד פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג ווערט גאַראַנטירט דורכן געזעץ, אָבער דורכגעפירט אין לעבן קאָן זי נאָר ווערן דורך דער אָנשטרענגונג פון די אייגענע נאַציאָנאַלע כוחות. און ווי פינקטלעך דאָס געזעץ זאָל נישט באַוואָרענען אַלע רעכט, וועט אָבער די נאַציע זיין געצוווּנגען צו אַנטוויקלען איר גאַנצע מאַכט, כדי צו דערגרייכן אין דער ווירקלעכקייט יענע וואָג און באַדייטונג אין דעם אַלגעמיינעם מלוכה־לעבן, צו וועלכער זי איז פעאיק לויט אירע אינעווייניקסטע קרעפטן.

נישט נאָר זי דאַרף זיין שטאַרק אין צאָל, נאָר אויך קרעפטיק אין איר קולטורעלן לעבן, אין איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, כדי צו ווערן אַ פאַקטאָר, מיט וועלכן נישט נאָר דאָס געזעץ, נאָר די גאַנצע ווירקלעכקייט זאָל זיך דאַרפן רעכענען.

דאָס מוז פירן דערצו, וואָס קיינער וועט נישט וועלן ליידן, אַז דעם אַנדערנס וואָג און באַטייט אין עפנטלעכן לעבן זאָל פאַרגרעסערט ווערן נישט אַ דאַנק די אייגענע אינעווייניקסטע כוחות, נאָר אַ דאַנק יענע כוחות, וואָס זענען אָוועקגערויבט געוואָרן פון דער פרעמדער. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז קיין פאָלק וועט נישט וועלן ליידן, אַ וועלכעס עס איז אַנדער

פֿאָלק זאָל שטאַרקער ווערן אַ דאַנק דעם, וואָס עס וועט אַסימילירן אין זיך ווערטפֿולע טיילן פֿון אַן אַנדערן.

יעדע נאַציאָנאַליטעט, וואָס וועט דערלאָזן, אַז די אַסימילאַציע זאָל זיך ערנסט אַריינגרייסן אין איר לעבן און אַוועקשלעפּן אירע קינדער צו אַן אַנדער פֿאָלק, וועט דורכדעם גופא באַגיין אַ דאָפּלטן פּאָליטישן פֿעלער: ערשטנס, וועט זי אָפּשוואַכן איר אייגענע וואָג און באַדייטונג, און צווייטנס וועט זי אַרויסרופֿן די שנאה צו זיך מצד יענע פֿעלקער, מיט וועלכע זי אַסימילירט זיך נישט.

אין דעם צוקונפֿטיקן פֿרייעם רוסלאַנד וועט אַזאַ אַסימילאַטאָרישע טאַקטיקן פֿון דעם יידישן פֿאָלק, — אויב זי זאָל ווייטער אָנגעפֿירט ווערן, — ווערן נאָך געפֿערלעכער פֿאַר אונז, אידער איצטער, ווייל דעמאָלט וועלן אַ סך נאַציאָנאַלע גרופּן זיין פֿאַראינטערעסירט, מיר זאָלן מיט אונזער גרויס-רוסישער אַסימילאַציע נישט שטערן דעם נאַטירלעכן באַלאַנס פֿון די נאַציאָנאַלע קרעפֿטן אין דעם לאַנד.

און ווען אַפֿילו דאָס יידישע פֿאָלק זאָל זיך אָנהויבן טיילווייז אַסימילירן מיט אַלעמען אין אַ גלייכער מאָס, — ווערן נישט נאָר גרויס-רוסיש, נאָר אויך קליין-רוסיש, ווייס-רוסיש, טאָטעריש, אַרמעניש און גרוזיניש, — וועט עס דערמיט נישט אָפּוועגן דעם אומווילן פֿון די פֿעלקער אַנטקעגן זיך.

די גרויס-רוסישע אינטעליגענץ וועט זיין אַנטקעגן אונז איינמאָל דערפֿאַר, וואָס מיר קאָנקורירן מיט איר גופא אין דער גרויס-רוסישער קולטור, און אַ חוץ דעם וועט זי נאָך מאָנען פֿון אונז, פֿאַרוואָס מיר פֿאַרשטאַרקן מיט אונזערע קינדער די [illegible]מערישע קרעפֿטן און די קולטורעלע מאַכט פֿון דעם קליין-רוס, דעם ווייס-רוס, דעם טאָטער און דעם גרוזין.

און אַקוראַט אַזאַ פֿילפֿאַכער אַנטיסעמיטיזם וועט מחמת די אייגענע טעמים מוזן דערוועקט ווערן ביי דעם קליין-רוס, דעם ווייס-רוס, דעם טאָטער און דעם גרוזין. יעדע פֿון די נאַציאָנאַלע גרופּן וועט אונז פֿיינט האָבן סיי דערפֿאַר, וואָס מיר רייסן זיך אַריין אין איר קולטור, לייגן אַרויף אונזער יידישן

שטעמפל אויף איר אנטוויקלונג, סיי דערפאר, וואס מיר רייסן זיך אריין אין פרעמדע קולטורן און מאכן נאך שטארקער זייער קראפט. — דאס וועט, אמת, זיין א גרויסער אינעווייניקסטער ווידערשפרוך; וועלן מיר דעמאלט האבן ביי זיי א לאגישע עוולה.

עס וועט פאר דעם יידישן פאלק דעריבער קיין אנדער ברירה נישט זיין, סיידן צו קאנצענטרירן זיך ארום דער אייגענער נאציאנאלער פאן, זען, אז אלע אויפטוען, וואס די יידן טוען־אויף אויף דעם פעלד פון דער פריידלעכער קולטור, זאלן פארשריבן ווערן אויף דעם יידישן חשבון און נישט אויף קיין אנדערנס: *אז יעדער ייד זאל בלייבן אין דער היים*, אז יעדער טראפן יידישע ענערגיע זאל פארשטארקן די אייגענע פאזיציע און פארמערן די אייגענע חשיבות און דעם אלגעמיין־מלוכהשן לעבן; ד. ה. זען, אז דער אסימילאציע־פראצעס זאל אינגאנצן אויפהערן.

און נאך א פונקט. די אינעווייניקסטע לאגיק פון א נאציאנאליטעטן־מלוכה וועט באשאפן א גאנץ אנדער באגריף פון *עפנטלעכן יחוס*, פאר וועלכן דער מאדערנער ייד איז אזוי עמפינדלעך. אין א צענטראליסטישער מלוכה איז דאס הערשנדיקע פאלק דער יחוס. זיין שפראך, זיין קולטור איז די געהויבענע און די עקאנאמיש־פארטיי־להאפטערע. דאס איז איינע פון די אורזאכן, פארוואס אסך יידן זענען אזוי להוט ארויסצושפרינגען פון דער אייגענער הויט און ארויפציען אויף זיך די פרעמדע הויט פון דעם מיוחס. אין א פעדעראליסטישע מלוכה וועט דער גרעסטער יחוס זיין — *די טרייקייט צו דער אייגענער פאן*, דער שטאלץ מיט דער אייגענער נאציע. דער ייד מיט זיין עמפינדלעכן חוש פאר עפנטלעכן יחוס — וועט תיכף דערשפירן, וווהין עס בלאזט דער ניייער ווינד און ווי מען דארף דעריבער אנשטעלן די לייזונגען פון זיין נאציאנאלן אקרענט...

ז׳

די שפראַכן־פראַגע

אין דעם אויטאָקראַטישן רוסלאַנד איז דער יידישער עפנט־לעכער געדאַנק געשטאַנען פאַר מינדסטנס דריי גרונט־פּראָבלע־מען בנוגע צו דעם נאַציאָנאַלן לעבן:

זאָל מען זיך אַסימילירן מיט דער נישט־יידישער וועלט, אָדער אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די אייגענע יידישע נאַציאָנאַלי־טעט? נאַציאָנאַליזם אָדער אַסימילאַציע?

זאָל מען קעמפן פאַרן קיום הלאום נאָר אין אַן אייגענעם יידישן לאַנד, אָדער נאָר אין די גלות־לענדער? אָדער אפשר אי דאָ, אי דאָרטן? טעריטאָריאַליזם, גלות־נאַציאָנאַליזם, אָדער אַ סינטעז פון ביידע?

זאָל די נאַציאָנאַלע שפּראַך זיין העברעאיש, אָדער יידיש? העברעאיזם אָדער יידישיזם? אָדער ביידע שפּראַכן צוזאַמען?

מיר האָבן שוין פריער געזען, ווי אַזוי די ערשטע פּראָב־לעם, — נאַציאָנאַליזם אָדער אַסימילאַציע, — וועט מוזן פאַר־ענטפערט ווערן אין דעם פרייעם רוסלאַנד. די רוסישע רעוואָ־לוציע וועט פּראָקלאַמירן און דורכפירן אין לעבן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיעס פאַר אַלע קולטורעלע פעלקער פון דעם לאַנד (מינדסטנס פאַר זיי), די געשאַפענע פּאָליטישע לאַגע וועט צווינגען דאָס יידישע פאָלק אַרויפצוטרעטן אויף דעם וועג פון אייגענער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, — אַ וועג, וואָס שטימט סיי מיט די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער פע־דעראַליסטישער דעמאָקראַטיע, סיי מיט די אינעווייניקסטע היס־טאָרישע טענדענצן פון דעם יידישן פאָלק.

דערמיט גופא ווערט אויך פאַרענטפערט אַ גרויסע טייל פון דער צווייטער פּראָבלעם. עס ווערט אַבסאָלוט און שאַרף

אָפּגעשליידערט דער ריינער טעריטאָריאַליזם, וואָס וויל וויסן פון אַ יידישן פאָלק נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס האָט אַן אייגן לאַנד, אָדער לעבט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע. די רוסישע רעוואָלוציע וועט אין דער ערשטער ליניע ברענגען דעם טריאומף פון דעם יידישן גלות־נאַציאָנאַליזם. ווי עס זאָל נישט האַלטן אין דער צוקונפט מיט אַ יידיש לאַנד, אין רוסלאַנד וועט דאָס יידישע פאָלק מוזן בויען אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט דאָרטן וווינען אַ יידיש פאָלק.

אָט די צוויי פאַקטן, — די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און די נויטווענדיקייט אָנצושטרענגען דעם נאַציאָנאַלן ווילן אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, ברענגען מיט זיך אָבער דעם פולן און קלאָרן ענטפער אויף אויף דער דריטער פּראָבלעם: די פראַגע וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וועגן העברעאיש אָדער יידיש.

אין דער פאַררעוואָלוציאָנערער צייט איז דער העברעאיזם אַרויסגעטרעטן מיט דער פאָרמול: „או עברית, או רוסית״; אונזער שפּראַך אין רוסלאַנד דאַרף זיין אָדער די העברעאישע, אָדער די רוסישע.

פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך נאָר אַריינגעטראַכט אין דעם ענין פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די רוסלענדישע פעלקער, מוז זיין קלאָר ווי דער טאָג, אַז וועגן רוסיש, ווי אַן אָפיציעלע שפּראַך פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ווי דער שפּראַך פון די יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן אין דעם יידישן עפנטלעכן לעבן, קאָן איצטער גאָר קיין רייד נישט זיין.

שפּראַך־געמיינשאַפט איז קולטור־געמיינשאַפט. אַ פאָלק, וואָס רעדט אַ שפּראַך און לעבט אין אַ קולטור פון אַן אַנדער פאָלק, קאָן אין אונזערע צייטן נאָר דעמאָלט אָפּהיטן זיין נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט, ווען עס האָט אַן אייגענע, פּאָליטיש־אומאָפּהענגיקע טעריטאָריע, — ווי די אַמעריקאַנער אין פאַרגלייך מיט די ענגלענדער, די דייטש־שווייצער אין פאַרגלייך מיט דייטשלאַנד, די בעלגישע וואַלאַנען אין פאַרגלייך מיט פראַנקרייך.

אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה פאַלט דעריבער נאַציאָנאַליטעט צונויף מיט שפּראַך. וועלכע שפּראַך די געברויכסטע, צו יענער נאַציאָנאַליטעט ביסטו צוגעשריבן. אַט פאַרוואָס אין עסטרייך און אויף דעם באַלקאַן־האַלב־אינזל מאַכן די פּאָליטיקער אַזוי פיל קונצן מיט דער שפּראַך־סטאַטיסטיק, אַט פאַרוואָס אין עסטרייך טאָר אַ ייד נישט אָנגעבן יידיש פאַר זיין מוטער־שפּראַך. אַט פאַרוואָס אין בוקאָווינע ווערט יידיש פאַררעכנט פאַר דייטש און אין גאַליציע גאָרנישט פאַררעכנט, אַקוראַט, ווי עס וואָלט איבערהויפּט נישט עקזיסטירט. אין בוקאָווינע ווערט גערעכנט מיט אַזוי פיל מער דייטשן, וויפל עס זענען דאָ יידן, און אין גאַליציע מיט אַזוי פיל מער פּאָלאַקן, ווייל... גיי, פרעג קשיות אויף גאַליציע! ווייל יידיש איז קיין שפּראַך נישט.

אָננעמען רוסיש פאַר דער אָפיציעלער שפּראַך פון דער יידישער אויטאָנאָמיע וואָלט געהייסן צושרייבן זיך צו דער גרויס־רוסישער נאַציאָנאַליטעט און — אַרויסרופן אַנטקעגן זיך דעם פּראָטעסט און דעם קאַמף מצד אַלע נישט גרויס־רוסן אין דעם לאַנד.

הייסט עס, אַז די בּרירה פון „אַ רוסית" איז אין רוסלאַנד לגמרי אָפּגעפרעגט. אַגב, וואָלט די בּרירה פון „אַ רוסית" געדאַרפט אין דער רוסישער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה פאַנאַנדערגעצויגן ווערן אין: „אַ רוסית, אַ טאַטאַרית, אַ טשוואַשית, אַ יאַקוטית וכו'", לויט די נעמען פון אַלע רוסלענדישע שפּראַכן, וואָס וועלן באַקומען די מלוכהשע גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער דאָס וואָלט אין קיין פאַל נישט געענדערט דעם גרונט־כאַראַקטער פון אַט דער בּרירה. דאָס וואָלט אין אַלע פאַלן געווען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי די אָפיציעלע אַסימילאַציע, וואָס איז איצטער דעם יידישן פאָלק אוממעגלעך געוואָרן אין רוסלאַנד.

בלייבן אויף די שאָלן פון דער וואָג נאָר די צוויי שפּראַכן, אין וועלכע אונזער פאָלק שאַפט: יידיש און העברעאיש. אויף וועלכער שאָל וועט די רוסישע רעוואָלוציע אַרויפלייגן איר גאַנצע געוויכט?

עס קאָן קיין ברעקל ספק נישט זיין, אַז נאָר אויף דער יידישער, די רוסישע רעוואָלוציע וועט, לפחות פאַר רוסלאַנד, ברענגען דעם טריאומף נישט נאָר פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם, נאָר אויך פון יענעם אידעאַל, מיט וועלכן ער איז לאָגיש פאַרבונדן: די מלוכהשע אָנערקענונג און די אינעווייניקסטע פאַנאַנדערבליאונג פון דער יידישער שפּראַך.

מיר האָבן שוין געזען, אַז אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז אַ שותפותדיקער עסק, אין וועלכן עס זענען גלייך פאַראינטערעסירט סיי די דעמאָקראַטישע מלוכה, סיי דאָס פאָלק, וועמען זי ווערט געגעבן. די מלוכה איז אָבער פאַראינטערעסירט, אַז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע זאָל געבויט ווערן אויף דעם יסוד פון יענער שפּראַך, וואָס ווערט ווירקלעך גערעדט און פאַרשטאַנען פון פאָלק.

עס זענען דאָ אַ סך טעמים, פאַרוואָס די מלוכה מוז שטעלן דעם פאָלק אַזאַ באַדינג. מיר וועלן ברענגען דאָ נאָר דעם וויכטיקסטן.

מער פון אַלץ איז די מלוכה פאַראינטערעסירט, אַז יעדער איינער זאָל זיין באַקאַנט מיט אירע געזעצן און אירע פאַראָרדענונגען. עס איז אַן אַלטער כּלל אין דער יוריספּרודענץ, אַז קיינער קאָן זיך נישט באַרופן אין געריכט אויף דעם פאַקט, וואָס אים איז נישט באַקאַנט דער געזעץ אָדער די פאַראָרדענונג.

אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה מוזן אַלע וויכטיקע פאַראָרדענונגען און געזעצן אַרויסגעגעבן ווערן אין אַלע יענע שפּראַכן, וואָס זענען אָפיציעל באַרעכטיקט דערצו, כּדי אַלע אויטאָנאָמע פעלקער זאָלן זיי קאָנען פאַרשטיין. פאַר גאָר גלייכבאַרעכטיקטע פעלקער מוז די מלוכה אַליין באַזאָרגן די וויכטיקע איבערזעצונגען, און זיי, די איבערזעצונגען, האָבן דעמזעלביקן יורידישן ווערט, ווי אַן אָריגינאַל: אין אַלע פאַלן קאָן מען זיך אויף זיי פאַררופן אין געריכט. אין אַנדערע פאַלן ווערן נאָך צוגעלאָזן באַגלויביקטע איבערזעצונגען, אָדער מלוכהש־אויטאָריזירטע איבערזעצונגען, וואָס זייער יורי־

דישע גילטונג איז אַ ביסל שמעלער איידער די פון דעם אָריגינאַל. (האָט אַ פאָלק נישט קיין שפּראַך-גלייכבאַרעכטיקונג, וועלן זייגע איבערזעצונגען באַטראַכט פאַר פּריוואַטע און האָבן נישט קיין יורידישע גילטונג פאַרן געריכט.

על כּל פּנים אָנערקענט די מלוכה נאָר אַזאַ שפּראַך, וואָס קאָן איר צונויף קומען, אין וועלכער זי קאָן זיך צונויפרעדן מיט דער באַפעלקערונג. עס איז דעריבער קלאָר, אַז ווען אַ פאָלק זאָל פאַרלאַנגען גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַ שפּראַך, וועלכע עס גענוצט נישט אין זיין טאָג-טעגלעכן לעבן, וועט די מלוכה מוזן אים אָפּזאָגן אין זיין פאַרלאַנג.

זאָלן די רוטענער, צום ביישפּיל, פּלוצלונג באַשליסן, אַז זיי ווילן אָנהויבן רעדן פראַנצויזיש און בויען זייער קולטור אין פראַנצויזיש, און זאָלן זיי אַרויסטרעטן מיט דער פאָדערונג, פראַנצויזיש זאָל ווערן דער יסוד פון זייער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועט זיי די מלוכה מוזן ענטפערן:

„ווי פרייע בירגער פון דעם לאַנד, זענט איר באַרעכטיקט אויסצובויען וועלכע שפּראַך איר ווילט. ווילט איר פראַנצויזיש, קאָנט איר, אויף אייער אייגענעם חשבון, ווי פּריוואַטע מענטשן, אויסבויען אַלע נויטיקע אַנשטאַלטן, אַז פראַנצויזיש זאָל ווערן די גערעדטע שפּראַך פון אייער פאָלק. און ווען זי וועט דאָס ווערן, וועט אייער אויטאָנאָמיע קאָנען געבויט ווערן אויף דעם יסוד פון יענער שפּראַך. ביז צו יענער צייט אָבער וועט פאַר מיר עקזיסטירן נאָר אייער מוטער-שפּראַך, רוטעניש, אָדער איר וועט איבערהויפּט נישט האָבן קיין אויטאָנאָמיע און וועט מוזן נאַציאָנאַל צוגערעכנט ווערן צו אַ וועלכער עס איז אַנדערער נאַציאָנאַליטעט. און די מיטלען, וואָס איך באַווילליק פאַר אייער אויטאָנאָמיע, קאָן איך באַווילליקן נאָר אויף דעם תּנאי, ווען זי זאָל זיין געבויט אויף דעם יסוד פון אייער איצטער גערעדטער שפּראַך, אָדער — איר וועט אי-בערהויפּט נישט באַקומען קיין מיטלען פון מיר. כּל זמן פראַנ-צויזיש איז נאָכנישט קיין גערעדטע שפּראַך ביי אַ באַדייטנ-

דיקער טייל פון אונזערע בירגער, קאָן זי נישט רעכענען אויף אַ וועלכער עס איז הילף מצד דער מלוכה״.

וואָס פראַנצויזיש פאַר דעם רוטענער, דאָס איז העברע־איש פאַר דעם יידן. פון אַ מלוכהשן שטאַנדפונקט, פאַרשטייט זיך: דאָס איז אַ שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק רעדט נישט און פאַרשטייט נישט. ממילא קאָן די יידישע אויטאָנאָמיע נישט גע־בויט זיין אויף איר יסוד, אַפילו ווען דאָס יידישע פאָלק זאָל דאָס וועלן.

און פאַרוואָס זאָלן די יידישע מאַסן, ד. ה. דאָס יידישע פאָלק, וועלן העברעאיש ווי אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך? וואָס פאַר אַ נוצן וועלן זיי האָבן פון אים אין דעם מלוכהשן לעבן? וועלכע לעבנס־נויטן פון די יידישע מאַסן וועט ער באַפרידיקן? קיינע לעבנס־נויטן קאָן ער נישט באַפרידיקן, קיין נוצן קאָן ער די יידישע מאַסן נישט ברענגען.

V

אין דעם פאָריקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, אַז די פרייע רוסישע נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה וועט פון איר זייט מוזן זיין פאַראינטערעסירט, די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פון די פעל־קער זאָל זיין אויפגעבויט אויף דעם יסוד פון דער געריצ־טער פאָלקס־שפּראַך, ממילא קאָן זי נישט געבן קיין נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג דעם העברעאיש, כל זמן יענער לשון איז באַכ־נישט די גערעדטע שפּראַך פון די יידישע מאַסן, פאַר דער יידישער אויטאָנאָמיע מוז ער שטעלן דעם באַדינג, זי זאָל געבויט ווערן אויף דעם יסוד פון יידיש.

אָבער אויך דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין אַנדער אינטערעס אין דער שפּראַכן־פראַגע, ווי נאָר דעם, אַז דער מלוכהשער יסוד פון זיין נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג זאָל זיין נישט העברעאיש, נאָר יידיש.

און ווען איך רעד פון דעם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד,

האָב איך דאָ אין זין דעם פּאָליטישן טייטש פון דעם וואָרט, וואָס האָט אין אַ דעמאָקראַטישער צייט קיין אנדער באַטייט נישט, ווי נאָר דעם: דאָס יידישע פאָלק, דאָס זענען די יידישע מאַסן, דער סכום יידישע מלוכה־בירגער, וואָס באַקומט אַ רעכט אויף אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אין זייערע לעבנס־אינטערעסן און נויטן ליגט, זאָג איך, אַז זייער אויטאָנאָמיע זאָל געבויט ווערן אויף דעם פונדאַמענט פון יידיש.

דאָס ליגט אין זייערע קולטורעלע לעבנס־נויטן, אין זייערע נאַציאָנאַלע לעבנס־נויטן, אין זייערע בירגערלעכע, פּאָליטישע און אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן.

דער אויפבוי פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אויף דעם יסוד פון דעם נישט גערעדטן העברעאיש וואָלט קולטורעל נאָך מער פאַרטיפט דעם תהום, וואָס עקזיסטירט איצטער צווישן די נידעריקערע מדרגות און די העכערע מדרגות פון דער יידישער קולטור.

עס איז נאָך נישטאָ אויף דער וועלט קיין איין פאָלק, וואָס ביי אים זאָלן אַלע שיכטן שטיין אויף דערזעלביקער מדרגה פון קולטור און בילדונג. אָבער ווייל ביי קיין ציוויליזירטן פאָלק אין דער וועלט איז נישטאָ קיין שפּראַכן־דואַליזם, — איין לשון פאַר די נידעריקערע קולטור־שיכטן, די „עם־הארצים״, און אַן אַנדער שפּראַך פאַר די געבילדעטע און געלערנטע, — קאָן יעדער איינער פון פאָלק, וואָס האָט נאָר דעם ווילן און די פעאיקייט דערצו, זיך אויפהייבן ביסלעכווייז פון די נידעריקסטע ביז צו די העכסטע שטאַפּלען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, און ער איז נישט געצוווּנגען דערביי אָנצוקומען צו אַ וועלכער עס איז פרעמדער, אים נישט באַקאַנטער שפּראַך.

אַזוי האָבן די אַרבעטער פּרודאָן, פּיער לערו און בענואַ מאַלאָן אין פראַנקרייך געקאָנט זיך אויפהייבן פון דעם נידעריקסטן קולטורעלן מעמד צו דער מדרגה פון פירער און וועגווייזער נישט נאָר פאַר זייער קלאַס, נאָר אויך, ווי פּרודאָן, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אַזוי האָבן בעבעל און האַזענקלע־

ווער אין דייטשלאַנד געקאָנט אַריינגעמען אין זיך די רעזולטאַטן פון דער רייכער דייטשישער בילדונג און פירן נישט נאָר דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישן קאַמף פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר אויך איר גייסטיקן קאַמף מיט דער בירגערלעכער וועלט. אַזוי האָט מאַקסים גאָרקי געקאָנט אַרויפקלעטערן פון דעם „באָרוועסן שייגעץ״ (דעם באָסיאַק) צו דער מדרגה פון אַ באַדייטנדיקן קינסטלער און אַן ערנסטן וואָרט־פירער פון דעם רוסישן פאָלק.

ביי די אַלע און ענלעכע פאָלקס־קינדער איז דער איבער־גאַנג פון נידעריקער צו העכערער קולטור נישט געווען פאַר־בונדן מיט אַ שפּראַך־רעוואָלוציע. זיי האָבן זיך געהויבן ביס־לעכווייז פון שטופע צו שטופע, אין יעדן מאָמענט פון זייער אַנטוויקלונג האָבן זיי אַרויסגעשטראַלט אַלץ מער בילדונג און אויפקלערונג אין זייער סביבה און מיט די שטראַלן האָבן זיי מאַגנעטיש געצויגן אין דער הויך אַלץ מער עלעמענטן פון דער נידער.

די איינהייטלעכע שפּראַך־אַטמאָספער פאַר אַלע גראַדן פון דער פאָלקס־קולטור גיט די מעגלעכקייט אויפצוּוועקן אַ סך שאַפנדיקע כּוחות פון דעם פאָלק, וואָס וואָלטן ביי אַנדערע אומשטענדן נישט געקאָנט אַריבערשפּרייזן דעם אָפּגרונט, וואָס די צוויי־שפּראַכיקייט באַשאַפט צווישן מאַסע און אינטעליגענץ.

זאָגט נישט: דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר ביי יענע פעל־קער, וואָס האָבן שוין אַ רייכע פּראָגרעסיווע קולטור אין זייער אייגענער שפּראַך. איך ווייס אַליין. אַז אונזער קולטור איז זייער אָרעם אין יענע אַלגעמיין־מענטשלעכע שאַפונגען, וואָס זענען נויטיק, כּדי מען זאָל קאָנען באמת זיין אַ מאָדערנער געבילדע־טער מענטש. אָבער אָט דער פּראָגרעסיוו־קולטורעלער דלות הערשט נישט נאָר אין דער יידישער שפּראַך, נאָר אויך אין דער העב־רעאישער, און אין דער העברעאישער אפשר נאָך אין אַ גרע־סערער מאָס, איידער אין דער יידישער.

וואָס עס זאָל נישט זיין די שפּראַך פון אונזער נאַציאָנאַ־לער אויטאָנאָמיע, וועט אַ היפּשע סומע געלט מוזן אָנגעווענדט

ווערן, כדי איבערצוזעצן אין איר די וויכטיקסטע אוצרות פון דער מענטשלעכער קולטור, אָנגעזאַמלט אין אַלע צווייגן פון דעם מענטשלעכן וויסן און שאַפן.

די דעמאָקראַטיש־יידישע נאַציאָנאַל־פאַרוואַלטונג וועט גאַנץ זיכער באַוויליקן דידאָזיקע סומען פאַר איבערזעצונגען אין יידיש, וואָס עפענען אויף פאַרן גאַנצן פאָלק אַלע טירן צו אַלע מענטשלעכע קולטור־אוצרות, און נישט אין העברעאיש, וואָס באַשאַפט נאָר אַן אָראַנזשעריע פאַר אַ פאָר אויסדערוויילטע יחידים; אין יידיש, וואָס באַפרוכפערט אַלע שאַפונגס־כוחות פון דעם פאָלק, און נישט אין העברעאיש, וואָס בלייבט איינגעשלאָסן אין דער וועלט פון אונזערע העכערע באַלעבאַטישע קרייזן.

מיט אַ פאָנד פון אַ מיליאָן רובל — וואָס איז אין אונזערע צייטן אַ מיליאָן רובל פאַר אַ מלוכהש־געשיצטער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג? — און מיט דער אַרבעט פון יענעם דור יידישע שריפטשטעלער, וואָס לעבט מיט אונז היינט, קאָן אויפגעבויט ווערן דער בנין פון דער מענטשלעכער פראָגרעסיווער קולטור פאַרן יידישן פאָלק, קאָנען איבערגעאַרבעט ווערן די נויטיקע ענציקלאָפעדיעס און גרונט־ווערק פון אַלע וויסנשאַפטן, קאָנען איבערגעזעצט ווערן די קלאַסיקער פון דעם טעאָרעטישן און קינסטלערישן שאַפן. און מיט אַ צוגאָב פון נאָך אַ ריש אַלף קערבלעך קאָנען באַאַרבעט ווערן איז יידיש אויך אַלע וויכטיקסטע, אמת־מענטשלעכע שאַפונגען, וואָס געפינען זיך אין דעם אוצר פון אונזער העברעאישער קולטור.

און מערקט אייך: די יידישע שפראַך איז פאַר די לעצטע פופצן יאָר געוואָרן אַזוי רייך, אַז אין דעם פרט פון איבערזעצונגען קאָן זי אַלעמאָל אויפנעמען די קאָנקורענץ מיט העברעאיש; דערהויפט נאָך מיט יענעם כלומרשט „מאָדערנעם” העברעאיש פון אונזערע טעג, וואָס איז געוואָרן נאָך ערגער, איידער אַ זשאַרגאָן, וואָס קלינגט ווי אַ קינסטלעכע געהיים־שפראַך, פאַרשטענדלעך נאָר פאַר די „אַנשי שלומינו”, וועלכע ווייסן דעם סוד.

משוגע וועט זי ווערן, די יידישע נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטיע, ווען זי זאָל געבן דעם פאָלק די קולטור אין אַ ש י פ ר י ר־ שפּראַך. דאָס וואָלט געהייסן געבן דעם פאָלק שטיינער אַנשטאָט

יט.

אגב, גלויב איך — און מבינים וועלן מיר מודה זיין אין דעם, — אַז אויך אין דעם ענין פון ניי־שאַפונגען האָט אונזער יונגער יידיש שפּראַכלעך שוין באַלד אָנגעיאָגט דעם גלענצנדיקסטן העברעאיש. אין בויגיקייט, רידעוודיקייט, פלינקן לויף און שטי־ פערישן האָן־שפּרונג קאָן זיך זעלטן ווער פון די העברעער פאַרגלייכן מיט אַ משה נאַדיר, וועמעס רייכער טאַלענט עס מוז נאָך ליידער אַוועקגיין דאָס רוב אויף שפּראַכלעכע מוסקול־גימ־ נאַסטיק. און משה נאַדיר איז נישט דער איינציקער פון אונזערע יונגע, וואָס קאָנען באַלאַנסירן אויפן נאָז אַ שטאַנג מיט אַ ברע־ נענדיקן לאָמפּ. מיט אַ ז ע ל כ ע עלאַסטישע מוסקולן קאָן אונ־ זער שפּראַך שוין איצטער געפינען איר גלייכגעוויכט אין יעדער לאַגע, אַפילו דאָרטן, ווו מען דאַרף קאָנען זיך אויסגעפינען אין די צאַרטסטע שאַטירונגען פון דער פּאָעזיע און אין די שפּינ־ וועב־דינע געדאַנקען פון דער פילאָזאָפיע.

דערביי האַלט יידיש נאָך גאָר ביי דעם אָנהויב פון זיין אַנטוויקלונג. געמאָסטן מיט דעם מאָסשטאַב פון דער רוסישער ליטעראַטור־געשיכטע, לעבן מיר איצטער נאָך אין דעם פעריאָד פון אַ קאַראַמזין, אַ זשוקאָווסקי, אַ גריבאָיעדאָוו, ווען דער גרעסטער טייל פון דער רוסישער פראַנצויזיש־דערצויגענער אינ־ טעליגענץ האָט נאָך מיט אַן אַריסטאָקראַטישן בטול געקוקט אויף דער אייגענער פאָלקס־שפּראַך. אָבער עס קלאַפּט שוין אין אונ־ זער טיר די עפּאָכע פון די יידישע פּושקינס און לערמאָנטאָווס, גאָגאָלס, טורגעניעווס און טאָלסטאָיס, — די עפּאָכע פון דעם זעלבסט־זיכערן אויסגעוואַקסענעם שאַפן.

כ ו ח ו ת צו באַשאַפן גרויסע און אָריגינעלע ווערק זענען ביי דעם יידישן פאָלק דאָ. די זאַפטן, וואָס האָבן אַרויסגע־ בראַכט אַ יהודה הלוי אין שפּאַניע און אַ היינריך היינע אין דייטשלאַנד, זענען נישט אויסגעטריקנט געוואָרן אויך אין

רוסלאַנד און קאָנען זיך פאַנאַנדערבליען אין דער יידישער שפּראַך.

ביז אַהער זענען זיי אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די פרום־נאַציאָנאַלע דורות און דורך דער אָפּגעריסנקייט פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן דור. דער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער יידישער דור וועט, אַ דאַנק דער רוסישער רעוואָלוציע, באַשאַפן די נויטיקע באַדינגונגען פאַר זייער פרייעם אַרויסטריט אין לעבן.

אין דער צייט, ווען די רוסישע אַריסטאָקראַטיע האָט געמוזט אָפּטרעטן איר פּלאַץ פאַר דער הערשאַפט פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע, וועט אויך די יידישע אַריסטאָקראַטישע „גברת" זיך מוזן אונטערגעבן דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון דער „שפחה". זי וועט דאָס מוזן טאָן דערפאַר, ווייל די „שפחה" קאָן בעסער איידער זי באַפרידיקן נישט נאָר די קולטורעלע נויטן פון דעם יידישן פאָלק, נאָר אויך זיינע נ אָ צ י אָ נ אַ ל ע לעבנסנויטן.

ז׳

מיינער אַ פריינט, אַן אַלטע, קלוגע יידישע פרוי, פלעגט מיר אָפט זאָגן: „קינדער וואַקסן נישט אַזוי ווי עפּלעך אויף אַ בוים". און אויך נייע געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציעס אַנטוויקלען זיך נישט אַזוי רואיק און אָרגאַניש, ווי דאָס וואַקסן פון אַ פלאַנץ. זיי דאַרפן אויך דורכמאַכן זייערע „פּאָקעלעך און מאָזעלעך" און אַלע אַנדערע קינדער־קרענק, וואָס קאָנען אַמאָל אמת ווערן געפערלעך פאַרן לעבן.

בעת איך שרייב דעם איצטיקן קאַפּיטל איז דער ביולעטין פון דער רוסישער רעוואָלוציע נישט גאָר קיין פריילעכער: איר פּולס איז גאַנץ זיכער נישט נאָרמאַל. קיין געפערלעכער פיבער איז נאָך נישטאָ, און על פּי סברה דאַרף מען אָננעמען, אַז דאָס איז נאָר אַ קליינע שטערונג אין דעם יונגן אָרגאַניזם.

ווי די היגע בורזשואַזע צייטונגען דערקלערן, שטאַמען די שטערונגען פון אַן איבעריקן ביסן „פרייהייט״. אין נאָרמאַלע אומשטענדן קאָן אַן איבעריקער ביסן פרייהייט קיינמאָל נישט שאדן, ווי עס קאָן נישט שאַדן אַ דאָפּל-פּאָרציע פרייע, פרישע לופט. אַזוי, קומט אויס, לויט מיין דאָקטאָריע. אָבער אויף אַ הונגעריקן מאָגן, פאַר אַן אָרגאַניזם מיט בלוטנדיקע ווונדן, — ווער ווייסט? אפשר האָט דער שנעלער איבערגאַנג פון שטיקעניש צו אבסאָלוטער פרייהייט פאָרט אַ ביסל אָנגערירט דעם גלייכגעוויכט פון דעם אָרגאַניזם.

על כל פנים צו אונזער ענין, — דעם ענין פון רוסישער רעוואָלוציע און יידישע אינטערעסן, — האָט דאָס נישט קיין דירעקטע שייכות.

אויב אין רוסלאַנד זאָל באמת שוין איצטער זיך פאַנאַנדערברעכן דער קאַמף צווישן דער בירגערלעכער און דער סאָציאַלער-דעמאָקראַטיע, איז, ווער עס זאָל נישט זיגן, וועט אַלץ זיגן די דעמאָקראַטיע אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. וועגן א זיג פון די אלטע, אָפּגעלעבטע כוחות, פון די ראָמאַנאָווס מיט זייערע „שוואַרצע מאות״, פון די „זוברעס״ — די פריצים, אָדער אפילו — אָקטאָבריסטישער גרויס-בורזשואַזיע, קאָן נאָך דערווייל קיין רייד נישט זיין.

יעדע דעמאָקראַטיע אין רוסלאנד וועט אָבער מוזן שטרעבן צו ווערן א פרייע נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה און וועט מוזן באַזאָרגן יעדעס קולטורעלע פאָלק מיט א סכום פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אויף דעם יסוד פון יענער שפראך, וועלכע די מלוכה וועט אָנערקענען פאַרן פאָלק.

מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געזען, אַז פאַר יידן קאָן די רוסישע מלוכה נישט אָנערקענען קיין אַנדער שפּראַך, ווי נאָר די פאָלקס-שפּראַך, דעם יידיש, ווייל די מלוכה איז, ווי א צד, אין דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַראינטערעסירט, אַז די זאָל זיך קאָנען ווענדן צו דעם פאָלק אין א שפּראַך, וועלכע דאָס פאָלק פאַרשטייט.

אָבער אויך דאָס יידישע פאָלק איז פון זיין צד פאַראינטע-

רעסירט, אַז די שפּראַך פון זיין נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד זאָל זיין נישט קיין אַנדערע, ווי נאָר יידיש. מיר האָבן אין דעם פאָריקן קאַפּיטל אויפגעוויזן אויף די קולטורעלע נויטן פון דעם פאָלק. איצטער לאָמיר זען, וואָס דיקטירן אים זיינע נאַציאָנאַלע נויטן.

די ערשטע און וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע לעבנס-נויט איז די פאַרזיכערונג פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. דער בעסטער מיטל דערצו איז, אַן אייגן לאַנד. אָבער וועגן דעם רעדן מיר איצט נישט: די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ווערט דאָך געגעבן די יידן אין רוסלאַנד נישט אויף דעם באַזיס פון אַן אייגענער טעריטאָריע.

בלייבן די צוויי אַנדערע מיטלען, א באַזונדערע רעליגיע און אַן אייגענע שפּראַך.

די יידישע רעליגיע קאָן נישט ווערן דער באַזיס פון דער יידיש-נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. וואָס פאַר א ראָלע זי זאָל נישט האָבן געשפּילט אין דער פאַרגאַנגענהייט אין דעם פּרט פון אויפהאַלטן דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק, — לעבן מיר איצטער אין א וועלטלעכן פּעריאָד, וואָס זוכט אומעטום ראַדיקאַל פאַנאַנדערצושיידן מלוכה און רעליגיע. דער גלויבן ווערט דערקלערט ווי אַן אַבסאָלוטע פּריוואַט-זאַך, א ריין-אינדיווידועלע אָנגעלעגנהייט פון יעדן ייד, אין וועלכער די מלוכה האָט קיין ברעקל רעכט נישט אַריינצומישן זיך, נישט דירעקט, נישט אומדירעקט.

באַשאַפן אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אויף דעם יסוד פון דער יידישער רעליגיע, ווי דאָס האָבן די דייטשן געמאַכט אין פּוילן, הייסט פּאָליציילעך פאַרשרייבן יעדן יידן, אין וואָס ער מוז גלויבן, כדי ער זאָל קאָנען געניסן די פאָרטיילן פון א נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אין א פרייהייטלעך-דעמאָקראַטישער מלוכה איז אַזאַ זאַך אוממעגלעך. אגב וואָלט דאָס געהייסן, אז מען אָנערקענט דערביי נישט די יידישע נאַציע, וואָס בעמט אַרום, ווי יעדע נאַציע, אַלערליי מענטשן מיט אַלערליי גלויבונגען און אַפּיקורסותן, נאָר די יידישע

ר ע ל י ג י ע, וואָס האָט צו טאָן נאָר מיט די „בני דת משה". אַ פרייהייטלעכע נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט ן־מלוכה קאָן נישט געבן קיין באַשטימטע מלוכהשע פרעראָגאַטיוון צו די מיטגלידער פון אַ געוויסער רעליגיע אָדער אַ געוויסער סעקטע.

דעם קיום הלאום וועט דאָס יידישע פאָלק אין רוסלאַנד דאַרפן פאַרזיכערן מיט די מיטלען פון זיין ש פ ר אַ ך. אין דער ערשטער ליניע וועט ער דעריבער דאַרפן קעמפן אַנטקעגן דער ש פ ר אַ ך־אַ ס י מ י ל אַ צ י ע מיט דער אַרומיקער וועלט.

וואָס קאָן אים אין דעם קאַמף בעסער העלפן: יידיש אָדער העברעאיש?

די אָנהענגער פון דעם העברעאיזם האָבן אָפט אָנגעוויזן אויף דעם ווערט פון העברעאיש אין דעם קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע. דאָרטן, ווו די אויסערע אומשטענדן פון דעם מלוכהלעבן האָבן געצווּנגען די יידישע באַפעלקערונג איינגאַנצן צו פאַרלאָזן זייער אייגענע שפראַך און אָנצונעמען דעם לשון פון דעם הערשנדיקן פאָלק, — דאָרטן איז דאָס שטודיום פון העברעאיש אַלעמאָל געווען אַ מיטל, ווי אויפצוהאַלטן דאָס אייגענע קולטורעלע לעבן און ממילא די אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

איך וויל בשום אופן נישט אָפּלייקענען אָט דעם פאקט. אדרבה, עס איז זייער וויכטיק צו האָבן אים אין זין. ער דערקלערט אונז, ווי אַזוי און פונוואַנען דער העברעאיזם האָט זיך גענומען אין אונזער לעבן.

געשיכטלעך איז דער העברעאיזם אויסגעוואַקסן אין דער השכלה־צייט, נישט ווי אַ פראָטעסט אַנטקעגן דער שפראַכן־אַסימילאַציע, נאָר אַלס ק ע ג נ ג ע װ י כ ט צו איר. אַז יידן מוזן אָנהייבן רעדן די שפראַך פון דעם לאַנד, אין וועלכן זיי וווינען, דאָס האָט די השכלה־צייט נישט געלייקנט. אדרבה, זי האָט דאָס געוואָלט. „היה אדם בצאתך ויהודי באהליך" — זיי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך אין גאַס און אַ ייד נאָר ביי זיך אינדערהיים, — איז געווען די פאָרמול פון דער השכלה. אין גאַס דאַרף מען רעדן די שפראַך פון דער הערשנדיקער

אָס. אָבער אַזוי ווי דאָס וואָלט דאָך מוזן פירן סוף-כל-סוף צו דעם פאַרשווינדן פון דעם יידישן פאָלק, איז — זאָל מען אינדערהיים שאַפן זיך אַ יום-טובדיק לעבן אין דער העב־רעאישער קולטור, וואָס זאָל ווי עס איז אויפהאַלטן דאָס אײ־גענע חיות.

מען זעט דערפון, אַז די ראָלע פון העברעאיש אין דעם קאַמף אנטקעגן דער אַסימילאַציע קאָן זיין נאָר די פון אַ קעגנ־געוויכט. דאָס הייסט, אַז אויף איין שאָל פון אונזער לעבן און שאַפן זאָל טאָקע ליגן די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע מיט דער פּרעמד, נאָר היות, ווי דאָס קאָן אונז אַראָפּציען אין אַ נאַ־ציאָנאַלן שאול תחתיה, זאָל מען אויף דער אנדערער שאָל פון דער וואָג אַרויפלייגן דעם העברעאיזם, כדי ווידער אַרויסצו־ברענגען אַ גלייכגעוויכט.

אין דעם קאַמף אנטקעגן דער אַסימילאַציע נויטיקט זיך אונזער פאָלק אָבער נישט אין אַ קעגנגעוויכט, וואָס האַלט זי שטענדיק אויף, נאָר אין אַ *קעגנגיפט*, וואָס זאָל זי אינ־גאַנצן אַרויסיאָגן פון אונזער אָרגאַניזם. אַזאַ קעגנגיפט קאָן נאָר זיין די *גערעדטע* שפּראַך.

רעדן מיר די פּרעמדע שפּראַך, איז דעמאָלט האַלטן מיר אויף די אַסימילאַציע מיט יעדן אָטעם, וואָס מיר עטעמען, מיט יעדן וואָרט, וואָס מיר לאָזן אַרויס פון מויל. רעדן מיר אָבער אונזער אייגענע שפּראַך, איז דעמאָלט פאַרקערט: מיט יעדן אָטעם, וואָס מיר עטעמען, מיט יעדן וואָרט, וואָס מיר לאָזן אַרויס פון מויל, דאָקומענטירן מיר אונזער צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלק, פירן מיר אַ קאַמף אַנטקעגן דער אַסי־מילירנדיקער ווירקונג פון דער פּרעמד.

וואָלט העברעאיש געווען אַזאַ *גערעדטע* שפּראַך אין רוסלאַנד, דעמאָלט וואָלט *ער* געקאָנט נעמען אויף זיך די באַ־פרידיקונג פון דער וויכטיקסטער נאַציאָנאַלער לעבנס-נויט: די גויט פון דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע. כל זמן אָבער העברעאיש קאָן נישט זיין די גערעדטע שפּראַך פון די מאַסן, קאָן ער אויך נישט זיין קיין נאַציאָנאַלער קעגנגיפט אַנטקעגן

דער פרעמדער שפּראַך. און ממילא וועט ער, אונטער דעם באַפעלנדיקן דרוק פון די יידישע נאַציאָנאַלע נויטן אין רוסלאַנד, מוזן אָפּטרעטן זיין פּלאַץ דער גערעדטער שפּראַך פון דעם יידיש.

און וויבאַלד די יידישע שפּראַך וועט אויך מוזן באַזאָרגן די קולטורעלע באַדערפעניש פון אונזער פאָלק, וועט אויך די קולטורעלע ראָלע פון העברעאיש אין אונזער לעבן מוזן אינגאַנצן איבערגיין אויף דער יידישער שפּראַך.

דאָס ליגט אין דער אינעווייניקסטער טענדענץ פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אין די אייזערנע נויטוועודיקייטן פון אַ קולטורעלן און אַ נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות, און יעדער אלף-בית-יינגל אין דער פּאָליטיק ווייסט, ווי די אייזערנע נויטווענדיקייטן פון אַ פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַלן לעבן באַגייען זיך מיט יענע ראָמאַנטישע גלוסטן און חלומות, וואָס ווילן זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגן זיי.

אָבער נישט נאָר די קולטורעלע און די נאַציאָנאַלע נויטן, — אויך די בירגערלעכע און פּאָליטישע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד טרייבן אים ארויפצוטרעטן אויף דעם וועג פון דעם קאָנסעקווענטן יידישיזם.

VII

די רוסלענדישע מלוכה וועט בשום אופן נישט איינשטימען, די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע זאָל זיין געבויט אויף דעם יסוד פון העברעאיש. זי וועט געבן נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג נאָר דער יידישער שפּראַך, ווייל יידיש ווערט גערעדט און פאַרשטאַנען פון פאָלק.

דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ גאַנצעס, וועט אויך מוזן ארויסשטעלן דיזעלביקע פאָדערונג; יידיש, ווי די שפּראַך פון פאָלק און אינטעליגענץ, ליגט אין די אינטערעסן פון אונזער קולטורעלער אַנטוויקלונג, ווייל נאָר די שפּראַך קאָן אָפּשאַצן

דעם תהום צווישן די נידעריקערע און די העכערע שטופן פון בילדונג און קולטור און קאָן געבן יעדן יידן די מעגלעכקייט, אויפצוהייבן זיך פון די נידעריקסטע צו די העכסטע. יידיש ליגט אויך אין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק, ווייל נאָר מיט יידיש קאָן מען אַמבעסטן באַקעמפן די אַסימי-לאַציע. העברעאיש קאָן אין דעם קאַמף שפּילן העכסטנס די ראָלע פון א ק ע ג נ ג ע ו ו י כ ט, וואָס ליגט אויף איין שאָל פון דער וואָג, בעת די אַסימילאַציע בלייבט ליגן אויף דער אַנדערער שאָל. יידיש אָבער ווירקט ווי אַ ק ע ג נ ג י פ ט, וואָס יאָגט ארויס פון דעם אָרגאַניזם דעם שעדלעכן סם.

דאָס אַלץ האָבן מיר געפּרוווט דערקלערן אין די פריער-דיקע קאַפּיטלען.

אָבער נישט נאָר דאָס גאַנצע פאָלק איז פאַראינטערעסירט, יידיש זאָל ווערן די אָנערקענטע און גלייכבאַרעכטיקטע נאַציאָנאַל-שפּראַך פונם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד. עס איז אין דעם פאַר-אינטערעסירט אויך יעדער איינצלנער ייד אין בירגערלעכן און פּאָליטישן לעבן.

דאָס בירגערלעכע לעבן נעמט אַרום אַלע טאָג-טעגלעכע דערשיינונגען פון האַנדל און וואַנדל, פון באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער, צווישן מאַן און פרוי, צווישן אַרבעט-נע-מער און אַרבעט-געבער, צווישן דעם פּראָפעסיאָנעלן מענטשן און זיינע קונדן, צווישן דעם לווה און מלווה. די אַלע דערשיי-נונגען זענען נאָרמירט דורך געוויסע געזעצן, וואָס הערשן אין לאַנד. דאָס רוב ווערן די בירגערלעכע באַציאונגען באַזירט אויף מינדלעכע אָדער שטיל-שווייגנדיקע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע אָפּ-מאַכונגען, וואָס נויטיקן זיך נישט אין קיינע שריפטלעכע דאָקומענטן. אין די וויכטיקסטע פאַלן ווערן אָבער די אָפּמאַכונגען באַפעס-טיקט אין אַ שריפטלעכן דאָקומענט: א קאָנטראַקט, אַ וועקסל, אַ צוואה, א שטר-מכירה און דג״ל. די מלוכה נעמט אויף זיך די התחייבות צו זאָרגן, אַז דער ווילן, וואָס איז אויסגעדריקט בשואָרן אין אַזעלכע דאָקומענטן, זאָל דורכגעפירט ווערן אין לעבן, אויב יענער ווילן גייט נישט להיפך צו דעם הערשנדיקן

געזעץ. צו דעם בירגערלעכן לעבן מוז מען אָבער צורעכענען נישט נאָר אַלץ, וואָס ווערט פאָראויסגעזען אין דעם אַזוי אָנגערופענעם „בירגערלעכן רעכט״, נאָר אויך אַלץ, וואָס ווערט באַהאַנדלט אין דעם קרימינעלן רעכט, אין דעם פּאָליציי-רעכט און אַלע אַנדערע מיני רעכטן, וואָס פּאַסן אויף אויף די האַנדלונגען און דעם אויפפיר פון יעדן איינצלנעם און וועלכע באַשטימען אויך, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן מיט יעדן איינצלנעם, אויב ער זאָל האָבן די העזה זיך נישט אויפצופירן, ווי דאָס געזעץ האָט געבאָטן.

די טעאָריע פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג האָט שוין לאַנג אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען זאָלן אַרויסגעלאָזן ווערן אויך אין דער שפּראַך פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע; אַז אַלע שריפטלעכע אָפּמאַכן און דאָקומענטן זאָלן קאָנען פאַרפאַסט ווערן אין איר און זאָלן האָבן די פולע יורידישע גילטונג אין די אויגן פון דעם געזעץ; אַז אַלע פאַרהאַנדלונגען פאַרן געריכט זאָלן קאָנען געפירט ווערן אין די שפּראַכן, וואָס זענען פאַרשטענדלעך פאַר די צדדים, און אַז אַלע עפנטלעכע אָנגעשטעלטע פון אַ וועלכן עס איז געגנט, — פון דעם ריכטער ביז צו דעם פּאָליציימאַן, פון דעם קאַנצליי-שרייבער ביז צו דעם שומר, — זאָלן גוט באַהערשן אַלע יענע שפּראַכן, וואָס האָבן נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג אין יענעם געגנט.

אין קאַזאַן וועלן זיי, אַ חוץ רוסיש, דאַרפן קאָנען טאָטעריש. אין באַקו — נאָך, אַ חוץ דעם, גרוזיניש און אַרמעניש, אין ריגע — דייטש און לעטיש, אין יאַקוטסק — יאַקוטיש (אויב די יאַקוטן וועלן, ווי איך האָף, שוין איצטער באַקומען אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע), אין בערדיטשעוו, אָדעס און אַלע אַנדערע ערטער מיט אַ באַדייטנדיקער יידישער באַפעלקערונג וועלן זיי מוזן באַהערשן אויך יענע שפּראַך, וואָס וועט אָנערקענט ווערן אין דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

אָט די פאָדערונג פון דער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג איז אויך פאַרבונדן מיט נאָך אַ פאָדערונג, אַז אַלע וויכטי-

קערע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע פון דער מלוכה און דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג זאָלן זיין גוט באַקאַנט מיט די יסודות פון דעם לעבנספיר, וואָס הערשן ביי די פעלקער פון זייער ראַיאָן.

ביידע פאָדערונגען שטאַמען פון יענעם אלף-בית-כלל אין דער פאָליטיק, מיט וועלכן מען רעכנט זיך אָבער נאָך אַזוי ווייניק אַפילו אין די פראָגרעסיווסטע דעמאָקראַטיעס: דעם כלל, וואָס זאָגט, אַז די מלוכה, דאָס געזעץ און די פאַרוואַלטונג עקזיסטירן צוליב דער באַפעלקערונג, און נישט די באַפעלקערונג צוליב דער מלוכה, דעם געזעץ און דער פאַרוואַלטונג.

ווי איינפאַך, דורכזיכטיק און זעלבסטפאַרשטענדלעך דער כלל זאָל נישט זיין, האָט נאָך קיין מאָדערנע מלוכה נישט געפרווט דורכפירן אים ערנסט אין לעבן. אַפילו נישט שווייצאַריע. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט מען נאָר אין בעלגיע, — א דאַנק דער באַמיאונג פון די סאָציאַליסטן, — דורכגעפירט דעם געזעץ, אַז די מלוכה איז מחויב צו פאַרעפנטלעכן זיינע געזעצן אויך אין ד י י ט ש צוליב די פופצן טויזנט דייטשן, וואָס וווינען אין יענעם לאַנד.

אָבער די רוסישע רעוואָלוציע, אויב זי זאָל בלייבן טריי איר אינעווייניקסטער, מאָדערן-דעמאָקראַטישער לאָגיק, וועט די ערשטע קאָנסעקווענט דורכפירן אין לעבן יענעם וויכטיקסטן פון אַלע פאָליטישע כללים.

און אויב דאָס וועט מקוים ווערן, — און רוסלאַנדס פעלקער זענען פאַראינטערעסירט אין דעם, עס זאָל מקוים ווערן, — איז דאַרף מען נאָך דאָ א סך טראַכטן, וועלכע שפּראַך עס ליגט אין די בירגערלעכע לעבנס-נויטן פון יעדן יידן: העברעאיש אָדער יידיש?

וואָס קאָן אים דאָ העברעאיש נוצן? וואָס געווינט ער דערפון, ווען די געזעצן און פאַראָרדענונגען וועלן איבערגעזעצט ווערן אין העברעאיש? — פאַר זיין פאַרשטענדניש וואָלט שוין גלייכער געווען, זיי זאָלן בלייבן אין רוסיש. — וואָס וועט ער האָבן דערפון, ווען זיינע דאָקומענטן און קאָנטראַקטן זאָלן גע-

מאַכט ווערן אין העברעאיש? — ער וועט בלייבן אַ פאַרקויפ־שער ביי דעם העברעאישן אדוואָקאַט, ווי ער איז איצטער אַ פאַרקויפטער ביי דעם רוסאַק. — וואָס וועט גרינגער מאַכן זיין לאַגע בעת אַ משפט, ווען די פאַרהאַנדלונגען זאָלן געפירט ווערן אין העברעאיש? — אפילו אויף אַ דין־תורה ביים רב האָט ער געהאט אַ רעכט צו רעדן זיין אייגענעם לשון. מיט וויפל וועט ער זיך פילן גליקלעכער, ווען ער וועט וויסן, אַז מיט דעם פאָליציימאַן, וואָס שלעפט אים אין קאָזע, קאָן ער זיך אויסטענהן אין דעם „דבור העברי״ מיטן פתח און דעם מלרע?

די נויטן און די אינטערעסן פון דעם בירגערלעכן לעבן שטעלן די וויכטיקסטע לעבנס־נויטן, און זיי רעדן אַלע אין איין קול, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע מוז געבויט ווערן אויף דעם יסוד פון יידיש, און בשום אופן נישט אויף דעם פון העבריאיש; סיידן מען וויל, זי זאָל ברענגען דער יידישן פאָלק שאָדן אָנשטאָט נוצן.

שוין פון אַלע ארגומענטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט ביז אַהער, מוז יעדן איינעם קלאָר ווערן, אַז פאַר די יידן אין רוסלאַנד קאָן, צוליב זייערע אייגענע קולטורעלע, נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע אינטערעסן, גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן העברעאיש, ווי דער שפּראַך פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

די, וואָס וואָלטן וועלן, אַז אונזער אָפיציעל־אָנערקענטע נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך אין רוסלאַנד זאָל זיין נישט יידיש, נאָר העב־רעאיש, קאָנען דאָס טאָן אָדער אויס גרענעצלאָזער עם־הארצות אין די ענינים פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, אָדער אויס אומפאַראַנטוואָרטלעכער בטלנות אין די וויכטיקסטע פראַגן פון דעם פאָלקס־לעבן, אָדער אויך אויס דעם פאַרבאָרגענעם מיין: אונטערצושטעלן מיט העברעאיש אַ הינטער־פיסל דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, זי זאָל בלייבן נאָר אויפן פּאַפּיר און נישט דורכגעפירט ווערן אין לעבן.

VIII

דאָרט, ווו די יידישע מאַסן רעדן יידיש

אויף דעם באַרימטן פּרעסבורגער רב, דעם „חתם סופר", דערציילט מען אַזאַ מעשה:

די אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן אים אויסגעקליבן פאַר א דעפּוטאַט צו דעם ווינער פּאַרלאַמענט. פלעגט ער אויף אַלע זיצונגען פון דעם פּאַרלאַמענט קומען „זיצן", האָט אָבער קיינמאָל נישט ארויסגעלאָזט קיין איין וואָרט פון זיין מויל.

איינמאָל איז פאָרגעקומען זייער א היציקע דעבאַטע וועגן א פראַגע, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. האָט אים זיין שכן א פרעג געטאָן אין דייטש:

— וואָס האַלט אייער ערנווירדע פון דעם ענין?

האָט דער פּרעסבורגער רב אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן און האָט אָפּגעשניטן שאַרף און קאַלט:

— ניקס דייטש!

דער פּרעסבורגער רב האָט אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון די אַלע פאַרהאַנדלונגען, צוליב וועלכע מען האָט אים געשיקט קיין ווין „זיצן".

דאָס מעשהלע האָב איך געלייענט מיט אַ סך יאָרן צוריק ערגעץ-ווו אין אַ קריטיק פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע אין עסטרייך, פון איר פּאָליטישער אומבאַדייטנקייט און אָפּגעשטאַנענקייט.

דער אַסימילאַטאָרישער קריטיקער פון דעם פּאָרפּאַל איז גאַנץ זיכער געווען גערעכט, ווען ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די יידישע דעפּוטאַטן צום פּאַרלאַמענט זאָלן קאָנען גוט פאַרשטיין דייטש. אויב אָבער מען וואָלט דערפון געוואָלט אַרויסדרינגען, אַז יעדער דעפּוטאַט מוז אויך קאָנען רעדן די הערשנדיקע שפּראַך פון דעם לאַנד, וואָלט מען געמאַכט אַ גרויסן טעות.

שוין איצטער האָבן אלע עסטרייכישע פעלקער א רעכט, זייערע פארטרעטער זאָלן האלטן זייערע רעדעס אין רייכסראַט אין זייער אייגענעם לשון, און די רעדעס מוזן אויפגענומען ווערן אין דעם אַלגעמיינעם פּראָטאָקאָל.

אָט די שפּראַכן-גלייכבאַרעכטיקונג אין דעם העכסטן פּאָלי-טישן אינסטיטוט פון דעם לאַנד איז אַ פועל-יוצא פון יענער נאַ-ציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס די פעלקער האָבן „על פּי פּרינציפּ״ אין עסטרייך. ווי אומבאַקוועם דאָס זאָל אַמאָל נישט זיין פאַר דער פירונג פון די פארהאַנדלונגען, איז אָבער דער פּרינציפּ פון שפּראַכן-גלייכבאַרעכטיקונג א סך וויכטיקער, איידער די פּאָליטישע באַקוועמלעכקייט.

די וויכטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דורך דעם רעכט צו געברויכן די אייגענע שפּראַך אין פּאַרלאַמענט ווערט פאַר אַלעמען דעמאָנסטרירט די גלייכע רעכט פון אלע אומות און לשונות, דער גלייכער ווערט זייערער פאַר דער מלוכה. אָבער נישט נאָר דאָס אליין. נאָך אן אַנדער מאָמענט קומט דאָ אין באַטראַכט.

וואָלט אין עסטרייך איין שפּראַך געווען אַ הערשנדיקע, דעמאָלט וואָלט מען קיין אַנדערע דעפּוטאַטן גאָרנישט געקאָנט אויסקלייבן, סיידן די, וואָס באַהערשן די אָפיציעלע שפּראַך פון דער מלוכה. דאָס וואָלט פאַקטיש באַשאַפן א געוויסן שפּראַכלעכן צענז, א באַגרענעצונג פון דעם אַבסאָלוט-פרייעם וואַל-רעכט.

איך וואָלט דעמאָלט געקאָנט אויסקלייבן נישט די, וואָס פאַרשטייען מיך און וועמען איך פאַרשטיי; נישט די, מיט וועמעס געדאַנקען איך שטים איין, אָדער וועלכע דריקן אויס מיי-נע אידייען און פאַרלאַנגען. אויב די מענטשן, צו וועמען איך האָב דעם גרעסטן צוטרוי, האָבן נישט געפונען פאַר נויטיק אויסצולערנען זיך די פרעמדע הערשנדיקע שפּראַך, האָב איך פאַקטיש קיין מעגלעכקייט נישט צו פאַרטרויען זיי מיינע פּאָליטישע אינטערעסן. איך מוז שוין זוכן אנדערע פאַרטרעטער, וואָס באַ-

זיצן דעם נויטיקן *שפּראַכלעכן צענז*, — מענטשן, מיט וועמען איך בין אפשר גאָרנישט אַזוי צופרידן.

די שפּראַך-גלייכבאַרעכטיקונג אין פּאַרלאַמענט גיט מיר צוריק מיין וואל-פרייהייט. איך קלויב אויס די מענטשן, וואָס זענען מיר טייער פאַר זייערע אַנדערע מעלות און נישט פאַר זייערע לינגוויסטישע קענטעניש, און איך קאָן אַרויסשטעלן אויך מיין אייגענע קאַנדידאַטור, ווען איך זאָל אפילו זיין שטום אין אַלע שפּראַכן, א חוץ מיין אייגענעם מאַמע-לשון.

די פּרעסבורגער יידן האָבן גאַנץ געוויס געהאַט א רעכט צו שיקן אין פּאַרלאַמענט יענע פּערזאָן, צו וועלכער זיי האָבן געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט פון דער גאַנצער דייטשישער שפּראַך געוווסט נאָר די צוויי ווערטער: „ניקס דייטש".

די צרה מיט יענער פּרעסבורגער קאַנדידאַטור איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס יידן זענען נישט א גלייכבאַרעכטיקטע נאַציע אין עסטרייך; וואָס יידיש, די אמתע שפּראַך פון דעם פּרעסבורגער רב און זיינע ווייַלער, איז נישט אָנערקענט אין דעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. וואָלטן די יידן אין עסטרייך פאַררעכנט געווען, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, וואָלט שוין דער פּרעסבורגער גאון גאַנץ זיכער געקאָנט אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען אין זיין שפּראַך, ווי דאָס טוען די איטאַליענער און די רוטענער אין דעמזעלבן עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. און אַלע די, וואָס וואָלטן זיך באַדאַרפט רעכענען מיט די מיינונגען פון א גלייכבאַרעכטיקטן פאָלק, וואָלטן שוין געפונען מיטלען ווי אַזוי אויסצוגעפינען אין וואָס די מיינונגען באַשטייען...

אויך אין רוסלאַנד וועט די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג זיך קודם כל אויסדריקן אין שפּראַכן-גלייכבאַרעכטיקונג אויף אַלע פעלדער פון דעם עפנטלעכן לעבן און ממילא אויך אין דעם רוסלענדישן פּאַרלאַמענט וועלן צוגעלאָזט ווערן אַלע יענע שפּראַכן, אויף וועלכע עס וועלן אויפגעבויט ווערן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיעס פון די פעלקער.

קאָנט איר זיך שוין משער זיין, וואָס עס וואָלט געוואָרן

פון דער יידישער דעמאָקראַטיע, ווען העברעאיש זאָל דערקלערט ווערן פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק. יידן וואָלטן געקאָנט שיקן נאָר יענע דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט, וואָס באַהערשן דעם „דבור העברי“. און דער „בונד“ וואָלט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט: ער וואָלט געמוזט אָפּגעבן זיינע שטימען פאַר די אוסישקינס און די קלויזנערס.

איך וויל גאָרנישט לייקענען, אַז פאַר די אוסישקינס און די קלויזנערס וואָלט דאָס געווען גאָרנישט קיין שלעכטער משא־ומתן. אָבער איך צווייפל זייער שטאַרק, צי דער „בונד“ — און נישט נאָר ער, נאָר אויך די פּועלי־ציון און די ס. ס. און די „סיי־מאָוניצעס“ און די גאַנצע יידישע דעמאָקראַטיע, — וואָלטן מסכים געווען אויף אַזאַ יידישער אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל דורך דער אוי־בערהערשאַפט פון העברעאיש באַשאַפן די פּאַקטישע איבערהער־שאַפט פון דעם העבראיסט.

נאָך וויכטיקער, איידער צו מעגן רעדן די אייגענע שפּראַך אין דעם אַלגעמיינעם פּאַרלאַמענט, איז די שפּראַכן־פראַגע אין די אָרגאַנען פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַר־וואַלטונג.

עס וועלן גאַנץ זיכער זיין דעמאָקראַטישע יידישע קהילות, געבויט אויף אַ ריין־וועלטלעכן יסוד, פריי פון יעדער רעליגיע־זער ביימישעכץ. עס וועט גאַנץ זיכער זיין אַ וועלכע עס איז צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון אַלע קהילות אין לאַנד.

וואָס פאַר אַ פאָרם אָט די אָרגאַנען פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד זאָלן נישט אָננעמען, וועלן די דעמאָ־קראַטישע ווײלער מוזן זיין בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז אַלע פאַרהאַנדלונגען, ווי אויך רעזאָלוציעס, באַשלוסן און פאַראָרדענונגען, — זאָלן פאָרקומען און אַרויסגעטראָגן ווערן אין דער גערעדטער און פאַרשטאַנענער שפּראַך פון דעם פאָלק, אין יידיש.

קוים שטעלט מען אַוועק העברעאיש אָנשטאָט יידיש, אַזוי ווערט תיכף באַשאַפן פאַר די וואָלן אַ פאַקטישער שפּראַכן־

צענז. אין די אָרגאַנען פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וועלן יידישע וויילער קאָנען אויסקלויבן נאָר יעבדעפוטאַטן, וואָס קאָנען זיך פליסיק אויסדריקן אין העברעאיש.

עס איז גענוג צו האָבן קלאָר אין זין נאָר אָט דעם איינציקן פונקט — די שפּראַכן־פראַגע אין דער נאַציאָנאַל־יידישער פאַרוואַלטונג, און דעם שפראַכן־צענז, וואָס העברעאיש וועלט אַרויפגעלייגט אויף דעם יידישן דעמאָקראַטישן וויילער, — כדי קלאָר איינצוזען, אַז העברעאיש האָט קיין ברעקל שאַנס נישט צו ווערן די שפּראַך פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד.

דער יידישער בורזשואַזיע וואָלט זיך אפשר גרייליך געוואָלט, העברעאיש זאָל זיין די אָפיציעלע שפּראַך פון דעם יידישן פּאָליטישן לעבן, און די „פנקסים" פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג זאָלן אויך געפירט ווערן אין העברעאיש. אַזוי איז דאָס שוין אַמאָל געווען אין דער צייט פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פוילן, — דעם „ועד ארבע הארצות", — און אין די טעג פון דעם יידישן „קהל" אין רוסלאַנד. אָבער אין רוסלאַנד איז דאָס איצטער אַ זאַך פון דער אַבסאָלוטער אוממעגלעכקייט: די יידישע מאַסן זענען, אַ דאַנק פריער דעם רבישע און דערנאָך דעם „בונד", נאָך פאַר דער רעוואָלוציע אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער פּאָליטישער אַפּאַטיע, און וועלן שוין נישט קאָנען בלינד נאָכגיין נאָר די „באַלעבאַטים".

זיי וועלן זיין פאַראינטערעסירט צו האָבן די פולסטע קאָנטראָל איבער אַלע אָרגאַנען פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג; נישט צו זיין געבונדן אין זייערע וואַלן מיט אַזאַ שפּראַכן־צענז, וואָס קאָן נאָר צונוץ קומען דער בורזשואַזער מינאָריטעט, און צו זען, אַז אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זאָל אַלץ פאָרקומען אין יענער שפּראַך, וועלכע דאָס פאָלק פאַרשטייט. די דעמאָקראַטישע מאַסן האָבן איצטער גענוג אָרגאַניזירטע פאָרשטייער אין דער פאָרם פון די פאַרשיידנסטע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס וועלן גאָר חוצפהדיק באַווייזן

דער בורזשואזיע, ווער גרעסער איז. זיי וועלן איך אין איינס און צוויי אריינשלאָגן אין מוח דעם אלף-בית פון דער פּאָליטי־שער וויסנשאפט, אז די נאציאָנאלע גלייכבארעכטיקונג ווערט אריינגעפירט אין לעבן נישט צוליב די אינטערעסן פון דער בורזשואזער מינאָריטעט, נאָר צוליב די קולטורעלע, נאציאָנאלע, בירגערלעכע און פּאָליטישע לעבנס-נויטן פון די גרויסע מאסן, וואָס קאָנען באפרידיקט ווערן נאָר אויף דעם יסוד פון דער יידישער שפּראַך.

עס איז מיר, דעם אמת געזאָגט, זייער פּריקרע, וואָס איך פארנעם זיך אזוי לאַנג מיט דער יידישער שפּראכן-פראגע אין רוסלאנד און זוך מיט אלערליי ארגומענטן צו באווייזן, אז פיר מאָל פיר איז זעכצן, ווייל אין תוך אריין איז איינס און איינס אלעמאָל צוויי.

אָבער — בין איך דען שולדיק אין דעם, וואָס די נאַציאָנאלע מאטעמאטיק פון אונזערע העברעאיסטן הערט נאָכנישט אויף צו טענהן, אז פיר מאָל פיר מוז אמאָל זיין א חלבנע ליכט, ווייל עס טרעפט אמאָל, אז איינס און איינס איז א שטרויענער דאך?

איך ווייס צו גוט, אז נישט נאָר ביי אונז, יידן, נאָר אויך ביי די אומות העולם איז די שאָוויניסטישע וועלט אָפּט־מאָל קאפאבל ארויסצוברענגען משונהדיקע חשבונות, פאר וועלכע די פעלקער דארפן זיך דערנאָך פאנאנדערצאָלן מיט שווע־רע מזומנים, לויט די כללים פון דעם אלגעמיין-מענטשלעכן חשבון.

איך האָב דעריבער געהאלטן פאר מיין חוב ארויסצו־ברענגען אזוי קלאָר ווי מעגלעך די רעכענונג פון העברעאיש און יידיש פאר אונזער קינפטיקן לעבן אין רוסלאנד און נאָכ־אמאָל צו באווייזן, אז אויך אין דעם פאל קאָן פיר מאָל פיר נישט זיין קיין חלבנע ליכט, ווייל איינס און איינס איז קיינ־מאָל נישט געווען און קאָן קיינמאָל נישט זיין קיין שטרויע־נער דאך.

דאָרטן, ווו די יידישע מאסן רעדן יידיש, ווו זיי זעען

געצוווּנגען צו פירן אן אייגן נאַציאָנאַל לעבן, ווו עס זענען דאָ פּאַרטייען, וואָס דערקלערן זיי זייערע קולטורעלע, נאַציאָנאַלע, בירגערלעכע און פּאָליטישע לעבנס-נויטן, — דאָרטן קאָן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך נישט זיין העברעאיש, נאָר מוז זיין דווקא יידיש.

מאַי-יוני, 1917.

גלות־פסיכאָלאָגיע

גלות־פּסיכאָלאָגיע

איך ווייס נישט, ווער עס האָט צום ערשטן מאָל אַרויס־געבראַכט דעם אויסדרוק: „גלות־פּסיכאָלאָגיע". איך בין מיר אָבער משער, אַז ער מוז שטאַמען פון ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישע קרייזן און אַז ער דאַרף אָנטייטן אויף עפּעס אַזוינס אין אונזער גייסטיקן לעבן, וואָס פאַרדינט אויסגעריסן צו ווערן מיט די וואָרצלען.

אָבער וואָס אַזוינס איז עס? איך מיין דאָ נישט דעם גאַנצן קאַטאַלאָג פון יענע פּסיכישע דערשיינונגען, וואָס דאַרפן אַרומגענומען ווערן מיט דעם נאָמען גלות־פּסיכאָלאָגיע, נישט די גאַנצע באָטאַניק פון יענע ווילדע גייסטיקע פלאַנצונגען, וואָס דאַרפן אויסגעוואָרצלט ווערן פון אונזער נשמה. איך מיין דאָ יענעם ג ר ו נ ט ־ פּ ר י נ צ י פּ, וואָס מיט זיין הילף זאָלן מיר קאָנען אין אַלע פאַלן ריכטיק און קלאָר באַשטימען, וועלכע נשמה־גע־וויקסן זענען „גלות־פּסיכאָלאָגישע", און מוזן דעריבער אויסגע־וואָרצלט ווערן, אָן א ברעקל רחמנות.

אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָבן אונזערע טעאָרע־טיקער ביז אהער זיך זייער ווייניק אָדער אפשר גאָרנישט באַ־שעפטיקט מיט דערדאָזיקער פראַגע. איך וויל דעריבער מאַכן דעם ערשטן פרווו צו פאַרענטפערן זי.

אין פלוג איז א ברעקל נישט שווער אַרויסצוגעפינען דעם גרונט־פּרינציפּ, די נויטווענדיקע אייגנשאַפט פון יעדער גלות־פּסיכאָלאָגיע. און אינדערהמתן! די „פּסיכאָלאָגיע" בכלל איז

דער גאַנצער סכום פון אַלע אונזערע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונ־גען, פון אַלע אונזערע געדאַנקען, געפילן, „ווּלענישן״, שטרע־בונגען, שטימונגען, גוסטן און געוווינהייטן. די „גלות־פסיכאָלאָגיע״ בפרט איז ממילא יענער טייל פון אַלע געשעענישן אין אונזער נשמה, וועלכער שטאַמט פון דעם פאַקט, וואָס מיר לעבן אין גלות און נישט אין אַן אייגענער פרייער היים. און אַלעמאָל, ווען מיר געפינען אין זיך אַ פּסיכישן צושטאַנד. — אַ געדאַנק, אַ געפיל אָדער אַ שטרעבונג, — וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון יענעם פאַקט, איז דאָס גאַנץ געוויס אַ „גלותדיקער״ און מוז פאַרמשפט ווערן צום טויט.

ס׳איז גענוג נאָר אַביסל נענטער צוצוטראָגן צום אויג אָט דעם אויבנאויפיקן ענטפער, כדי אויפן שטעל איינצוזען, אַז ווי ריכטיק ער זאָל נישט זיין טעאָרעטיש, קאָן נישט אין אים ליגן דער אמתער מיין פון יענעם געדאַנק, וועלכן מיר מוזן פאַרבינדן מיט דעם אויסדרוק: „גלות־פסיכאָלאָגיע״. אויב דער ענטפער, וואָס ליגט אויבנאויף, וואָלט געווען אמת, וואָלטן מיר דעמאָלט קודם כל געמוזט פאַרמשפטן צום טויט אַלע יענע געפילן פון פּ ר אָ ט ע ס ט אַנטקעגן דעם גלות, די גאַנצע בענקשאַפט נאָך באַפרייאונג פון אים און דעם גאַנצן סכום פון געדאַנקען, ווי אַזוי פון אים אויסגעלייזט צו ווערן, ווייל זיי אַלע שטאַמען בלי ספק פון דעם פאַקט, וואָס מיר לעבן אין גלות.

און נישט נאָר דאָס. לעבן אין גלות הייסט לעבן אין דער פרעמד; לעבן אין דער פרעמד הייסט אָבער אויך: ווערן באַקאַנט מיט דער פרעמד און אַריינגעמען אין זיך אַלץ, וואָס מיר האָבן אַריינגענומען אין דער נשמה פון דער פרעמד — גלות־פסיכאָלאָגיע. אָבער נישט שוין־זשע וואָלט אַ וועלכער עס איז בר דעת באמת געוואָלט פאַרשטיקן אין זיך אַלץ, וואָס די פרעמד האָט אים געגעבן? נישט שוין־זשע איז אונז נאָך נישט קלאָר געוואָרן יענער פונדאַמענטאַלער כלל פון יעדן מענטשלעכן פּראָגרעס, אַז אַ פאָלק קאָן זיך אַנטוויקלען נאָר דעמאָלט, ווען עס שליסט

זיך נישט אָפּ פון דער מענטשהייט, ווען צווישן אים און דער „פרעמד“ קומט פאַר א שטענדיקער אויסבייט־שטראָם פון נעמען און געבן, געבן און נעמען? וואָלטן מיר באמת געוואָלט פאַר־טיליקן פון אונזער נשמה אלץ, וואָס דער מענטשלעכער פראָג־רעס האָט ארויסגעבראַכט אין דעם משך פון אונזער גלות־לעבן,— אלע וויסנשאַפטלעכע, קינסטלערישע, פילאָזאָפישע און קולטורעלע דעראָבערונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט און וועלכע מיר האָבן אין דער לעצטער צייט אריבערגענומען פון אים?

איך גיב צו, אז מיר האָבן גענוג רעאַקציאָנערן, וואָס וואָלטן זיך נישט נאָר נישט אָפּגעשראָקן פאַר אזא ראַדיקאַלן קאַמף אנטקעגן דער „גלות־פּסיכאָלאָגיע“, נאָר וואָס זעען דעם גאַנצן זין פון זייערע שטרעבונגען און אידעאַלן אין דעם קאַמף אנטקעגן דער מאָדערנער אייראָפּעאישער קולטור. אָבער וועגן זיי רעדן מיר נישט. די, פאַר וועמען דער פרייער געדאַנק, דאָס פרייע זוכן, פאָרשן און שאַפן איז די ביטערסטע פּרי פון דעם גלות־לעבן, געפינען זיך אין א גייסטיקער אַטמאָספער, וואָס איז אזוי ווייט פון אונזערער, אז מיר קאָנען נאָר מיט גרויס מי אײנע די אַנדערע פאַרשטיין.

פאַר א מאָדערנעם יידן איז די מאָדערנע מענטשלעכע קולטור דער באַזיס פון זיין נשמה און ווי הויך ער זאָל נישט שעצן די גייסטיקע שיינקייט, וואָס ליגט אין דער אלטער יידישער קולטור, ווי שטאַרק ער זאָל נישט באַוואונדערן די גייס־טיקע גאונות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעווענדט אויף איר אויסבוי, איז פאַר אים אוממעגלעך אומצוקערן זיך צוריק אין דעם אלטן מדבר פון שולחן־ערוך און קבלה. יענער טייל פון אונזער נשמה, וואָס איז צונויפגעוואַקסן מיט דער מאָדערנער קולטור, איז דורך־און דורך אָנגעזאַפּט מיט „גלות־פסיכאָלאָגיע“, ווייל די קולטור איז אויסגעוואַקסן אין „גלות“.

און בכלל: נישט אלץ, וואָס איז שלעכט אין אונז, שטאַמט פון דעם „גלות“, און נישט אלץ, וואָס איז פון „גלות“ אין אונז, איז שלעכט. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, וואָס איז אין אונז, איז

שלעכט. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, וואָס איז אין אונז, שטאַמט צום טייל פון אונז אַליין, פון אונזער כאַראַקטער און דעם בוי פון אונזער נשמה, און צום טייל פון דער סביבה, אין וועלכער מיר לעבן. מען קאָן אָבער גאַנץ זיכער נישט איינטיילן דאָס אַזוי, אַז אַלדאָס גוטס זאָל שטאַמען פון אונז און אַלדאָס בייז זאָל קומען פון דער סביבה.

ממילא, קאָן דער פאַקט, וואָס א וועלכער עס איז צושטאַנד אין אונז איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם גלות, נאָך בשום אופן נישט זיין קיין באַווייז, אַז ער איז א „גלות״־פּסיכאָלאָגישער. אָן אַנדער מאַסשטאַב מוז דעריבער געפונען ווערן, וואָס זאָל קלאָר אַרויסברענגען דאָס „פחות־ערכדיקע״ און שענדלעכע פון יענער פּסיכאָלאָגיע.

אויב איך האָב נישט קיין טעות, ליגט דער וואָרצל פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע נישט אין דעם אַלגעמיינעם פאַקט, וואָס מיר לעבן אין גלות, נאָר אין דער ספּעציעלער דערשיינונג, וואָס מיר לעבן אין גלות פאַרשקלאַפט. דער שקלאַפישער זין, — אָט דאָס איז דער מקור, פון וואַנען עס שלאָגט די גלות־פּסיכאָלאָגיע, און די בעסטע פאָרמול פאַר איר האָט דער ייד באַשאַפן אין זיין פּסחדיקן שפּרוך פון „השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין״: „איצט זענען מיר קנעכט, איבעראַיאָר וועלן מיר זיין פרייע מענטשן״. אין דעם השתא עבדי, — אין דעם אָפּ־טרעטן פאַר דער געגנוואַרט, אין דעם אויסאיינען זיך מיט דעם געדאַנק, אַז איצט מוזן מיר בלייבן קנעכט, אין דעם אייביקן אָפּלייגן פון פרייהייט אויף „איבעראַיאָר״, — אָט דאָ ליגט דער אייגנטלעכער סם־המות פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע.

יעדן געדאַנק, וואָס איך אונטערשטיץ — נישט דערפאַר, ווייל איך גלויב אין אים, נאָר ווייל „השתא עבדי״; יעדעס געפיל, וואָס דערודעקט זיך אין מיין ברוסט, מיט וועלכן איך וואָלט מיך געשעמט, ווען איך וואָלט געווען א „בן־חורין״; יעדע האַנדלונג, וואָס איך טו, אָדער פון וועלכער איך זאָג מיך אָפּ נישט דערפאַר, ווייל איך זע אין איר נוצן אָדער שאָדן, נאָר

ווייל — „וואָס זאָל מען טאָן: מיר זענען איצט אין גלות!" — דאָס אַלץ איז גלות־פסיכאָלאָגיע.

ווייל מען באמת באפרייט ווערן פון איר, מוז מען תמיד האַלטן פאר די אויגן איר היפך, איר ערגסטן און ביטערסטן פיינט: די פסיכאָלאָגיע פון דעם פרייעם, שטאָלצן, זעלבשטענדיקן מאַן. אַלץ, אנטקעגן וואָס עס פּראָטעסטירט דער „בן־חורין" אין דיר, איז גלות־פסיכאָלאָגיע, איז יענע גיפטיקע פלאַנץ, וועלכע מוז אויסגעראָט ווערן „עד לחרמה".

איך ווייס גאַנץ גוט, אז די פאָרמול איז צו אַלגעמיין, צו אבסטראַקט, מען זאָל קאָנען מיט איר הילף אַלעמאָל פאַנאַנדערשיידן צווישן די „גלות"־פלאַנצן און די פרייע מענטשלעכע פלאַנצן אין אונזער נשמה. די שווערקייט ליגט נישט אין דער פאָרמול גופא, נאָר אין דעם אומשטאנד, וואָס יעדער האָט זיך זיין „בן־חורין" אין דער ברוסט. די „בני־חורין" וואָלטן אויך אין אן אייגענער פרייער היים פארשיידן אויפגענומען די פּראָבלעמען פון דעם אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און וואָלטן געשטרעבט צו פארשיידענע אידעאַלן, און איין־און־די־זעלביקע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג וואָלט אויך דאָרט איינעם אָנצינדן מיט דעם אש־להבה פון רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט און דעם אנדערן מיט דער פרייזיקסטער התלהבות. אָבער פאר יעדן פון אונז איז זיין אייגענער בן־חורין, — דער אידעאַל פון א שטאָלצן פרייעם חשובן לעבן, — דער בעסטער שופט איבער דער גלות־פסיכאָלאָגיע.

כדי צו וויסן, צי עפּעס אין דיין נשמה איז גלות־פסיכאָלאָגיע, אָדער נישט, איז דאָ גאָר אַ פּשוט מיטל:

זיי דיר משער, אז דו ביזט א פרייער מענטש אין אן אייגענער פרייער היים. מאָל דיר קלאָר אויס, וואָס וואָלסטו דאָרט באקעמפט און פארוואָס וואָלסטו דיך דאָרט איינגעשטעלט, און דאָס, וואָס דו וואָלסט דאָרט אונטערשטיצט, אונטערשטיץ אויך דאָ, איצט באטראַכט דיינע געפילן און דיינע האנדלונגען אין גלות. אויב דו געפינסט, אז דו זאָגסט דיך אָפּ פון א קאמף, וואָס איז טייער דיין נשמה, אָדער דו אונטערשטיצסט א זאַך

וואָס איז איר צווידער, מער נישט דערפאַר, ווייל השתּא עבדי, — ווייל „איצט זענען מיר אין גלות", — איז זיי חייסן, אַז דו שטייסט אונטער דער גיהטיקער שליטה פון דער גלות-פסיכאָלאָגיע.

א פּאָר ביישפּילן וועלן אונז נאָך קלאָרער מאַכן דעם ענין.

אויב איינער גלויבט באמת, אַז פּאָליטיק דאַרף געמאַכט ווערן נאָר פון א פּאָר „גדולים"; אַז דאָס פאָלק האָט קיין רעכט נישט אריינצומישן זיך אין אזוינע זאַכן, וואָס רירן אָן די יסודות פון זיין לעבן, און אויב אזא מענטש זוכט צו פּאַר-ענטפערן די פּראָבלעמען פון דעם פאָלקס-לעבן דורך שתּדלנות ביי די „גדולים", די אייגענע אָדער פרעמדע, דורך „מה-יפית"-טאַקטיקן און פאָרהויז-אינטריגעס, איז ער פ ר י י פון גלות-פּסי-כאָלאָגיע, מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס דער צרהדיקער „בן-חורין" זיינער וואָלט אויך אין א פרייער אייגענער היים נישט געוווּסט פון קיין אַנדערער פּאָליטיק, ווי נאָר קריכן אויף דער ערד און לעקן ביי די „גרויסע" און „שטאַרקע" דעם שטויב פון זייערע שטיוול.

אָבער אויב איינעמס „בן-חורין" איז שוין אויסגעוואַקסן, ברוך השם, צו דער מדרגה פון אַ שטאָלצן, פרייעם דעמאָקראַט, און ער בויגט פאָרט זיין נאַקן פאַר די, וואָס האָבן די מאַכט אין די הענט, און ער טרייבט שתּדלנות-פּאָליטיק און „מה-יפית"-טאַקטיק, ווייל „דאָ און איצט קאָן מען נישט אַנדערש", איז דאָס די געמיינסטע גלות-פּסיכאָלאָגיע.

אויב איינער גלויבט באמונה שלמה, אַז די יידישע רע-ליגיע איז דער העכסטער שטאַפּל פון אמת און, אַפילו ווען מיר וואָלטן געלעבט אין אונזער אייגענעם פרייעם לאַנד, וואָלט ער, דער בן-חורין, געקעמפט פאַר יעדן אות פון דעם שולחן-ערוך, איז זיין קאַמף דאָ אין גלות פאַר די אַלטע רעליגיעזע קייטן אַנטקעגן יעדן פאַרזוך אַראָפּצוואַרפן זיי פון זיך, בשום אופן נישט קיין גלות-פּסיכאָלאָגיע, ווען אַפילו מיר קאָנען זיין ווי איבער-

ציִיגט, אַז די איבערגעגעבנקייט צום שולחן־ערוך האָט געקאָנט אויסוואַקסן נאָר אין גלות.

נאָר אויב איינער איז שוין אינעווייניק באַפרייט פון דעם גלויבן אין אים, אָבער ער שטעלט זיך פאָרט פאַר אים איין שטאָל און אייזן, מחמת דעם איינציקן טעם, וואָס דער שולחן־ערוך איז די בעסטע שמירה פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום אין גלות, איז דאָס נישט קיין אַנדער זאַך, ווי „גלות"־פּסיכאָ־לאָגיע.

איך קאָן מענטשן, גאַנץ פרײַדענקנדיקע, וואָס בײַ זיי איז אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין אַן אייגענעם לאַנד וועלן מיר מוזן דורכפירן דעם פאַנאַנדערדרייס פון „רעליגיע" און „נאַציע" אַקוראַט אַזוי שאַרף, ווי ער איז דורכגעפירט בײַ אַלע פּראָגרע־סיווע פעלקער. מיר וועלן מוזן געבן יעדן יידן דאָס רעכט צו גלויבן אָדער נישט צו גלויבן אין וואָס ער וויל. און פונדעסט־וועגן ווערן אָט די פרײַדענקער פאַרציטערטע, ווי נאָר מען וויל דורכ־פירן דעם פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער רעליגיע־פרײַהייט אין דעם יידישן לעבן שוין דאָ, אין גלות. אָט די אַבסאָלוטע רעליגיע־פרײַהייט קאָנען אַ סך פון אונזערע „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן" נישט צולאָזן פּשוט דערפאַר, ווײַל „דאָ, אין גלות", זאָגן זיי, וואָלט דאָס געווען אַ געפאַר פאַר דעם קיום־הלאום. אינדערעמתן זענען זיי נישט קאָנסעקווענט דערפאַר, ווײַל זיי טרויען נישט דעם אייגענעם „בן־חורין": פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל מיט דעם „השתא עבדי" און טרייסטן אים מיט דער חלשותדיקער טרייסט פון „לשנה הבאה". אָט דאָס איז אמתע גלות־פּסיכאָלאָגיע.

נאָכאַמאָל: דעם פרומען יידן באַשולדיק איך נישט אין דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגיע. איך פאַרשטיי זײַן ווייטאָג און האָב דרך־ארץ פאַר זײַן קאַמף, ווײַל איך ווייס, אַז אויך אין רעצר פרײַער היים וואָלט ער געשטאַנען אויף זײַן קלעריקאַלן שטאַנד־פּונקט און וואָלט געקעמפט פאַר זײַן אמת. איך באַשולדיק אין דער ערגסטער גלות־פּסיכאָלאָגיע נאָר יענע, פאַר וועמען די יידישע רעליגיע איז נישט קיין אינעווייניקסטער אמת פון זייער האַרצן; וואָס באַגייען זיך מיט רעליגיעזע אמתן, ווי מען באַגייט

זיך מיט שטיינער און פלעקער; וואָס ווילן אויסבויען פון זיי א דרויסנדיקע צאָם אַרום זיך, ווייל עס לוינט זיך אַזוי צו טאָן — אין גלות!

איך קאָן נאָך אַנדערע פריידענקנדיקע מענטשן, שוין, נישט צו פאַרזינדיקן, סאָציאַליסטן, וואָס גלויבן, ווי כשרע סאָציאַליסטן, באמונה שלמה, אַז יעדע ענגע פאַרבינדונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע מוז פירן צו דער אָפּשוואַכונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס ענערגיע, און פונדעסטוועגן דערלאָזט זיי זייער „ריין-פּראָלעטאַרישער" יושר, זיי זאָלן איינשפּאַנען דעם יידישן אַרבעטער אין איין וואָגן מיט דער בורזשואַזיע, ווייל „דאָ, אין גלות, קאָן מען אַנדערש נישט", ווייל, אַז נישט, וועט די בורזשואַזיע גאָרנישט וועלן „פּאָדערן". אויך דאָ האָבן מיר פאַר אונז אַ פאַל פון ריינער, אויסגעקריסטאַליזירטער גלות-פּסיכאָלאָגיע.

ווידעראַמאָל: איך האָב דאָ אין זין נאָר די גאַנץ-כשרע, מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן און די „פּועלי-ציון", וואָס גלויבן, אַז ווי נאָר מיר קומען אין אונזער פרייער היים, אַזוי שפּייען מיר אָן אין פּנים דער בורזשואַזיע, פאַרקאַשערן תיכף די אַרבל און הויבן אָן פירן אַ קוממיותדיקן קלאַסנקאַמף... דאָס דאַרף אָבער געשען נאָר „לשנה הבאה". איצט, צוריק, דאַרף מען ציטערן פאַר יעדן ערנסטערן אַרויסטריט פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווייל — השתא עבדי. די האַלב-כשרע און גאָר „טריף-פּסולע" סאָציאַליסטן, וואָס גלויבן, אַז אפילו אין דער אייגענער היים וועלן מיר מוזן אין געוויסע גרענעצן גיין האַנט אין האַנט מיט דער בורזשואַזיע, — זיי באַשולדיק איך נישט אין „גלות-פּסיכאָלאָגיע", ווייל זיי בלייבן טריי זייער אייגענעם „בן-חורין".

איך וואָלט געקאָנט אָנפירן נאָך אַ גאַנצע מאַסע ביישפּילן, וואָס וואָלטן אונז אילוסטרירט די „גלות-פּסיכאָלאָגיע" דווקא פון יענע נאַציאָנאַליסטן, וואָס לאָזן דאָס ווערטל נישט אַרויס פון מויל, שליידערן עס אין פּנים פון זייערע קעגנער, וואָס זענען אין דעם פונקט אַ סך ריינער, איידער זיי אַליין.

אָבער מיין היינטיק קאַפּיטל איז נישט קיין פּאָלעמישער, נאָר אַ ערשטער לינ״יע אַ ריין־טעאָרעטישער. מיט יעדן פּעדימל פון מיינע נערוון האָב איך אַליין פּיינט „גלות“ און „גלות־פסיכאָלאָגיע“. איך האָב מיר געוואָלט אַליין קלאָר ווערן אין דעם ענין, כדי אויף זיך אַליין צו קאָנען האַלטן די קאָנטראָל, און דאָס איז דער רעזולטאַט, צו וועלכן איך בין געקומען:

עס איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטע גלות־פסיכאָלאָגיע. יעדער איינער האָט זיין אייגן שטיקל צרה אין דעם פּרט, און זי הענגט אָפּ פון דעם אייגענעם פרייהייטס־אידעאַל. פריי פון גלות־פסיכאָלאָגיע איז דער, וואָס קעמפט פאַר זיינע פרייהייטס־אידעאַלן אין דער פרעמד נישט מיט אַ קלענערער ענערגיע, איידער ער וואָלט געקעמפט פאַר זיי „אינדערהיים“. פריי פון גלות־פסיכאָלאָגיע איז דער, וואָס פילט שטאָלץ אין זיך דעם בן־חורין, און לאָזט נישט קריכן אויפן קאָפּ און פאָדערט אומעטום דאָס רעכט, וואָס אים געהער, ווי אַ פרייעם מענטשן, אַלץ איינס, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען: אינדערהיים, אָדער אין דער פרעמד. די „גלות־פסיכאָלאָגיע“ הויבט זיך אָן מיט דעם מאָמענט, ווען מען הויבט אָן צו מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט דעם אייגענעם „בן־חורין“, ווען מען הויבט אָן צו פאַררעדן אים די ציין מיט דער זויערער „נעבעך“־טענה, אַז — „הויב זיך נישט אָן מיט דעם גוי“, „פאַרגעס נישט, מיר זענען אין דער פרעמד“, און — „וואָס זאָל מען טאָן? דער ביטערער גלות!“

דער אידעאַל פון דעם פרייעם, שטאָלצן מענטשן אין דער אייגענער היים איז דער איינציקער מאָסשטאַב, מיט וועלכן מיר קאָנען מעסטן און דורך וועלכן מיר קאָנען באַשטימען די גלות־פסיכאָלאָגיע: זי איז אַלעמאָל די פרוכט פון אַ געבראָכענער פרייהייט און אַ פאַרטונקלטן שטאָלץ.

די אויפלעבונג פון דעמדאָזיקן אידעאַל אין אונזער ברוסט, זיין דורכפירונג אין יעדן מאָמענט פון אונזער לעבן, אין יעדן אָרט פון אונזער זין איז דאָס איינציקע מיטל אַנטקעגן דער

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי

גלות־פּסיכאָלאָגיע, זי איז אָבער אויך דאָס איינציקע מיטל אַנט־קעגן דעם גלות, ווייל נאָר די, וואָס וועלן איינגעזען זיין פריי פון דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער פּסיכאָלאָגיע, וועלן קאָנען בויען אַן אייגענע פרייע היים.

אין דער „פאָלקס־שטימע", ניו־יאָרק, און אין „פריינד", פעטערבורג.

הערמאַן באַהר װעגן ייִדישן נאַציאָנאַליזם

הערמאַן באַהר וועגן יידישן נאַציאָנאַליזם

אין דעם נומער 8 פון דער ציוניסטישער „די וועלט“ איז איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון אַ זייער באַלערנדיקער פאָרלע־זונג, וועלכע הערמאַן באַהר האָט נישט לאַנג געהאַלטן אין דער „יידישער לעזע־האַללע“ אין פּראָג. די פאָרלעזונג רופט זיך „דאָס יודענפּראָבלעם“.

הערמאַן באַהר איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פיגורן אין דער נייער דייטשישער ליטעראַטור. אויף זיין נאָמען פאַלט אויס אַ גאַנץ גרויסער חלק פון יענעם רום, וועלכע די „יונגע“ האָבן פאַרדינט דורך זייער באַשאַפן די מאָדערנע ריכטונגען אין דער דייטשישער קונסט. צו דעם סוף אַכציקער און דעם אָנהויב נײַנציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט איז באַהר געווען דער אייגנטלעכער פאָן־טרעגער פון דער נייער באַוועגונג; נישט נאָר דער טעאָרעטישער וואָרט־פירער, נאָר אויך דער באַשאַפער פון קונסט־ווערק, אין וועלכע די נייע פּרינציפּן האָבן געזאָלט זיין אויסגעדריקט.

אַ ראָמאַניסט, וואָס האָט גליקלעך פאַראייניקט דאָסטאָיעווסקיס מיקראָסקאָפּישן אַנאַליז פון צערודערטע נשמות, מיט דעם מאָדערנעם עסטעטיזם, דעם פאַלן כורעים פאַר דער ריינער שיינקייט, איז באַהר געוואָרן דער פאָטער פון יענער ריכטונג אינם ראָמאַן, וואָס האָט איצטער זיין גלענצנדיקסטן פאָרטרעטער אין פוילן, פשיבישעווסקי; אַ דראַמאַטורג פון קראַפט און ווירקונג; אַ גלענצנדיקער סטיליסט און קריטיקער, וואָס האָט קאָמענטירט

פאַרן דייטשישן עולם די מאָדערנע ריכטונגען פון די אויסלענדישע ליטעראַטורן און האָט געקעמפט זייער קאַמף, איז הערמאַן באַהר אָבער נישט נאָר ליטעראַט און קונסט־קריטיקער: ער האָט אויך גאָרנישט קיין שלעכטן קאָפּ אין ריין־טעאָרעטישע ענינים.

איך ווייס נישט, אויב אַלעמען, וואָס האָבן זיך מיט אים אינטערעסירט, איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז באַהר איז אַ לענגערע צייט געווען אַ פאָרקעמפער פון דעם יונגן מאַרקסיזם. ער האָט מיט פיל טעאָרעטישער עלעגאַנץ און שאַרפזין געפּרוווט אָנווענדן מאַרקס׳ היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אויף דעם אַנאַליז און דער דערקלערונג פון דער קינסטלערישער עוואָלוציע פון זיין צייט.

שפּעטער האָט זיך באַהר אָפּגעזאָגט פון מאַרקסיזם. אָבער זיין מאַרקסיסטיש הויפּטווערק „צור קריטיק דער מאָדערנע״ האָט נאָך עד היום נישט פאַרלאָרן זיין ווערט נישט נאָר ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט, נאָר אויך ווי א טעאָרעטישער בנין. די פונדאַמענטן פון דעם בנין זענען, אמת, פאַראַלטעט און צעשאָקלט, אָבער פון זיינע איינצלנע טיילן קאָן מען נאָך עד היום עפּעס לערנען, בפרט יענע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער רייכער און פאַרפּלאָנטערטער פּראָבלעם, ווי אַזוי „די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע״ ווירקט אויף די קינסטלערישע באַוווסטזיינס־פאָרמען.

פון דערזעלביקער צייט (אַ ביסל פריער) שטאַמט נאָך אַ מאַרקסיסטיש־פּאָלעמיש ווערק פון אים, וואָס איז אָפּט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דערזעלביקער הויך, ווי די באַרימטע פּאָלעמיקן פון לאַסאַל אַנטקעגן שולצע־דעליטש און פון ענגעלס אַנטקעגן דיהרינג. (לײדער איז מיר איצטער אַרויס פון זכרון סיי דער נאָמען פונם ווערק, סיי דער נאָמען פונם אומגליקלעכן, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך דעם כעס און די פּאָלעמישע פיילן פון הערמאַן באַהר).

געוואָרן „אויס מאַרקסיסט״, איז הערמאַן באַהר געוואָרן אויך „אויס סאָציאַל־דעמאָקראַט״, — אַ דערשיינונג, וואָס דערקלערט זיך ביי באַהרן, ווי ביי אַ סך אַנדערע, גאָר פשוט. זיין

סאָציאַליזם איז צו פעסט געווען צונויפגעוואַקסן מיט די ריין־פילאָזאָפישע און געשיכטס־פילאָזאָפישע טעאָרעמען פונם מאַרקסיזם. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענע זענען פאַלש, — ווייניקסטנס האָט עס זיך אַזוי אַרויסגעוויזן אין באַהרס אויגן, — האָט ממילא אויך דער סאָציאַליזם פאַרלאָרן פאַר אים יעדע באַרעכטיקונג.

אָבער אַ פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלער מענטש איז באַהר געבליבן, און כמעט אויף יעדן פעלד פון דעם עפנטלעכן באַוווסטזיין, ווו דאָס נייע קעמפט אַנטקעגן דאָס אַלטע, קאָנען מיר טרעפן באַהרן ווען נישט אין אַ פירער־ראָלע איז לכל־הפחות אין דער ראָלע פון אַ פעאיקן סאָלדאַט, וואָס פאַרשטייט צו באַגייען זיך מיט אַלע אַרטן געווער: ער פעכט גוט מיטן שווערד, אָבער פאַרשטייט אויך ווי צו צילן פון אַ שווערן האַרמאַט.

אַלס סאָלדאַט פון דער פּראָגרעסיווער אַרמיי איז הערמאַן באַהר אָפט צונויפגעקומען זיך מיט ראַדיקאַלע יידן און איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ מיט־אַרויסגעבער פון דער ווינער צייטשריפט „די צייט", וואָס צוויי ראַדיקאַלע יידן זענען געשטאַנען אין איר שפּיץ, און איבערהויפּט איז די גייסטיקע אַטמאָספער, אין וועלכער אַ הערמאַן באַהר באַוועגט זיך, פול אָנגעפּראָפּט מיט ראַדיקאַלע יידן, וואָס האָבן, פאַרשטייט זיך, שוין לאַנג פאַרלאָרן זייער צורת ייד (אָדער ווייניקסטנס גלויבן זיי אין דעם) און פאַר וועלכע דאָס וואָרט „יידישער נאַציאָנאַליזם" איז אַ פערזענלעכע באַליידיקונג.

עס איז דעריבער זייער אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס אַזאַ מענטש האָט צו זאָגן וועגן דער „יידן־פּראָבלעם".

אין וואָס באַשטייט דידאָזיקע פּראָבלעם? פאַר אונדזער איינעם וואָלט גאָרנישט שווער געווען צו געבן אַן ענטפער אויף דער שאלה: די הויפּט־פּראָבלעם פון דעם יידישן פאָלק איז די פּראָבלעם פון אַ זעלבשטענדיקן נאַציאָנאַלן לעבן, דער קאַמף פון דעם מאָדערנעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם אַנטקעגן דער אַסימילאַציע. צום גליק האָט אויך באַהר פאַרשטאַנען זיין טעמע אין דעמזעלביקן זין, און זיין גאַנצער רעפעראַט איז געווען

טיפע קריטיק פון דעם אַסימילאַציע-ייִד און אַן אויפפאָדערונג, ייִדן זאָלן זיך אין אייראָפּע אָרגאַניזירן ווי אַ באַזונדערע נאַציע.

דער געדאַנק, פאַרשטייט זיך, איז נישט נײַ. נײַ איז אָבער, וואָס אַן אייראָפּעאישער ר אַ ד י ק אַ ל רעדט אַזוינע רייד, ווייל ביז אַהער האָט דער אייראָפּעאישער ראַדיקאַל אָדער ריין-עגאָאיסטיש צוגעבאַמקעט צו דער אַסימילאַציע, ווייל זי האָט פאַרמערט זיין אַרמיי מיט פעאיקע שטרייטערס, אָדער ער האָט געמאַכט אַ שווייג וועגן זיינע אמתע געפילן און געדאַנקען, כדי נישט צו באַליידיקן די ייִדישע גענאָסן.

דענקט זיך באמת אַריין אין דער לאַגע פון אַן אויפגעקלערטן ראַדיקאַל. ער זעט איין די גאַנצע לעכערלעכקייט פון דער ייִדישער אַסימילאַציע, דעם אומגעהייערן שווינדל פון דעם ייִדישן „דייטש", „רוס", „פראַנצויז" א. אַז. וו., אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ער זעט אין דערזעלביקער צייט, אַז דער אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם, וואָס איז אויך זיין פיינט, אי. די איינציקע געזעלשאַפטלעכע ריכטונג, וועלכע קעמפט אַנטקעגן דעמדאָזיקן „בלאָף", האָט נישט אַ רעכט זיין ייִדישער גענאָסע צו פאַרלאַנגען פון אים, ער זאָל אין דעם פונקט נישט גיין האַנט אין האַנט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם? און וועט דער ייִדישער גענאָסע נישט האָבן אַ רעכט אויך אים צו באַשולדיקן אין אַנטיסעמיטיזם, ווען ער וועט אַרויסגיין און זאָגן צו זיינע ייִדישע פריינט: „איך גלויב נישט אין אייערע אָנשטעלן. איר וועט קיינמאָל נישט זיין קיין „רוסן", „דייטשן", „פראַנצויזן". ייִדן זענט איר געוועזן און ייִדן מוזט איר בלייבן"...

כדי אויסצומיידן דעם חשד אין אַנטיסעמיטיזם, מוז דער ראַדיקאַל מאַכן אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי ער וואָלט באמת געגלויבט אין דער פאַרוואַנדלונגס-מיסטעריע פון אַ ייִדן אין אַ רוס אָדער אַ דייטש, — אַן איבערנאַטירלעכער וווּנדער, וואָס אין אים איז נאָך שווערער צו גלויבן איידער אין דער פאַרוואַנדלונג פון ווייַן און ברויט אין פלייש און בלוט.

הערמאַן באַהר איז אָבער אַלעמאָל געווען אַן „ערץ-עזות-פנים" און אויך איצטער זאָגט ער אָפן און ערלעך, אַז ער פאַרשטייט נישט ווי אַזוי אַזאַ ווינדער קאָן געשען. שילדערנדיק די לעכערלעכקייט פון די רייכע יידן, וואָס ווילן נאָכטאַנצן נאָך דעם פרעמדן לעבן פון דער פרעמדער אַריסטאָקראַטיע, באַמערקט באַהר, אַז די מיאוסע דערשיינונג קאָן מען געפינען אומעטום, אַפילו אין דער ליטעראַטור. „ווי אומגעהייער נאַריש איז דער געהיימנישפולער אינטערעס, די געהיימנישפולע סימפּאַטיע, וואָס די יידישע אויטאָרן ווייזן אַרויס בנוגע צו דעם גערמאַנישן לעגענדן-קריין! יעדער פון דידאָזיקע בערלינער מאָדערנע יידן מאַכט אַ פאַרהימלטן פנים, ווי נאָר ער הערט דעם נאָמען פון דעם קעניג אַרטוס. פאַרוואָס? ווער איז דער קעניג אַרטוס? מיר געפעלן נישט יענע יידן, אָבער פּסיכאָלאָגיש באַוואונדער איך זיי, איך באַוואונדער דעם געהירן-קונץ-שטיק, וואָס זיי ברענגען אַרויס".

אין אַן אַנדער שטעל ווייזט ער אויף אויף דעם אַלט-באַקאַנטן פאַקט, אַז דער בעסטער לויב פאַר אַן אַסימילירטן יידן איז ווען מען זאָגט אים, אַז ער איז אייגנטלעך גאָר קיין ייד נישט. „וואָס זענען דאָס", פרעגט באַהר, „פאַרא מענטשן, וואָס דער העכסטער לויב ביי זיי איז, ווען מען זאָגט זיי: דאָס וואָס איר זענט, זענט איר אייגנטלעך נישט? איך האָב אַמאָל געלעזן אַ וואונדער-שיינעם בריוו, וועלכער איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דערדאָזיקער גאַנצער פאַרווירונג אין די אויפגעקלערטע יידישע קעפּ, וואָס איך קאָן נישט פאַרשטיין. אַ דיכטער, אַ ייד, איך רוף אים דאָ דער ייד א., האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע. אַן אַנדער ייד, דער ייד ב., האָט אים שטאַרק אַרונטערגעריסן אין אַ קריטיק. אַ דריטער ייד, וועמען די פּיעסע פון דעם ייד א. איז שטאַרק געפעלן געוואָרן, שרייבט צו אים אַ בריוו וועגן יענער אַרונטעררייסנדיקער קריטיק און זאָגט: דער העדר ב. איז אַ נידערטרעכטיקער קערל. עס ברענגט אים אַריין אין כעס, ווי געמיין יענער העדר האָט געשריבן וועגן דער פיינער פּיעסע. „אָבער עסט זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ דערפון", זאָגט ער צום

סוף, „ווי קאָן דען אַ ייד ווען עס איז פאַרשטיין די הערלעכקייט פון אייער שאַפונג!״

איך קאָן, זאָגט ווייטער באַהר, „אַלע דריי הערן. אַלע דריי זענען יידן. אַלע דריי אָנשטענדיקע מענטשן, און דער, וואָס האָט געשריבן יענעם בריוו, האָט אים געשריבן אין דעם טיפסטן ערנסט. איך קאָן געבן אַ שבועה, אַז דער אַנעקדאָט איז אַן אמת. און איצטער שטעלט זיך פאַר די ברייטע מאַסע פונם פאָלק, די דורכשניט-אינטעליגענץ פון דעם דייטשישן, פראַנצויזישן, טשעכישן פאָלק, פאַר וועמעס אויגן עס שפּילן זיך אָפּ אַזעלכע דערשיינונגען״...

אַ נאַטירלעכער מענטש מיט אַ נאַטירלעכן נאַציאָנאַל-געפיל קאָן דאָס טאָקע באמת נישט באַגרייפן, ער פאַרשטייט דאָס פשוט נישט.

נאָך אַן אינטערעסאַנטן פאַקט ברענגט באַהר, כדי צו אילוסטרירן זיין געדאַנק.

„איך בין איינמאָל געקומען אין אַן אָרט אין דרום-עסטרייך, וווּ צוויי נאַציעס, — אגב, ביידע סלאַווישע, — זענען געשטאַנען אין אַ ביטערן קאַמף, איינע קעגן דער אַנדערער. יעדע פון דידאָזיקע נאַציעס האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן פירער, ביידע זייער קלוגע, טיכטיקע און געשייטע מענטשן. איינער פון זיי, דר. א., איז געווען — אַן אונגאַרישער ייד. דער אַנדערער, דר. ב. — אַן עסטרייכישער ייד.

נישט ווילנדיק פרעגט מען זיך: וואָס איז דאָס פאַר אַ ראַסע? ווי מוז דאָס דאָרטן אויסזען אין די געהירן פון אַזעלכע לייט? דידאָזיקע יידן מאַכן באַשיינפּערלעך אַ גרויסן טעות. געוויס, ווען איך וווין אָפּ אַ סך יאָרן צווישן פראַנצויזן אָדער יאַפּאַנער, קאָן איך ביז צו אַ געוויסן גראַד אַריינגעמען אין זיך דעם גאַנצן געדאַנקען-אינהאַלט פון די פראַנצויזן. וואַרשיינלעך קאָן איך אַפילו אין אַלע ויטלעכע ענינים זיך צופּאַסן צו דעם עמפּינדונגס-לעבן פון אַ פרעמדער נאַציע. און דאָס, מיינען אַזעלכע יידן, איז גענוג, כדי פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ קינד פון יענער פרעמדער נאַציע.

דאָס איז אָבער נישט אמת. אינם נאַציאָנאַלן לעבן שפּילן די הויפּט־ראָלע די אינסטינקטיווע זאַכן. איך קאָן ווערן אַ פּול־קאָמענער ענגלענדער אין דענקען און אין עמפּינדן, אָבער אַפילו ווען איך זאָל האָבן אָפּגעלעבט צוואַנציק יאָר אין ענגלאַנד, חתונה געהאַט מיט אַן ענגלענדערין און לפּנים זיך אינגאַנצן אַסימילירט, וועלן נאָך דעמאָלט אַרויסשפּרינגען קלייניקייטן, וואָס וועלן באַווייזן, אַז איך בין נישט פּאָרט קיין ענגלענדער.

איך וועל נישט קאָנען לאַכן דאָרטן, ווו דער ענגלענדער לאַכט פונם גאַנצן האַרצן, און צוריק וועל איך דערציילן לוסטיקע מעשיות, ביי וועלכע דער ענגלענדער וועט בלייבן קאַלט און ערנסט. אָן אַ שום גרונט וועט פאַר מיר זיין סימפּאַטיש עפּעס אַזויגס, וואָס איז אומסימפּאַטיש דעם עכטן ענגלענדער און אומגעקערט. אינסטינקטיווע זאַכן קאָן מען נישט באַנעמען מיט די געהירן, אָט דאָ, גלויב איך, ליגט דער טיפער פּסיכאָלאָגישער טעות פון דעם אַסימילאַציע־ייד”.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ראַדיקאַל, פאַר וועמען דער אַסימילאַציע־ייד איז אָדער אַ לעכערלעכע דערשיינונג, אָדער אַ נישט־פאַרשטאַנענע חדוה, מוז קוקן גאָר מיט אַנדערע אויגן אויף יענע פּראָגרעסיווע יידן, וואָס באַקענען זיך שטאָלץ צו דער יידישער נאַציע. אַזאַ ייד איז געווען טעאָדאָר הערצל, און הערמאַן באַהר רעדט זייער וואַרעם וועגן אים. ער דערציילט אונז וועגן אייניקע מאָמענטן פון הערצלס לעבן, וואָס האָבן אויך אַן אַלגעמיינעם אינטערעס.

„איך רעכן פאַר איינעם פון די ווירקלעך גרויסע גליקס־פאַלן אין מיין לעבן”, זאָגט ער, „וואָס איך האָב פון מיין יוגנט אָן פּערזענלעך געקאַנט דעם גרעסטן יידן פון אונזער צייט און וואָס איך בין מיט אים געווען זייער באַפריינדעט: מיט טעאָדאָר הערצל. ווייסט איר, וואָס טעאָדאָר הערצל איז געווען, בעת איך בין מיט אים באַקאַנט געוואָרן? ער איז געווען אַ דייטש־נאַציאָנאַלער בורשענשאַפטער. דאָס איז געווען זיין אָנהויב. און ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דייטשישער בורשענשאַפטער”.

באַהר דערציילט אונז, ווי הערצל האָט אַריינגענומען

אין זיינע געהירן דאָס גאַנצע דייטשטום און ווי ער פלעגט עס פלאַסטיש אויסדריקן אין אַלע דערשיינונגען פון דעם ווינער סטודענטישן לעבן, אינם רעדן, טרינקען און ביי די דועלן. דערפאַר האָט די „פאַרביקע״ פאַרבינדונג, צו וועלכער הערצל האָט געהערט, אין איין פרימאָרגן באַשלאָסן, מען זאָל אַלע יידן אַרויסיאָגן „פון דער פאַרב״ „קום אינפאַמיאַ״ („מיט שמאַך״)...

אגב אורחא! אויב דער אַמעריקאַנער יידישער לייענער מיינט, אַז אַ „פאַרביקע פאַרבינדונג״ איז אַ נעגער-פאַרבינדונג אָדער אַן אינדיאַנער-פאַראיין, האָט ער אַ טעות. דאָ רעדט זיך עס וועגן סטודענטן-פאַראיינען, וואָס טראָגן געוויסע פאַרבן, ווי סמנים, וואָס באַדייטן... אסור, אויב איך הויב אָן צו וויסן, וואָס זיי באַדייטן! על כל פנים געהערן יענע סטודענטן צו דער ווייסער ציוויליזירטער ראַסע. דאָס מוז מען תמיד געדענקען, אַז נישט, קאָן מען באמת מיינען, אַז זיי געהערן צו די אינדיאַנער.

„דאָס איז געווען״, זאָגט באַהר, „הערצלס גרויסע יוגנט-איבערלעבעניש״. אים, דעם פעאיקסטן פון זיי אַלעמען, האָבן זיי אַרויסגעשטויסן, און האָבן געהאַט אַ געוויסן לאָגישן רעכט דערצו; זיי האָבן אים געזאָגט: „מיר מוזן ציען די קאָנסעקווענצן פון דיין דייטש-נאַציאָנאַלן געדאַנק״.

הערצל איז אַוועק קיין בערלין, פון דאָרטן קיין פאַריז, וווּ ער האָט דורכגעלעבט די גאַנץ גרויסע, אויפרודערנדיקע טראַגעדיע פון זיין לעבן: אַלס אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „נייער פרייער פרעסע״ איז ער געווען דערביי, ווי מען האָט פון דרייפוסן אַראָפּגעריסן די עפּאָלעטן. הערצל האָט אָפּט דערציילט פאַר באַהרן יענעם וויכטיקן מאָמענט פון זיין לעבן. דערהויפּט האָט געווירקט אויף אים דער אויסדרוק פון האַס, וועלכן ער האָט געזען אויף אַלע פּנימער, אַ האַס נישט נאָר צו דעם קאַפּיטאַן דרייפוס, נאָר צו דעם גאַנצן יידנטום.

ער האָט זיך געפילט אַקוראַט, ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין אַ פינסטערער נאַכט און פלוצלונג איז גע-

קומען אַן אומגעהייערער בליץ, וואָס האָט מיטאַמאָל אויף אַ רגע אויפגעדעקט פאַר אים דעם גאַנצן אמת. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך געמוזט זאָגן: „דו שטייסט צווישן דידאָזיקע מענטשן, דו שפּילסט מיט דער קולטור פון דידאָזיקע מענטשן, דו פילסט דיך נאָך שטאָלץ, וואָס מען גיט דיר דאָס רעכט צוצופּאַסן זיך צו דער קולטור פון דידאָזיקע מענטשן, וואָס שטעלן זיך אַזוי צו דיר און דיין גלייכן, אָט מיט דעם פאַרצוקטן האַס אין פּנים"...

דאָס איז געווען דער מאָמענט ווען הערצל איז צוריק געוואָרן אַ ייד.

הערמאַן באַהר באַטראַכט די דרייפוס־אַפערע נישט ווי אַ צופעליקן עפּיזאָד אין דעם לעבן פון דעם פראַנצויזישן פאָלק, נאָר ווי אַ נויטווענדיקע דערשיינונג פאַר אַלע צייטן און פעלקער, צווישן וועלכע די יידן וווינען. „די געשיכטע מיט דרייפוסן," זאָגט ער, „וועט זיך אַלעמאָל ווידערהאָלן, כּל זמן די יידן וועלן זוכן זייער עקזיסטענץ אין אַ פרעמדער וועלט. זי וועט אויפהערן אין דעם מאָמענט, ווען די יידן אין אייראָפּע וועלן זיך אַוועקשטעלן אַקוראַט אַזוי ווי אַלע אַנדערע נאַציעס, ווי צוגעהעריקע פון אַ באַשטימטער באַוווסטער אָרגאַניזירטער נאַציע".

באַהרס פאָרלעזונג האָט נאָך אייניקע אַנדערע אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן דער ראָלע, וועלכע די יידישע נאַציע קאָן שפּילן אין דעם אייראָפּעאישן לעבן. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר דעם פועל־יוצא, צו וועלכן ער קומט נאָך אַלע זיינע באַטראַכטונגען:

„דאָס איינציקע נויטווענדיקע פאַר יידן און דאָס איינציק־נויטווענדיקע פאַר די אַנדערע נאַציעס אין אייראָפּע איז, אַז די יידן זאָלן זיך דערמאָנען אָן זייער אייגענער נאַציאָנאַליטעט. אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אייראָפּע ווי אַ נאַציע, — זיי קאָנען נאָך דערביי בלייבן זייער גוטע, בראַווע מלוכה־בירגער אין יעדער איינצלנער מלוכה, — און אַז זיי זאָלן זיך דערקלערן אין לעבן ווי אַן אָרגאַניזירטע נאַציע. ווען זיי וועלן זיך פילן ווי אַ נאַציע, וועלן זיי, ווילנדיק — נישט ווילנדיק, זיך

מוזן אַוועקשטעלן אויף דער ריכטיקער זייט פון דער מענטשהייט, אויף דער זייט פון פרייהייט, אויף דער זייט פון דעם פאָלק, אומעטום, ווו עס זענען דאָ געדריקטע, דאָרטן זענען דאָ זייערע פריינט און נישט ערגעץ אַנדערש ווו. זייט די פריינט פון די באַדריקטע, און איר וועט תמיד זיין אויף דעם ריכטיקן וועג".

חערמאַן באַהרס פאָרלעזונג באַווייזט אונז, ווי פאַלש עס איז דער פחד פון אייניקע אַסימילאַטאָרן, אַז אונזער צוריקקער צו דעם נאַציאָנאַליזם קאָן אָפּשטויסן פון אונז די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון לאַנד. אדרבה! נאָר אָט דער צוריקקער, אויב ער איז נאָר פאַרבונדן מיט אַן אמת־פּראָגרעסיווער פּראָגראַם, קאָן באַפרייעןביידע צדדים פון יענער אומנאַטירלעכער לאַגע, אין וועלכער די אַסימילאַציע האָט אונז אַריינגעבראַכט, און קאָן נאָר שטאַרקער מאַכן די סימפּאַטיע צו אונזערע פאָלקס־אינטערעסן ביי אַלע אמת־ראַדיקאַלע און אמת־פּראָגרעסיווע מענטשן.

„דאָס נייע לעבן", מערץ, 1911.

א פאַר ווערטער וועגן יידישן אַנאַרכיזם

אַ פּאָר ווערטער וועגן יידישן אַנאַרכיזם

(צו דעם 10־יעריקן יובילעאום פון דער „פרייער ארבעטער שטימע")

ווי יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פון אַ פאָלק, וואָס נעמט אָנטייל אין דעם מאָדערנעם פּראָגרעס, געהער אויך דער יידישער אַנאַרכיזם צו צוויי וועלט־ספערן: צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער ספערע פון דער באַוועגונג, און צו דער נאַציאָנאַלער ספערע פון דעם פאָלק. דער יידישער אַנאַרכיזם, — ווי קליין און אָרעם ער זאָל נישט זיין, — איז אַ *יידישער* צווייג אויף דעם אַלגעמיין־אַנאַרכיסטישן בוים און אַן *אַנאַרכיסטישער* צווייג אויף דעם בוים פון דער יידישער קולטור.

וועלכע אייגנשאַפט איז אין אים גובר די אַנדערע: זיין אַנאַרכיסטישקייט אָדער זיין יידישקייט? אין וואָס ליגט די וויכטיקייט פון דעם אויפטו, וואָס ער האָט אויפגעטאָן? אין דעם, וואָס ער האָט די אַלגעמיין־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג באַרייכערט מיט אַ יידישן צווייג, אָדער אין דעם, וואָס ער האָט די יידישע קולטור באַרייכערט מיט דער אַנאַרכיסטישער ריכטונג?

צי די געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער *אַנאַרכיסטישער* ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק וועט זיך ווען עס איז אָפּשטעלן אויף די צען יאָרגענג „פרייע אַרבעטער שטימע" און מיט אַ גוטן וואָרט דערמאָנען זיי, בין איך שטאַרק אין ספק: אַזוי ווייניק האָט דער *יידישער* צווייג אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם אַנאַרכיזם איבערהויפּט. אָבער דאָס איז פאַר מיר קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער געשיכטס־שרייבער פון דער

י י ד י ש ע ר ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק וועט זיך מוזן אָפּשטעלן איף די צען יאָרגענג, כדי אויסצופאָרשן און אָפּצושאַצן זייער ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

דער פאַקט, וואָס די „פרייע אַרבעטער שטימע" איז אַ י י ד י ש ע ציטונג, שפּילט אין איר לעבן און אין איר באַדייטונג אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, איידער דער פאַקט, וואָס זי פּרעדיקט אַ נ אַ ר כ י ז ם. סיי אירע לייענער, סיי אירע מיטאַרבעטער, סיי איר רעדאַקטאָר זענען יידן, אויסגעוויקט אין יידישקייט, געזאַלצן און געכשרט מיט יידישן זאַלץ אין דער אַטמאָספער פון דעם יידישן לעבן, — זיי מעגן אַפילו דריי מאָל אַ טאָג אָפּלייקענען זייער מינדעסטע שייכות צו אַלץ, וואָס שמעקט מיט אַ יידן. די ענינים, וואָס אינטערעסירן די „פרייע אַרבעטער שטימע", זענען דאָס רוב גענומען פון דעם יידישן לעבן, אויף וויפל די „פר. אַרב. שט." קאָן אויסווירקן אַ וועלכן עס איז דרוק אויף די טעגלעכע דערשיינונגען פון דעם יידישן טאָג.

שטייט אָט דער פאַקט גאַנץ קלאָר פאַר די אויגן פון איר רעדאַקטאָר, פון איר אייגענעם פירער, וועמעס צען־יעריקע אומדערמידלעכע אַרבעט האָט זי דערהאַלטן ביים לעבן? ליידער, ניין. ליידער, מיינט ער בתמימות, אַז ער און די „יידישקייט" קערן זיך איינע די אַנדערע נישט אָן; אַז זיין ציטונג איז נישט קיין יידישע און אַז ער און זיינע אַנאַרכיסטישע לייענער זענען נישט קיין יידן, נאָר „מענטשן", מענטשן בכלל, סתם־מענטשן. פון אָט דער קאָסמאָפּאָליטישער בלינדקייט ליידט די קולטור פון דעם יידישן פאָלק און עס ליידט דער אַנאַרכיזם.

אין מיין היינטיקן אַרטיקל וויל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דעם צווייטן פונקט.

ווי יעדע טיף־גרייפנדיקע געזעלשאַפטלעכע לערע, האָט דער אַנאַרכיזם אַ באַשטימטן „גייסט" און — צו יעדער געגעבענער צייט — אַ באַשטימטן „בוכשטאַב". דער בוכשטאַב, דאָס זענען די באַשטימטע מיינונגען און פאָדערונגען, וועלכע די לערע

שטעלט אַרויס אין דער געגעבענער היסטאָרישער עפּאָכע; דאָס זענען, לאָמיר זאָגן, די „באָמבע", די „פרייע ליבע", דער „אַטעאיזם". דער גייסט פון דעם אַנאַרכיזם — דאָס איז דער גייסט פון אינדיווידואַליטעט און אָריגינאַליטעט: דער שטאָלצער פּראָטעסט פון דעם אינדיווידואום און פון דער מינדערהייט, ווען די אַרומיקע סביבה וויל אים אָדער זי איינשלינגען, וויל אים אָדער זי אָפּפאַרבן אין אַ פרעמדע פאַרב, וויל אַריינזעצן אין אים אָדער איר אַ פרעמדע נשמה. דאָס איז דער קאַמף אַנטקעגן דער צופּאַסונגס־קראַפט פון דער מאַיאָריטעט. אינדיווידוען וויל דער אַנאַרכיזם, שטאַרקע, קאָנקרעטע, מיט אייגנווילן און מיט אַן אייגענעם קאָפּ אויף די אַקסלען.

די לערע פון דעם „סתם־מענטשן" איז נישט קיין אַנאַרכיסטישע לערע. דער סתם־מענטש איז נישט קיין אינדיווידואום מיט אייגענע בולטע סמנים. דער סתם־מענטש — דאָס איז נישט שמערל, נישט פייוויש. דאָס איז דאָס, וואָס עס בלייבט איבעריק, ווען איך וואַרף אַראָפּ פון חשבון אַלץ, וואָס מאַכט שמערלען פאַר אַ שמערל און פייווישן פאַר אַ פייוויש; ווען איך רייס מיט געוואַלט פון זיי אַראָפּ אַלץ, אין וואָס עס באַשטייט זייער קאָנקרעטער זיין אויף דער וועלט. דער „סתם־מענטש" איז דער קבר פון דער אינדיווידואַליטעט, די וויסטע אַבסטראַקציע, וואָס בלייבט, ווען מען טוט זי אינגאַנצן אָפּ: אַ ליימענער גולם, אַ גלאָמפּ מיט צוויי אויגן.

אָט דער גלאָמפּ מיט צוויי אויגן, אָט די ליימענע פאַרקוקעניש, אָט דער פּאַטש אין פּנים דעם אַנאַרכיסטישן גייסט איז געוואָרן דער ליבלינגס־פּרינציפּ פון דעם יידישן אַנאַרכיזם.

אַ ליימענער גולם קאָן נישט עקזיסטירן אין דער ווירקלעכער וועלט פון מענטשלעכער קולטור; אין דער ווירקלעכער וועלט זענען נישטאָ קיין ליימענע גולמס, נאָר מענטשן פון אַ גאַנץ־באַשטימטער נאַציאָנאַלער פאָרם, אַ גאַנץ־באַשטימטער נאַציאָנאַלער נשמה. עס איז דעריבער פאַר דעם יידישן אינדיווידואום אין אַמעריקע פאַראַן נאָר איין ברירה: אָדער בלייבן ביי דער אייגענער יידישער נאַציאָנאַלער פאָרם אָדער אָננעמען די אַמערי-

קאַנער. האָט דער „גלאָמפּ־מיט־צוויי־אויגן־שטאַנדפּונקט” געגעבן פאַר דעם יידישן אינדיווידואום אַזאַ ענטפער: וואַרף אַוועק דיין אייגענע נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער יידישער מינאָריטעט און גיס זיך צונויף מיט דער פרעמדער נאַציאָנאַלער פאָרם פון דער אַרו־מיקער אַמעריקאַנער מאַיאָריטעט, — אַן ענטפער, פון וועלכן עס מחן זיך שטעלן די האָר קאַפּויער ביי יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר אין זיך אַ טראָפּן פון דעם באמת אַנאַרכיסטישן גייסט.

עס קומען אַהער אַ מיליאָן יידן, אַ קלייניגקער מעוט, וואָס האָט זיין אייגענע שפּראַך, אין וועלכער ער דריקט אויס זיינע געדאַנקען און געפילן. דער מעוט לעכצט נאָך בילדונג און וויל האָבן שולן פאַר זיך און זיינע קינדער. די באַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט וואָלט געווען, ער זאָל האָבן די שולן אין דער שפּראַך, וועלכע ער פאַרשטייט, וועלכע ער ליבט פון קינדוייז אויף, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אים און וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין אינדיווידואַליטעט. קומט די אַמעריקאַנישע מלוכה און זאָגט: אַזאַ! דאָס נישט! ווילסט בילדונג? הויב אָן רעדן און דענקען, ווי איך...

וואָס האָט באַדאַרפט זיין די שטעלונג פון דעם יידישן אַנאַרכיזם אין דעם קאָנפליקט?

וואָלט אין אים געלעבט דער אַנאַרכיסטישער גייסט, דער גייסט פון פּראָטעסט אַנטקעגן דער אַרומיקער סביבה, דער גייסט פון קאַמף אַנטקעגן דער שאַבלאָניזירטער מאַיאָריטעט, וואָלט ער מיט זיין גאַנצן פייער געדאַרפט אַריינרייסן זיך אין דער יידי־שער מחנה און אַריינברענגען אין איר דעם גייסט פון רעוואָלט און זעלבשטענדיקן שטאָלענעם ווילן.

„נישט אונטערגעבן זיך, אינדיווידועןǃ נישטאָ קיין שפּראַכן־מיוחסים און שפּראַכן־בעטלערǃ אַלע שפּראַכן האָבן גלייכע רעכט. ווייט נישט קיין ליימענע גולמס, אין וועלכע מען קאָן פון דרויסן אַריינבלאָזן אַ נשמה און אַ קולטור. אַנטוויקלט די מענטשלעכע קולטור פון זיך אַרויסǃ זייט דאָס, וואָס איר זענט. לאָזט זיך נישט איינשלינגען פון דעם אַרומיקן שאַבלאָן. און אויב איר האָט נישט קיין כוח צו צווינגען דער מלוכה, זי זאָל טאָן אייער

ווילן, טוט אייער ווילן אָן איר. לאָמיר זיי באַווייזן, וואָס שטאָלצע, שטאַרקע, באַוווסטזיניקע אינדיווידוען קאָנען אויפטאָן אָן אַ מלוכה: לאָמיר בויען אונזערע אייגענע שולן! לאָמיר לערנען אין זיי דאָס, וואָס מיר ווילן, וואָס אונז איז נויטיק, נאָך אונזער שכל, גענומען פון וואַנען מיר ווילן, וואָס מיר ווילן און נישט דאָס, וואָס עס לוינט זיך פאַר די פינף און אכציק מיליאָן, וואָס אַרום אונז און וואָס ווילן אונז אויפפרעסן. דאָס וועט דאַרפן קאָסטן קרבנות? קלייניקע ברואימלעך! איז ווען עס איז וואָס באַשאַפן געוואָרן גרויסעס אין דער וועלט אָן קרבנות? אין דעם בראַנד פון קרבנות ברענט זיך פאַנאַנדער און לייכט פאַר די דורות דער שטאָלץ און דער מוט און דאָס רייכטום פון דעם אינדיווידואומס נשמה!"

אָט דאָס וואָלטן געווען אַנאַרכיסטישע רייד!

האָט מען ווען עס איז געהערט זיי פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע"?

אָדער נעמט די שבת־פראַגע: טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער און קליינע הענדלער וואָלטן זיך געפילט גליקלעך, ווען זיי וואָלטן נישט דאַרפן גיין שבת אין שאַפּ און אין קראָם און אין „גאַס"; ווען זייער וועכנטלעכער רו־טאָג וואָלט געווען שבת און נישט זונטיק. קומט די אַמעריקאַנער מלוכה און די אַמעריקאַנער מאַיאָריטעט און לייגט אַ פּראָטעסט: „דער געזעצלעכער רו־טאָג איז זונטיק און נישט שבת". אויף וועמעס זייט האָט זיך געשטעלט דער יידישער אַנאַרכיזם? האָט ער אַריינגעדונערט אין דער יידישער מחנה דעם רוף פון זעלבסטאַכטונג און טראָץ? האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב אויפצוקלערן דעם יידישן עולם, אַז זונטיק איז נישט מער מיוחס, ווי שבת? אַז פרייהייט מיינט לעבן, ווי „איך" וויל, און נישט ווי דאָס געפעלט דער מיליאָנענקעפּיקער סביבה? אַז עס איז אַ חוב פאַר יעדן — זען דורכצוזעצן זיין ווילן, אויף וויפל דאָס טרייפט נישט אָן דעם באַרעכטיקטן ווילן פון דעם אַנדערן? אַז דער ייד, ווייל ער איז אין אַ מינאָריטעט, האָט אין דעם

פּאַל אַ רעכט צו לעבן נאָך דעם אייגענעם גוסט און נישט נאָכטאַנצן נאָך אַ פרעמדן אומגערעכטן געזעץ?

איך בין נישט קיין אַנאַרכיסט. איך בין אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. איך נעם אָן די מלוכה און גלויב אין דער נויטווענדיקייט פון געוויסע געזעצן בכלל. וואָס איך האָב צו זאָגן אין דער פראַגע פון דעם געזעצלעכן רו־טאָג, איז אַן אַנדערע זאַך, וואָס אינטערעסירט אונז היינט נישט. אָבער איינס איז זיכער: דאָס, וואָס דער יידישער אַנאַרכיסט האָט צו זאָגן אין דער פראַגע, פאַרשוויגט ער, אָדער ער רעדט אַזוי, אַז דעם אַנאַרכיזם ווערן דערביי איבערגעבראָכן רוק און לענד.

איך וואָלט נאָך געזאָגט: דער יידישער אַנאַרכיזם מישט זיך נישט אין די לעבנס־פראַגן פון דעם יידישן קוואַרטאַל. ער ווייסט נאָר איין זאַך: פריידיקן דעם אַבסטראַקטן אַנאַרכיזם; קאָן מען פון אים נישט פאַרלאַנגען, ער זאָל האָבן אַ וועלכע עס איז מיינונג וועגן יידישע פראַגן. אינדעראמתן אָבער מוז מען מודה זיין צו דעם שבח פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע״, אַז זי האָט אַ סך לעבן אין זיך, אַז זי זוכט זיך אַריינצופלעכטן אין אַלץ, וואָס קומט פאָר אין אונזער קוואַרטאַל, לכל הפחות, אין איין ראַדיקאַלן טייל. ס׳איז נישטאָ קיין איין שטיקל זייט־מיר־מוחל, ווו די „פרייע אַרבעטער שטימע״ זאָל נישט אַריינשטעקן אירע הענט. עס איז נישטאָ קיין איין־איינציקער גאָנער, צוליב וועמען אונזערע „איוואַן איוואַנאָוויטשעס״ צעקריגן זיך מיט אונזערע „איוואַן ניקיפאראוויטשעס״, וואָס אויך די „פרייע אַרבעטער שטימע״ זאָל נישט האָבן געצופּט אים פאַר די פעדערן. איך מאַך דערפון קיין פאָרוואורף נישט דער „פרייער אַרבעטער שטימע״. דאָס איז אַ סך גלייכער און אַ סך וויכטיקער פאַר דעם אַנאַרכיזם, איידער האַלטן אין איין „בראָקן״ דעם דרייפאַלטיקן „אני מאמין״ פון דעם וווּלגאַרן אַנאַרכיזם: „קיין גאָט איז נישטאָ, אַ כפּרה די מלוכה, ווילסט אַ נקבה — נעם״. אָבער — פאַרשטייט דען דאָס יידישע פאָלק נאָר פון די זייט־מוחלס און די גאָנערס? און ווו זענען יענע גרויסע פּראָבלעמען, וואָס די געשיכטע האָט אָוועקגעשטעלט פאַר דעם איצטיקן יידישן דור, וואָס

האָט צוגעצויגן צו זיך די בעסטע קעפּ און די בעסטע הערצער פון דער יידישער יוגנט און האָט זיי פאַנאַנדערגעשפּאָלטן אין פאַרשיידענע פּאַרטייען און לאַגערן? ווו איז דער ציוניזם? דער בונדיזם? דער סיימיזם? האָט דער יידישער אַנאַרכיזם גאָרנישט וואָס צו זאָגן וועגן זיי?

מיר דאַכט, אַז ער האָט. וואָלט זיין געדאַנק נישט געווען פאַרהיפּנאָטיזירט פון דעם בלייערנעם בליק פון דעם גלאָמפּ מיט צוויי אויגן, וואָלט ער געהאַט א גרעקל חוש אַרויסצוזעפּינען ווו עס ליגט דער מאַגנעט פון לעבן, וואָלט ער איינגעזען, אַז דאָ, און נישט ביי די „גאָנערס“, שלאָגט נאָך דער דופק פון אינדיווידועלער ענערגיע, פון א דראַנג צו א זעלבשטענדיקן שאַפן. דעמאָלט וואָלט ער נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו די אַלע פראַגן און וואָלט זיך געמוזט קרעפטיק אריינמישן, כדי דורכצופירן ז י י ן שטאַנדפּונקט.

„אייך ציט קיין ציון? ווידער צוריקקערן זיך צו דער נאַטור, צו דעם אייך טייערן פאַרלאָזענעם לאַנד? בויען א ניי, זעלבשטענדיק, פריי לעבן? נישטאָ קיין שענערער אידעאַל פון דעם אַנאַרכיסטישן שטאַנדפּונקט! פאַרווירקלעכט אים מיט אַלע אייערע כוחות! הערט נישט די מפלומרשטע וויסנשאַפטלעכע פּלויסטערס, וואָס זיי ווילן אייך אָנפּלוידערן גאַנצע זעק מיט „אייזערנע געזעצן פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג“, מיט דער „אָנמעכטיקייט פון דעם אינדיווידואום לגבי די געזעצן פון דער געזעלשאַפט!“

„איר, די אינדיווידועןֹ, זענט די באַשאַפער פון די געזעצן, ווילט! ווילט שטאַרק און גאַנץ מיט יעדן טראָפּן זאַפט פון אייערע נערוון און זעט, אַז די ווירקלעכקייט זאָל זיך בויגן אונטער אייער ווילן. אָבער — אויך וואָסער פייער דאַרפט איר די „טשאַרטערס“ מיט די דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכונגען צווישן מלוכות? אין פרייע געזעלשאַפטן, פון קיינעם נישט באַשיצט, א חוץ אייך, גייט און מאַכט ווידער א גן־עדן פון יענעם פּיצעלע ערד, וואָס איז אַמאָל געווען אין די הענט פון אונזערע אבות. און האַלט נישט אין איין פרייידיקן פאַר אַנדערע! גייט אַליין! טוט אַליין!

אייט זיך מקריב! מיט אייער בלוט און לעבן באַווייזט, אז איר זענט אינדיווידוען, אז איר האָט אן אייגענעם ציל און אן אייגענעם ווילן, דער וועג, וואָס פירט צום אידעאַל, איז תמיד אויסגעפלאַסטערט מיט קרבנות!...״

„איר ווילט אן אייגענע יידישע פּראָגרעסיווע קולטור אין גלות? א גייע, שיינע פּלאַנץ אין דעם גאָרטן פון דער מענטשהייט? גיסטע קיין שענערער אידעאַל פון דעם אנארכיסטישן שטאַנדפּונקט, ווי האָבן די מענטשלעכע קולטור אין פאַרשיידענע אָריגינעלע פאָרמען, רייך און פאַרשיידנפאַרביק אין זייערע געשטאַלטן. ווילט! ווילט שטאַרק און גאַנץ מיט יעדן טראָפּן זאַפט פון אייערע נערוון און זעט, אז די ווירקלעכקייט זאָל זיך בויען אונטער אייער ווילן. אָבער אויף וואָסער פּייער דאַרפט איר דערצו די הסכמה פון דער מלוכה? וואָס יאָגט איר זיך נאָכדעם אז אויך אייער אידעאַל זאָל דער מיניסטער ארויפלייגן זיין שטעמפּל און דער זשאַנדאַר זיין לאַפּע? קומט, לאָמיר אינאיינעם אין פרייע געזעלשאַפטן, בויען יידישע פּראָגרעסיווע שולן, ביבליאָטעקן, מוזייען, קונסט-פאַראייגען. לאָמיר אָן זשאַנדאַרן און אָן פּאָליציי פאַנאַנדערבלאָזן די שאַפונגספלאַם פון אונזער פאָלק אַזוי, אז זי זאָל לייכטן און וואַרעמען אין יעדער יידישער שטוב און מאַכן שפּראָצן די שאַפונגס-כוחות פון יעדן יידישן אינדיווידואום...״

נאָכאַמאָל: איך בין נישט קיין אנארכיסט און וואָלט געקאָנט ענטפערן, וואָס איך האָב דערויף צו ענטפערן. אָבער אויך אַזוי פיל אנארכיסטישן גייסט האָב איך אין זיך — צו שפירן אז א שטיק אמת וואָלט געלעגן אין אזעלכע ריין-אנארכיסטישע רייד; אז דער יידישער אנארכיזם וואָלט, — אין זיין גאַנצער איינזייטיקייט, אין זיין גאַנצן עקסטרעם, — געקאָנט ווערן א טרייבנדיקע מאַכט, וואָס וואָלט אריינגעשטאָכן אין אונזער פאַרשלאָפנקייט זיינע רויט-אָנגעגליטע שטעך-אייזנס פון טאַטן-דראַנג און שאַפונגס-לוסט, פון זעלבסטאויפאָפּפערונג אין דעם קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט.

האָט די יידישע צייטונג פאַר אנארכיזם, די אנארכיסטישע

„פרייע ארבעטער שטימע" וועך-עס-איז געווען צו אונז אזעלכע רייד? האָט די פארשטאנען איר פלאַן און איר מיסיע אינם יידישן לעבן? האָט די געוואוסט דעם יידישן אינדיווידואום? איז געשטאנען אים צום קאמף פאר זיין „איך"? אָדער לכל הפחות אונטערגעשטיצט יענע אינדיווידועןן, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו איר נאָך ראט און הילף אין זייער קאמף פאר אינדיווידואליטעט?

לאָזט מיר אייך ברענגען נאָר איין קליינינקן ביישפיל, אויף וועלכן דער רעדאקטאָר פון דער „פרייער ארבעטער שטימע" האָט מיר אָנגעוויזן ווי אויף א מוסטער פון דער ריכטונג, אין וועלכער ער ווירקט אלס יידישער אנארכיסט.

א יונגערמאן, וועמען עס ווילט זיך אויסבילדן זיין שוי-שפילער-טאלאנט אויף א יידישער בינע, האָט זיך געווענדעט אום רעדאקטאָר נאָך אן עצה. דער רעדאקטאָר גיט אים צו מיט אין קוראזש [illegible] הלשון: „... א חוץ אלץ פארשטייען מיר נישט, ווארום איר זענט דווקא אזוי איינגעשפארט צו שפילן יידיש טעאטער. איר זענט א יונגער מענטש, איר קאָנט זיך אויסלערנען ענגליש, באזוכן א דראמאטישע שול און ווערן דאָ אן ענגלישער אקטיאָר... די יידן וואקסן אויס, לערנען זיך ענגליש, גייען אין מוזיק-האָל, אין ענגלישן טעאַטער אָדער גאָר צו דער אָפּערע. דארום איז פאר א יונגנמאן גאָר א קנאפע צוקונפט די יידישע בינע": (בריווקאסטן פון דער „פ. א. ש." פון דעם 18-טן סעפטעמבער 1909).

א יונגערמאן האָט זיך „איינגעשפארט צו שפילן יידיש טעאטער". דאָס איז אפשר דער בעסטער טרוים פון זיין נשמה, דער קלאָרסטער און שארפסטער אויסדרוק פון זיין אינדיווידואַליטעט. ליבע צו דער דראמאטישער קונסט האָט זיך פאראייניקט מיט דער ליבע צו דער יידישער שפראך און האָט ארויסגעבראכט א שטרעבן צו א טעטיקייטס-פעלד, וואָס איז פארבונדן מיט אָפּפער און איז פאר א יונגנמאן „גאָר א קנאפע צוקונפט".

וואָס האָט דער יידישער אנארכיזם דערפון געדארפט אָפּ-

לערנען און אין וועלכער ריכטונג האָט ער באַדאַרפט ווירקן? ער האָט דערפון באַדאַרפט איינזען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די יידישע אינדיווידואַליטעט וויל געפינען איר אויסדרוק אויך אויף יענעם פעלד פון קולטור, וואָס מען רופט דראַמאַטישע קונסט. ער האָט באַדאַרפט אויפמונטערן דעם יונגנמאַן און אַלע יונגע־לייט, וואָס שפירן אין זיך דעמזעלביקן דראַנג צו דער יידישער דראַמאַטישער קונסט, זיי זאָלן אַזוי גיך זיך נישט לאָזן אונטער־געבן, נישט וואַרפן אין איילעניש דעם פייל־און־בויגן, נישט אַנט־לויפן פון קאַמפּפלאַץ. אָנשטאָט דעם קרייט ער, ווי אַן אַלטער פיליסטער־האָן, וועגן דעם גרויסן טאָפּ לינזן, וואָס די גרויסע אַמע־ריקאַנער מאַיאָריטעט האָט אויסגעקאָכט פאַר גוטע אַמעריקאַנער אַקטיאָרן...

ווי אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט אין זיך אָפּ די גאַנצע זון, אַזוי האָט דער טראָפּן יידיש לעבן, יידישער קאַמף פאַר אינדי־ווידואַליטעט אָפּגעשפּיגלט אין זיך דעם גאַנצן איצטיקן מהות פון דעם יידישן אַנאַרכיזם אין אַמעריקע.

דער אַנאַרכיזם, דער הימל־שפּאַלטער, דער גאָט־באַשטורע־מער, דער העראָלד פון אָריגינעלער טאַט און קאַמף מיט דער מאַיאָריטעט איז דאָ געוואָרן דער פאָנענטרעגער פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער לינזנטאָפּ, אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר ביי דעם אַמעריקאַנער שאַבלאָן...

ניו־יאָרק, צום גדליה, תר״ע.

אַן ענטפער פון דער רעדאַקציע* פון דער „פ. א. ש."

קיינע דעבאטן איצט. און אייגנטלעך איז גאָר נישטאָ וואָס צו דעבאטירן. יעדע באשולדיקונג פון אונזער פריינט דר. זשיטלאָווסקי וואָלטן מיר געקאָנט ווידערלייגן מיט הונדערטער ציטאטן פון דער פ. א. ש., נאָר פאר דעם איז איצט קיין פלאַץ נישטאָ, און מיר ברענגען דאַרום בלויז איין נאָטיץ אונזערע איבער דער שבת-פראגע, געדרוקט דעם 23-טן יאַנואַר, אין נומער 18 פ. א. ש. פון דעם יאָר. זאָל דער לייענער זען, אויב מיר האָבן נישט געטאָן גראָד דאָס, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָפט, אז מיר האָבן געדאַרפט טאָן און נישט געטאָן. אויך האָט אונז דר. זשיטלאָווסקי געטאָן א ביסל אומרעכט, איבערגעבנדיק בלויז א שטיקל ענטפער פון דעם בריוו־קאַסטן. וואָלט ער אים געגעבן אינגאַנצן, וואָלט ער געוויס נישט געמאַכט דעם איינדרוק, אז דער רעדאַקטאָר פון דער פ. א. ש. איז געוואָרן דער קאָמי-וואָיאַזשאָר פון דעם אמעריקאַנער לינזן-טאָפּ. נאָר אפילו פון דעם ביסעלע, וואָס דר זשיטלאָווסקי האָט אָפּגעדרוקט, איז דאָס אויך נישט צו זען. האָבן מיר דען דעם יונגנמאַן געראָטן, ער זאָל גאָרנישט דענקען פון ווערן א קינסטלער, און ווערן א ביזנעסמאַן און לעבן א טאָג? פאַרקערט, מיר האָבן אים געראָטן צו אַרבעטן מיט אַלע קרעפטן צו ווערן אן ענגלישער אַקטיאָר, עטוואָס צו וואָס עס פאָדערט זיך פיל מער כּוחות און אָנשטרענגונג, ווי צו ווערן א יידישער אַקטיאָר און וואָס עס באַצאָלט זיך פיל ערגער. נאָר וועגן דעם אַלעם אן אנדערש מאָל. דערווייל נאָט אייך אונזער שטעלונג צו דער שבת-פראגע:

„אונזערע לייענער פאַרשטייען געוויס, אז מיר וואָלטן זיך

*) אזוי ווי איך דרוק איבער מיין אַרטיקל פון דער „פ. א. ש." האַלט איך פאַר מיין חוב איבערצודרוקן אויך דעם ענטפער פון דער רעדאַקציע.

דאָס וואָרן נישט אָפּגעגעסן, ווען אַלע ייִדן אין אַמעריקע וואָלטן אָנגענומען אַלס רו־טאָג דעם טאָג זונטיק אָנשטאָט שבת. פאַרקערט, וואָלטן זיי עס אָנגענומען פרייווילליק, ווייל אַזוי פאַרלאַנגען די אַלגעמיינע פאַרהעלטעניסן, וואָלט אונז די מעשה נישט נאָר נישט געערגערט, נאָר גראָד הנאה געטאָן. פאַר אונז וואָלט עס באַטייט, אַז די ייִדן פאַרגעסן ביסלעכווייז זייער רעליגיע, וואָס טיילט זיי אָפּ פון אַלע אַנדערע מענטשן בלויז דורך אויסטערלעכע און אַלטע פאַרשימלטע מנהגים, און ווערן מענטשן, וועלכע טוען דאָס, וואָס עס פאָדערן פון זיי געוויסע לעבנס־באַדינגונגען, און נישט אַ פאַרשטיינערטע רעליגיע. אָבער אין אַמעריקע, אין דער פרייער אַמעריקע, ווו יעדער האָט אַ רעכט צו דינען זיין גאָט, ווי ער פילט, וויל מען פשוט מיט געוואַלט אַרויפצווינגען אויף געוויסע מענטשן אַ רו־טאָג. מען וויל, אַז דער זונטיק זאָל ווין דער געזעצלעכער, דער צוואַנג־רו־טאָג פאַר אַלע, און קעגן דעם דאַרף קעמפן סיי דער רעליגיעזער מענטש און סיי דער פרײדענקער, און דער פרײדענקער נאָך מער ווי דער רעליגיעזער.

ערשטנס, דערפאַר, ווייל דאָ האַנדלט זיך אום פרייהייט פון געוויסן; צווייטנס, דערפאַר, ווייל דאָ האַנדלט זיך אום די אונטערדריקונג פון איין רעליגיע, אַ שוואַכערע לויט דער צאָל פון אירע אָנהענגער, דורך אַ שטאַרקערע, אַ מעכטיקערע. דריטנס, ווען נישט דער דאָזיקער צוואַנג, וואָלטן די רעליגיע־אונטערשיידונגען במילא פאַרשוווּנדן מיט דער ציים. דווקא דערפאַר, ווייל מען הויבט אָן געברויכן צוואַנג, קאָן עס פּאַסירן, אַז דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם פון ביידע זייטן זאָל זיך ערשט שטאַרק צעפלאַקערן — עטוואָס, וואָס איז אפשר זייער וויכטיק פאַר די כלי־קודש פון די ביידע צדדים, אָבער נישט פאַר די פרײדענקער פון ביידע צדדים. און דערפאַר דאַרפן אַלע פרײדענקער, אַלע די, וועלכע פאַרשטייען, וואָס פאַר אַ קללה דאָס איז די רעליגיע, אָנווענדן אַלע כוחות, דער פינסטערער פאַרזוך פון דער זייט פון אַ סך קריסטלעכע גלחים — צו

מאכן דעם זונטיק פאר אן אלגעמיינעם רו-טאָג — זאָל נישט געלינגען.

„אום דאָס דורכצופירן איז, ערשטנס, נויטיק, אז דער זונטיק-טאָג זאָל ווערן פראקטיש א קאמפּס-טאָג. זאָל לכל הפּחות די פּאָליציי האָבן דעם גאנצן טאָג זונטיק וואָס צו טאָן; רואיק בלייבן, צומאכן די געשעפטן, און וואַרטן אויפן וואָל-טאָג, דאָס איז לעכערלעך און וועט צו גאָרנישט פירן. צווייטנס, האָבן די פריידענקער פון אלע פעלקער א גוטן שאנס איצט צו לאָזן פון זיך הערן. דערווייל איז איצט דער קאמף בלויז צווישן צוויי פינסטערע קרעפטן, און דער פריידענקער שטייט גאָר פון ווייטן, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „מיין באָבעס דאגה, שלאָגט זיך ביידע קאָפּ אָן וואנט". אָבער אזא שטעלונג צו דער פראגע איז ווירקלעך א פאלשע. עס איז א קאמף, אין וועלכן דער פריידענקער האָט א זייער וויכטיקן אינטערעס. ער מוז שריפטלעך, דורך בראָשורן, ארטיקלען אין פארשיידענע צייטשריפטן, און מינדלעך — דורך פארשיידענע מאסנמיטינגען — קלאָר מאכן וועגן וואָס דאָ האנדלט זיך און זיך שטעלן אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע קעגן די אונטערדריקער. ער דארף נישט מורא האָבן, אז ער העלפט דאָ איין רעליגיע קעגן א צווייטער. ניין, ער העלפט הויפּטזעכלעך דער פרייעם געדאנק. אָבער, ווען אפילו דאָ וואָלט זיך נישט געהאנדלט אום עטוואָס אנדערש, ווי נאָר אום נישט צו לאָזן איין מחנה פינסטערלינגע אונטערדריקן א צווייטע, איז עס אויך די פליכט פון דעם דענקנדיקן מענטשן שטענדיק צו שטעלן זיך קעגן די אונטערדריקער"

דער ייִנגסטער שבט

דער ייִנגסטער שבט

אין גלות זענען מיר אַוועק, ווי אַ געאייניקט פֿאָלק. אין דער צייט פֿון חורבן בית שני איז שוין קיין זכר נישט געבליבן פֿון אונזער פֿריערדיקער איינטיילונג אין שבטים. אָבער דאָס גלות־לעבן האָט אונז ווידער דיפֿערענצירט. מיר זענען פֿאַנאַנדער־געפֿאַלן אין איינצלנע שבטים, וואָס שיידן זיך זייער שטאַרק אָפּ איינער פֿון דעם אַנדערן. צווישן דעם רוסיש־יידישן שבט און דעם ענגליש־יידישן שבט ליגט אַ סך אַ גרעסערער תהום איידער אַמאָל צווישן יהודה און אפֿרים.

און פֿאַר אונזערע אויגן ווערט געבאָרן אַ נייער שבט, דער ייִנגסטער, און ער ווערט געבאָרן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס פֿאַרשפּרעכן אים אַ גלענצנדיקן וווּקס און אַ בכּבודיקע ראָלע אין דעם לעבן פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק. סײַ עקאָנאָמיש, סײַ קולטורעל האָט ער שוין איבערגעשטיגן דעם מעמד פֿון זיינע ברידער אויף יענער זייט ים.

אין פֿאַרגלייך מיט דער לאַגע אין רוסלאַנד און גאַליציע, ווו עס געפֿינען זיך די מאַיאָריטעט פֿון אונזער פֿאָלק, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דעם נייעם, — אַ מ ע ר י ק אַ נ י ש ־ י י ד י ש ן, — שבט כּמעט אַ גן־עדן.

נאָך די ערשטע פּאָר יאָר גיהנום, וואָס דער ניי־אָריבער־געקומענער האָט דאָ אין דורכשניט אויסצושטיין, הויבט ער אָן צו פֿאַרדינען זיין חיונה דאָס רוב דורך האַנט־אַרבעט, און ווען אַפֿילו די שכירות זענען זייער ווייט פֿון צו זיין אַ גערעכטער

לוין פאר דער ארבעטס־קראפט, וואָס ער גיט אויס, — אין דערינען זענען שוין שילדיק די יסודות פון דעם איצטיקן סאָציאַלן פיר, — זענען זיי דאָך דורכשניטלעך אַזוי הויך, אַז זיי גיבן דעם יידישן אַרבעטער די מעגלעכקייט צו פירן אַ לעבן, און וועלכן ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט אין דער אַלטער היים.

„מיר עסן דאָ אַלע טאָג פליישׁ״, האָט מיר אַמאָל אַן אַרבעטער געזאָגט, ווען מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן די מעלות און חסרונות פון אונזער יידישן לעבן „דאָרטן״ און „דאָ״. עס איז קיין ספק נישט, אַז, נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן יקרות, וואָס דאָ הערשט, דערנערט זיך דאָ די יידישע אַרבעטערשאַפט אַ סך רייכלעכער און געזינטער, איידער זי האָט דאָס געקאָנט טאָן אינדערהיים.

און דאָס אייגענע איז אמת מכּוח אַלע אַנדערע פּרטים פון דעם מאַטעריעלן זיין.

נישט קוקנדיק אויף דער צונויפגעפּרעסטקייט אין די גרויסע יידישע געטאָס, אויף דעם שמוץ אין די יידישע גאַסן און אין די יידישע הייזער, האָבן די וווינונגען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַפילו אין די געדיכטסטע גאַסן פון דעם יידישן דיסטריקט אין ניו יאָרק אַ סך מער רוים, לופט, זונען־שיין און היגיענישע באַקוועמלעכקייטן, איידער אַ ווילנער „הויף״, אָדער אַ נאַלעווקער „קעלער־שטוב״, אָדער אַ וועלכער עס איז אַנדערער אָרעמער יידישער קוואַרטאַל אין אַ וועלכער איר ווילט געבענטשטער יידישער שטאָט פון יענער זייט ים.

אַזוי פאַרזיכערן אַלע די, וואָס געדענקען נאָך דעם טעם פון די יידישע היימען אין דער אַלטער היים. און פון מיין אייגענער דערפאַרונג, וואָס האָט זיך אַ ביסל אָנגעשמעקט מיט אָרעם יידיש געטאָ־לעבן אין גאַליציע, אונגאַרן, ווהייטשעפּעל (לאָנדאָן) און אַמסטערדאַם (האָלאַנד) (דאָס אָרעם יידיש לעבן אין רוסלאַנד איז מיר גראָד ווייניקער באַקאַנט), קאָן איך מיט אַ פולער זיכערקייט אַרויסשטעלן די באַהויפּטונג, אַז אַפילו העסטער סטריט און ריווינגטאָן סטריט גיבן אַ סך מער לופט

און ליכט צו זייערע איינוווינער, איידער די אייראָפּעאישע געטאָס.

און די קליידונג פון דעם יידישן אַרבעטער שטייט געוויס נישט הינטער זיין שפּייז און זיין וווינונג: עס קאָן גאָר זיין, אַז ער פּוכלט אַ ביסל אונטער אין דעם פּרט פון מלבושים אויף דעם חשבון פון אַנדערע נויטיקע באַדערפענישן.

דער מאַטעריעלער מעמד פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט וואָלט געווען נאָך אַ סך גינסטיקער, ווען זי וואָלט געווען בעסער אָרגאַניזירט אין איר עקאָנאָמישן קאַמף, כדי צו באַקומען העכערע שכירות, ווען זי וואָלט דורך קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען בעסער אויסגענוצט די שכירות, וואָס זי באַקומט; ווען זי וואָלט געשטאַנען אויף אַ העכערער קולטורעלער מדרגה און וואָלט פאַרשטאַנען, ווי אַנצווענדן די איינפאַכסטע כללים פון דער היגיענע, און ווען זי וואָלט נישט באַדאַרפט אַזוי פיל שפּאָרן און אָפּשפּאָרן מזומנים, טיילס צו העלפן די קרובים אין דער אַלטער היים, טיילס אָנצוקלייבן אַ ביסל קאַפּיטאַל אויף אַרויסצורייסן זיך פון דעם אַרבעטערשטאַנד.

דער לייענער פאַרשטייט, האָפנטלעך, אַז איך בין זייער ווייט פון צו באַטראַכטן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דעם יידישן אַרבעטער אין אַ ראָזיקער שיין. זאָל דאָס אים, דעם אַרבעטער, איינגיכן צוקומען, וואָס אים פעלט, און הלוואי באַקומט ער באַלד מוט און שכל ווי דאָס צו קריגן! אָבער עס איז אַלץ רעלאַטיוו אין אונזער וועלטל. איך זאָג נאָר, אַז אין פאַרגלייך מיט די אָרעמע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אומעטום, איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דער היגער אַרבעטערשאַפט שוין דערפאַר אַליין אַ גן-עדן, וואָס זייער אַ גרויסער פּראָצענט פון איר עסט זיך דאָ אָן צו-דער-זעט, וואָס אַזאַ קליינער פּראָצענט פון איר איז דאָ געצוווּנגען צו פירן דעם הונגעריקן, אָדער האַלב-הונגעריקן לעבן פון דער היים.

די אַרבעטער זענען דער אָרעמסטער טייל פון דער יידי-

שער באַפעלקערונג, און אויב ווען זייער טאַטע קאָן מען שוין זאָגן אַ גוטן וואָרט, קאָנט איר זיך משער זיין, ווי ווינציק עס איז זיין דער טאַטע פון די העכערע באַלעבאַטישע שיכטן. דאָ דאַרפן מיר שוין אַפילו נישט געברויכן דעם שטאַנדפּונקט פון רעלאַטיוויטעט. דער אייגנטום, וועלכן יעדער איינער געווינט פון דעם מיטלערן און העכערן באַלעבאַטישערן לעבן איז אַזאַ, אַז דאָ אין אַמעריקע פאַרדינט מען די „געשמאַקע דאָלאַרס״ און מען פירט פאַר זיי אַ געשמאַקן פעטן לעבן, מיט דעם שמאַלץ, וואָס רינט אַריבער די ליפּן.

איך האָב מיך אַ ביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער מאַטעריעלער זייט פון אונזער עקזיסטענץ אין „גלות-אַמעריקע״, ווייל מיר מעגן זיין ווי אידעאַליסטיש געזינט, מיר מעגן ווי גוט געדענקען, אַז נישט צוליב דעם שמאַלץ, וואָס רינט אַרי-בער די ליפּן, לעבט דער מענטש אויף דער וועלט, מוזן מיר פאָרט אײַנזען, אַז דער עקאָנאָמישער מעמד איז דער י ס ו ד פון דעם פאָלקס-לעבן. עס איז דעריבער זייער וויכטיק צו האָבן אין אויג, אַז ווייניקסטנס אין איין פּרט קאָנען מיר זיין שטאָלץ אויף אונזער עקאָנאָמישער לאַגע: אין דעם פּרט, וואָס אונזער פאָלק הונגערט נישט אַזוי אָפט און אַזוי אינטענסיוו, ווי אין דאָס רוב אַלטע היימען, דער „חומר״ האָט דאָ די מעגלעכקייט צו קומען צו זיין רעכט און אַרויסצוברענגען נייע יידישע דורות מיט אַ העכערן וווקס, אַן אויסגעגלייכטן חוט השדרה, אַ ברייט-טערן ברוסט-קאַסטן, שטאַרקע מוסקולן און אַ סך אַ רייכערן בלוט אין די אָדערן.

דאָס איז מכוח דעם גוף. וואָס איז שייך דער „נשמה״, איז דאָס בילד פון אונזער יונגן שבט שוין נישט אַזאַ דער-פרייליכס, אָבער אויך דאָ דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן דעם שטאַנדפּונקט פון ר ע ל אַ ט י וו י ט ע ט און נאָך מער מוזן מיר געדענקען, אַז היסטאָריש גענומען, זענען מיר ערשט אייער-נעכטן פון שיף אַראָפּ, און אַראָפּ זענען מיר הונגעריקע און אויסגעצערטע, אַזוי אַז עס איז קיין ברעקל חדוש נישט, וואָס מיר האָבן זיך אין דער ערשטער מינוט אַ וואָרף געטאָן אויף

דער באַפרידיקונג פון די מאַטעריעלע באַדערפענישן, און די „העכערע עולמות“ אַפגעשטופט אַ ביסל אָן אַ זייט.

האָט מען אָט די צוויי אומשטענדן אין זין, ווען מען באַטראַכט דעם קולטור־מצבֿ פון דעם ייִדישן פאָלק אין אַמע־ריקע, מוז מען, דאַכט זיך, קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז אויך אין אַזאַ פּרט פון דער קולטור, — אין דעם געוויינלעכן זין פון בילדונג און אויפקלערונג, האָבן מיר זיך נישט וואָס צו שעמען פאַר אונזערע ברידער ערגעץ ווו אַנדערש, און מיר קאָנען אין אַ סך פּרטים נאָך זיין שטאָלץ מיט דער קולטור־מדרגה, אויף וועלכער עס האָט זיך דאָ אויפגעהויבן אונזער פאָלק.

איך רעד שוין נישט וועגן יענע צענדליקער טויזנטער ייִדן, דאָס רובֿ פון דער יונגער איבערגעקומענער, אָדער היגער געבאָרענער יוגנט, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער אַמעריקאַ־נער קולטור און זייער אַפּט איבערגעיאָגט אין איר דעם איינ־געבאָרענעם אַמעריקאַנער. נעמט מען אַפילו די קולטור אין דער ייִדישער שפּראַך, — אַ קולטור, וואָס איז אַזוי אָרעם אין שאַפנדיקע כּוחות, ווייל די שאַפנדיקע כּוחות שטודירן נאָך אין דער פרעמד, — אַ קולטור, וואָס ווערט בדרך כּלל באַשאַפן פון דעם עם־הארץ אויף דעם עקאָנאָמישן חשבון פון דעם טבֿ־הארץ, — מוז מען אויך מודה זיין, אַז אַזאַ רייכע מאַסן־קולטור האָט אונזער פאָלק נישט אַרויסגעבראַכט אין ערגעץ נישט.

טעגלעכע צייטונגען מיט אַ לייענערשאַפט, וואָס ציילט אין הונדערט־טויזנטער; זשורנאַלן פאַר אַ קליינער צאָל היימיש־אויפגעצויגענער האַלב־ און פערטל־אינטעליגענץ, וואָס שטייגן איבער אין זייער ערנסטקייט, ליטעראַרישן ווערט און סאָציאַל־פּראָגרעסיווער טענדענץ דעם געוויינלעכן אַמעריקאַנער „מאַגאַ־זין“; טעאַטער־ און וואָדעוויל־הייזער; לעקציעס, וואָס ווערן גוט באַזוכט, און ביכער, וואָס ווערן גוט געקויפט, — בעסער איידער ערגעץ ווו אַנדערש, — דאָס אַלץ האָט שוין באַשאַפן אַן איי־גענע ייִדישע קולטור־אַטמאָספער, וואָס האַלט אויס, גוט אָדער

שלעכט, דעם זשורנאַליסט, און דעם לעקטאָר, און דעם דיכטער, און דעם פּובליציסט, און דעם טעאָרעטיקער.

און אָט די אַמעריקאַניש־יידישע קולטור־אַטמאָספער האַלט נאָך אין גאָר די ערשטע קינדער־יאָרן. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן ווי מעכטיק זי וועט זיך מוזן פאַנאַנדערוואַקסן, אין יענער צייט, ווען אונזערע קינדער, אָנגעזעטיקט מיט קולטור אין דער פרעמד, וועלן זיך אומקערן צו זייער אויפגאַבע אינ־דערהיים. יענע צייט איז שוין נישט ווייט פון אונז. זי ווערט געבאָרן פאַר אונזערע אויגן. די ערשטע שוואַלבן זענען שוין געקומען צו פליען, און זיי בויען זייערע נעסטן, און עס הערט זיך שוין אין דער לופט זייער פריילעכער צוויטשערן.

איר זאָגט, איך קוק אויף דער זאַך צו אָפּטימיסטיש? איך וועל אייך זאָגן, פונוואַנען מיין אָפּטימיזם שטאַמט. ער פליסט אַרויס פון מיין אַבסאָלוטן גלויבן אין די לעבנס־כּוחות און דעם לעבנס־דורשט פון אונזער פאָלק.

מיר זענען דאָ אין אַמעריקע אַ פּאָר מיליאָן יידן און באַלד וועט אפשר פאַרטאָפּלט ווערן אונזער צאָל. עס לעבט אין אונז, ווי ביי אונזערע עלטערן און עלטער־עלטערן, דער דאָרשט צו לעבן, ווי אַ פאָלק, וואָס קאָן נאָר אויף אַ ווייל־ע אונטערדריקט ווערן, אָבער קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן. נאָך די ערגסטע רדיפות, נאָך די געפערלעכסטע שמד־מגפות, נאָך די וויסטסטע משיח־פאַנטאַזיעס, ווען דער לעצטער פונק פון דעם פאָלקס־לעבן האָט, דאַכט זיך, געהאַלטן ביים אויסגיין, האָט אונ־זער פאָלק אַלעמאָל ווידער אויפגעבליט, זיך אַלעמאָל ווידער פאַנאַנדערגעוואַקסן מאַטעריעל און גייסטיק, ווי נאָר ער האָט געפונען אַ פּלאַץ, וווּ ער האָט געקאָנט פריי אָפּעטעמען.

אַמעריקע איז איצטער אָט דער פּלאַץ. און דאָ פאַר אונ־זערע אויגן שפּילט זיך איצטער אָפּ אַ וויכטיקער פּראָצעס אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק: דאָס געבאָרן ווערן פון אַ פרייעם, שטאָלצן יידישן שבט, וואָס וועט אפשר איבערנעמען די העגעמאָניע אין דעם ווייטער שפּינען פון דעם יידישן געשיכטלעכן

פאָדים, וואָס וועט על־כּל־פּנים זיין אַ טייל פון דעם אָוואַנגאַרד אין יענעם לעבנס־קאַמף, וואָס אונזער פאָלק איז געצוווּנגען צו פירן פאַר אַ חשובער, געזיכערטער עקזיסטענץ און פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

19־טער מאַי, 1915

אינזער צוקונפט דאָ אין לאַנד

אונזער צוקונפט דאָ אין לאַנד

קיינער קאָן נישט וויסן, וואָס עס וועט זיין די צוקונפט פון אונזער פאָלק נישט דאָ אין לאַנד, נישט ערגעץ־ווו אין דער וועלט. פונדעסטוועגן מוזן כמעט אַלע אונזערע האַנדלונגען, — איך מיין, פאַרשטייט זיך, די עפנטלעכע, — אָפּהענגען פון דעם, ווי אַזוי מיר שטעלן זיך פאָר יענע צוקונפט. אָפּטמאָל שמועסן מיר זיך איין, אַז מיר ווייסן גאַנץ פּאָזיטיוו, וועלכער גורל עס איז אונז באַשערט; אַז מיר קאָנען אים אויסרעכענען אויף דעם סמך פון גאַנץ זיכערע וויסנשאַפטלעכע הנחות. נאָך עפּעס זענען מיר זיך משער ווי אַן ערך עס וועט זיך על פּי וואַרשיינלעכקייט אויסקריסטאַליזירן אונזער לעבן אין אַזוי פיל און אַזוי פיל דורות אַרום.

די גאָר ווייניקע, וואָס זענען שוין מער באַהאַוונט אין די באַדינגונגען פון היסטאָרישן וויסן, פאַרשטייען, ווי שווער עס איז אַפילו על פּי וואַרשיינלעכקייט צו זאָגן נביאות וועגן דער צוקונפט פון אַ פאָלק, און אַנשטאָט צו פרעגן: וואָס וועט זיין די צוקונפט? — שטעלן זיי אַוועק די שאלה: וואָס זאָל יענע צוקונפט זיין? צו וועלכן ציל זאָלן מיר שטרעבן אין אונזער אַרבעט צוליב איר? אָבער אויך זיי מאָלן זיך אויס די קינפטיקע צייט, לויט די פאָדערונגען פון זייער אידעאַל.

וואָלטן מיר, צ. ב., געוווּסט אויף זיכער, אַז די געשיכטע האָט פאַרמשפט די יידן אין פוילן צונויפצוגיסן זיך מיט דעם פוילישן פאָלק אין שפראַך, קולטור און אַלע אַנדערע פּרטים פוי־

דעם נאַציאָנאַלן לעבן, וואָלטן מיר אסור געהאַט דעם מוט צו קעמפן פאַר דער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם יידישן פאָלק און פאַר יענע רעכטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אים געבן די מעגלעכקייט צו פירן דאָרטן אַן אייגן יידיש לעבן.

עס וואָלט אונז ווייניק געאַרט, וואָס דערוויל, אין אַ משך פון פופציק אָדער הונדערט יאָר, וועלן די יידן נישט קאָנען פול אויסנוצן זייער בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, ניבאַלד זיי וועלן נישט אויסגעגליכן ווערן אויך אין זייערע נאַציאָנאַלע רעכט: — וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילן אַ פופציק — הונדערט יאָר אין דעם לעבן פון אַ פאָלק? צוליב וואָס לייגן שטיינער אין וועג דער אומפאַרמיידלעכער אַסימילאַציע? צוליב וואָס אויפצובאַשאַפן מיטלען, וואָס קאָנען האָבן נאָר איין זין: אויפצוהאַלטן אַ פאָלק אין אַ צושטאַנד פון אַ הינערפּלעט, פאַרלענגערן זיין גסיסה און נאָך שווערער מאַכן זיין אומפאַרמיידלעכן טויט?

מיר קעמפן פאַר נאַציאָנאַלע רעכט אין פוילן, ווי אין אַלע סלאַווישע לענדער דערפאַר, ווייל מיר שטעלן אונז פאָר, אַז די צוקונפט פון אונזער פאָלק וועט דאָרטן אָננעמען די פאָרם פון אַ זעלבשטענדיקן נאַציאָנאַל-יידישן לעבן. איינקע פון אונז גלויבן זיכער אין פעסט, אַז אַנדערש קאָן עס נישט זיין, אַנדערע מיינען, אַז דאָס וועט מסתמא אַרויסוואַקסן פון די טענדענצן, וואָס באַהערשן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. ווידער אַנדערע קעמפן פאַר אַזאַ צוקונפט דערפאַר, ווייל זיי ווינשן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז אַזוי ז אָ ל דאָס זיין, ווייל זיי ו ו י ל ן עס, ווייל דאָס איז גוט פאַר אונז.

אויך בנוגע צו אַמעריקע מוז יעדער עפנטלעכער יידישער טוער האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אונזער צוקונפט דאָ אין לאַנד, מיט וואָס פאַר אַ וויסנשאַפטלעכן אָדער מאָראַלישן סאָוס ער זאָל נישט באַגיסן זיין צוקונפטס-בילד. נאָר דעמאָלט, ווען ער זעט פאַר זיינע גייסטיקע אויגן די יסודות פון אונזער צו-קונפטיקער עקזיסטענץ, קאָן ער האָבן אַ קלאָרן ציל, צו וועלכן

ער זאָל שטרעבן אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, קאָן ער אויסקלויבן און אָפּשאַצן די מיטלען, וואָס זאָלן פירן צו יענעם ציל.

אויך דער שרייבער פון די ציילן האָט, ווי יעדער איינער פון אונז, אויסגעאַרבעט אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ פאָרם עס וועט זיך אויסגיסן אונזער לעבן אין אַמעריקע.

עס איז דאָ נישט מיין אויפגאַבע אויסצושפּינען אַלע יענע אַרגומענטן, וואָס האָבן מיך געפירט צו אַ געוויסן בילד פון אונזער צוקונפט דאָ אין לאַנד, דאָס דאַרף איבערגעלאָזן ווערן פאַר גרעסערע אונטערזוכונגען. דאָ וויל איך איבערגעבן נאָר די יסודות פון יענעם בילד. איך מוז אָבער דערביי באַמערקן, אַז עס האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ פּריוואַט-מיינונג פון אַ פּאָר איינצל-מענטשן. עס מערן זיך גרופּן און יחידים, וועלכע האָבן דיזעלביקע פאָרשטעלונג וועגן אונזער צוקונפט דאָ אין לאַנד, ווי מיר, און ביי וועמען יענע פאָרשטעלונג הויבט אָן צו שפּילן די ראָלע פון דעם ע נ ד צ י ל, וואָס באַהערשט אַלע באַשטרעבונגען אין זייער אַמעריקאַניש-יידישער טעטיקייט.

ראשית גלויבן מיר, אַז דער יסוד פון אונזער לעבן אין אַמעריקע וועט זיין נ י ש ט ד יידישע רעליגיע, נאָר די יידישע נאַציאָנאַליטעט. איגדערעמתן איז דאָס אויך איצטער אַזוי און עס איז אַלעמאָל און אומעטום אַזוי געווען. יידן האָבן אומעטום אין גלות געלעבט ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, אומעטום געפירט דעם קאַמף פאַר דער מעגלעכקייט צו לעבן ווי אַ נאַציאָנאַלער מעוט. ביז דער צייט פון דער אַסימילאַציע האָבן מיר קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געלייקנט דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אונזער עקזיסטענץ. מיר האָבן געדולדיק אַריבערגעטראָגן די גרויזאַמסטע פאַרפאָלגונגען, כדי נאָר צו בלייבן טריי צו אונזער פאָלק. מיר זענען תמיד געווען אָנגעגרייט אָפּצוטרייסלען פון אונזערע פיס דעם שטויב פון יענעם וואָס

האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן אונזער באַזונדערע עקזיסטענץ, ווי אַ פאָלק.

ס׳איז אמת: די כלי־זין אין אונזער קאַמף פאַר אַן אייגענער עקזיסטענץ, ווי אַ נאַציאָנאַלער מעוט, איז געווען די רעליגיע. אָבער נישט די רעליגיע האָט אונז באַשאַפן ווי אַ פאָלק און נישט אַ דאַנק איר זענען מיר געווען און זענען נאָך עד היום אַ באַזונדער פאָלק. מיר האָבן באַשאַפן די רעליגיע, און דאָס יידנטום עקזיסטירט אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס עס איז דאָ אַ יידיש פאָלק אויף דער וועלט. מיר האָבן אונזער רעליגיע דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלן חוב פאַר יעדן יידן, ווייל אונזער פאָלק האָט זיך געגוויסיקט אין דעם און ווייל זי האָט געהאַט אין זיך די קראַפט צו דערהאַלטן אונז ווי אַ נאַציע. איצטער פאַרוואַנדלען מיר זי אין אַ רשות פאַר יעדן איינצלנעם, ווייל אין אונזער צייט מוז דעם יחיד געגעבן ווערן דאָס רעכט צו גלויבן אין וואָס ער וויל.

דערמיט גופא פאַרלירט די רעליגיעזע יידישקייט איר נאַ־נאַציאָנאַלן ווערט, און אונזער עקזיסטענץ הויבט זיך אָן איבער־צובויען אויף ריין־וועלטלעכע יסודות, וואָס האָבן קיין ברעקל שייכות נישט צו איינעמס גלויבן אָדער נישט־גלויבן.

ערגעץ טרעט נישט אַרויס אַזוי בולט דער וועלטלעך־נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון אונזער עקזיסטענץ, ווי גראָד ביי אונז אין לאַנד. די „קאָנגרעגיישאָנס״, — די אָפיציעלע רעליגיע־זע פאַרבאַנדן, — שפּילן קיין שום ראָלע נישט אין אונזער עפנטלעכן לעבן, און די אינסטיטוציעס, וועמעס שטים עס לאָזט זיך הערן אין אונזער עפנטלעכקייט, האָבן קיין ברעקל שייכות נישט צו דעם רעליגיעזן גלויבן. דאָס זענען אָרדנס, רינגען, אָרט־שאַפטס־פאַראיינען („די אנשי בני״), פאָליטישע פאַרטייען, גע־ווערקשאַפטן, צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס דאַרפן באַפרידיקן די אָדער יענע וועלטלעכע נויטן פון זייערע יידישע מיטגלידער, אָנהענגער אָדער לייענער.

אַפילו די יידישע קהלה אין ניו יאָרק, וואָס האָט נאָך נישט אָראָפּגעקראָצט פון אירע פענסטער די באַקאַנטע אויפשריפט:

„בשר כשר", האַלט אויך פאַר איר חוב צו דערקלערן, אַז זי איז געבויט געוואָרן נישט נאָר פאַר דעם גלויביקן, נאָר אויך פאַר דעם נישט־גלויביקן יידן, לויט אירע גרונט־פרינציפן, דאַרף זי פאַראייניקן אין זיך דעם פרומען ווי דעם פריידענקער, דעם באַלעבאָס, ווי דעם אַרבעטער, דעם בירגערלעכן, ווי דעם סאָציאַליסט.

אין וואָס קאָנען דען יידן זיין פאַראייניקט, ווען מען רעכנט זיך נישט מיט זייער רעליגיע, זייער קלאַסן־לאַגע, זייער פאָליטישער ריכטונג. עס בלייבט נאָר דער נאַציאָנאַלער פאַקט, אַז מיר זענען יידן, ווילן לעבן ווי יידן, וואָס האָבן אַלגעמיין־יידישע, ד. ה. נאַציאָנאַלע נויטן און אינטערעסן.

דער נאַציאָנאַלער יידישער מעוט פון אַמעריקע וועט דעריבער דאַרפן ווידער אויפהויבן זיין קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלער מינאָריטעטן־עקזיסטענץ, ווי אין די צייטן, וואָס פאַר דער אַסימילאַציע; זיין אָנגעגרייט צו טראָגן די גרעסטע קרבנות פאַר אָט דער עקזיסטענץ, ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, און אָפּצופרייסלען דעם שטויב פון די פיס און ווידער נעמען דעם וואַנדערשטאָק אין די הענט, אויב דאָס לאַנד וועט נישט קאָנען דולדן אונזער עקזיסטענץ, ווי אַ פאָלק.

צום גליק האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַזאַ פּערספעקטיוו. מיר לעבן נישט אין שפּאַניען אין דער באַרבאַרישער צייט פון דעם מיטלאַלטער, נישט אין פוילן און רוסלאַנד אין דער באַרבאַרישער צייט פון דעם איצטיקן וועלט־קריג. מיר לעבן אין איינעם פון די פרייסטע לענדער אין דער וועלט, וואָס קאָן נישט פאַרווערן קיין גרופּע צו לעבן ווי זי וויל, בתנאי, זי זאָל זיין איבערגעגעבן צו דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן פאָרשריט פון דעם לאַנד, בתנאי, זי זאָל ליבן דעם פרייהייטלעכן כאַראַקטער פון זיינע אינסטיטוציעס און געזעצן, אויף וויפל זיי זענען פרייהייטלעך און גערעכט.

די תנאים נעמט די יידישע נאַציאָנאַלע גרופּע אויף זיך מיט דעם גרעסטן תענוג. ווייל קיין נאַציאָנאַלע גרופּע אין דער וועלט איז נישט אַזוי פאַראינטערעסירט, ווי „, אַז די יסודות

פון דעם עפנטלעכן לעבן זאָל זיין געבויט אויף פרייהייט און גערעכטיקייט.

מיר שטעלן זיך ווייטער פאָר, אַז אונזער נאַציאָנאַל־קולטורעל לעבן דאָ אין לאַנד וועט זיין געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער מיר וועלן אַריבערנעמען אַלע וויכטיקע אוצרות פון דער אַלגעמיינמענטשלעכער קולטור, ווי אויך פון אונזער אייגענעם רייכן העברעאישן עבר.

מיר וועלן דערציען אונזערע קינדער אין דער דאָזיקער שפּראַך און וועלן באַשאַפן אייגענע פּעדאַגאָגישע אינסטיטוציעס פון דער פאָלקס־שול ביז צו די העכסטע אוניווערזיטעטן און ספּעציעלע שולן, אין וועלכע מיר וועלן זיך נויטיקן, ווי יידן און מענטשן.

מיר וועלן געצוווּנגען זיין דאָס צו טאָן מחמת די פאָלגנדיקע טעמים: געדענקט, מיר לעבן דאָ אין לאַנד, ווי מיר האָבן די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר אָפּגעלעבט אומעטום, ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, וואָס האָט נישט קיין איין ברעקלע אייגענע טעריטאָריע אונטער אירע פיס, געשטיצט נאָר אויף אַ גייסטיקער מאַכט, וואָס פאַראייניקט אונז אומעטום, ווו מיר זענען. די גייסטיקע מאַכט איז באַשטאַנען אין אַ באַשטימטן גלויבן. איצטער זענען מיר איין, אַז קיין גלויבן קאָן נישט שפּילן די ראָלע פון אַ נאַציאָנאַלן צעמענט, נישט קיין רעליגיעזער גלויבן און נישט קיין פריי־דענקערישער; נישט קיין פּאָליטישער און נישט קיין סאָציאַלער גלויבן. קיין אידייע אין דער וועלט קאָן נישט פאַראייניקן אַלע יידן, ווייל אַן אידייע איז אַ האַרצנס־זאַך, אַן אינטימע איבערלעבונג פון דעם יחיד און דער יחיד בלייבט איר אָנהענגער נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער איז מיט איר מסכים.

אַן אידייע, ווי גרויס און הייליק זי זאָל נישט זיין, וועט פאַרמאַסקירן דעם תוך פון אונזער זיין, דעם ריין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אונזער עקזיסטענץ. אַן אידייע וועט אונז פאַרוואַנדלען אין אַ רעליגיע, אַ סעקטע, אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אַ פילאָזאָפישע ריכטונג, אַן עטישן קאָנווענטיקל. מיר זענען אָבער מער איידער דאָס; מיר זענען עפּעס. וואָס נעמט דאָס אַלץ אַריין

אין זיך. מיר זענען אַ פאָלק. און די גייסטיקע מאַכט, אויף וועלכער מיר בויען אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, דאַרף זיין דער קלאָרער אויסדרוק פון דעם פאַקט, אַז מיר זענען אַ באַזונדער פאָלק. דאָס דאַרף זיין אַ מאַכט, וואָס איז צוגענגלעך צו יעדן איינעם פון אונז, ווייל יעדער איינער פון אונז איז אַ קינד פון אונזער פאָלק. דאָס דאַרף זיין אַ פאָלקס־מאַכט, וואָס נעמט אַרום דאָס לעבן פון יעדן יידן פון דעם וויגעלע ביזן קבר, ווייל יעדער ייד איז אַ ייד פון דעם וויגעלע ביזן קבר. דאָס דאַרף זיין אַ מאַכט, וואָס בינדט אַלעמען צונויף אין איין יידישן זיין און לאָזט אַלעמען פריי אין אַלע זייערע אָנשויאונגען, גלויבונגען, האָפענונגען, האַנדלונגען. דאָס דאַרף זיין אַ גייסטיקע מאַכט, וואָס זאָל נישט נאָר גיין להיפך צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, נאָר וואָס זאָל קאָנען ווערן אַ ווערקצייג אין זיינע הענט, כדי אַריינצוטראָגן זיינע פאָדערונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם פאָלקס־לעבן.

אַזאַ גייסטיקע מאַכט איז נאָר די יידישע שפּראַך, און דעריבער וועט אונזער פאָלק דאָ אין לאַנד בויען זיין נאַציאָנאַלן צוקונפט אויף איר יסוד. און אונזער פאָלק טוט דאָס איצטער דאָ, ווי עס הויבט דאָס אָן צו טאָן אומעטום. אָבער אין ערגעץ נישט ווערט דאָס נישט געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ דערפאָלג, ווי דאָ, ביי אונז אין לאַנד.

29־טער מאַי 1915.

אַ פֿאַרשאָלטענע שאלה

אַ פאַרשאָלטענע שאלה

יצחק אייזיקס אַרטיקל װעגן דער ייִדיש־אַמעריקאַנישער געלער פּרעסע*) איז געװיס װערט מען זאָל זיך אויף אים אָפּשטעלן באריכות. ער רירט אָן אַ פּונקט, װאָס איז זייער װיכטיק פאַר דעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק אין אַמעריקע און פאַר דעם גורל פון זיין װייטערדיקער פּראָגרעסיװער אַנטװיקלונג. דער ענין פאַרדינט אַרומגערעדט צו װערן פון אַלע זייטן מיט יענער אָפנקייט און פרייהייט, װאָס װערן פאַרלאַנגט ביי יעדער ערנסטער אונטערזוכונג פון אַן ערנסטער קרענק; בפרט, אַז פון דער קרענק ליידט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון אונזער פאָלק אין דער נייער װעלט.

איך האָף דעריבער, אַז דער אַרטיקל װעט צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע ערנסט־דענקענדיקע מענטשן אין אונזער ראַדיקאַלער באַװעגונג און, אַז זיי װעלן זיך אַרויסזאָגן װעגן דער „פאַרשאָלטענער שאלה", װאָס ער װאַרפט אויף, יעדער לויט זיין שטאַנדפּונקט, אָבער אַלע נאָך דעם פּרינציפּ: „װאָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג".

ליידער בין איך אַליין נאָך צו װייניק אינעם לאַנד, בין צו װייניק באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער ראַדיקאַל־ייִדישער באַװעגונג אין אַמעריקע, האָב צו װייניק שטודירט די פּרעסע, איך זאָל מיר קאָנען דערלויבן אַרויסצוטרעטן װי אַ

*) זע „דאָס נייע לעבן" העפט 7 און 8.

מומחה אין דעם ענין, נישט נאָר כדי אָפּצושאַצן די קרענק גופא, — דערצו דאַרף מען קיין גרויסער מומחה נישט זיין, — נאָר כדי אויסצוגעפינען אירע אורזאַכן און ריכטיק אָפּצוּוועגן די שולד פון יעדן איינצלנעם פאַקטאָר, וועמען מיר האָבן זי צו פאַרדאַנקען. ווי אַ דרויסן-מענטש, מוז איך אָפּוואַרטן מיט מיין סוף-כל-סופדיקער מיינונג, ביז דער ענין וועט באַלויכטן ווערן פון אַלע זייטן. דערווייל האַלט איך אָבער פאַר מיין חוב, מיט-צוטיילן אייניקע געדאַנקען, וואָס מוזן, ווי מיר דוכט, אויך אַריינ-גענומען ווערן אין חשבון, אויב מען וויל געפינען דעם ריכ-טיקן סך הכּל.

יצחק אייזיק פליסט זיך צו באַווייזן, אַז די ראַדיקאַלע פרעסע, — דער „פאַרווערטס" און די „וואַרהייט", — זענען אין זייער איצטיקער געשטאַלט נישט מער, ווי קאַפּיטאַליסטישע אונ-טערנעמונגען, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן אָן אַלע אַמאָליקע געטער און האָבן נאָר איין גאָט אין האַרצן: די צירקולאַציע, דעם פאַרקויף. פון דעם נאָכיאָגן זיך נאָך דער מאַסע שטאַמט זייער געלקייט. פון דער אַנדערער זייט אָבער גיט ער אונז צו פאַרשטיין, אַז די יידישע ראַדיקאַלע מאַסע נויטיקט זיך נישט אין דעם געלן האַניק, וואָס מען גיט איר, און אויב זי „גייט אויף איר", איז דאָס נישט דערפאַר, וואָס זי ווערט פון איר צוגעצויגן, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט, נעבעך, קיין אַנדער ברירה נישט.

ווי שטאַרק עס וואָלט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז יצחק אייזיק איז אין דעם פּרט אינגאַנצן גערעכט, שווימט דאָך אַרויף אַ ספק אין זינען. די אַרויסגעבער פון אונזער געלער ראַדיקאַ-לער פרעסע זענען **דערפאַרענע** געשעפטס-לייט. זיי האָבן גע-האַט געגוג צייט אויסצופּרובירן זייערע שיפן אין אַלע וואַסערן (פאַרשטייט זיך, ראַדיקאַלע), אָנצושטעלן די זעגלען נאָך אַלע ווינטן (פאַרשטייט זיך, ראַדיקאַלע). און אויב מיר זעען, אַז זיי יאָגן זיך נישט נאָך ערנסטן לייען-שטאָף, וועלכן זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געפּרוּווט געבן זייערע לייענער, אַז זיי זעען תמיד צו פאַרבייטן ערנסטע שרייבער אויף לייכט-פלאַטערנ-דיקע, האַרבע שפּייז אויף „געלן האַניק", איז דאָס געוויס אַ

טיפן, אַז זיי האָבן טאָג־טעגלעך געמאָסטן די טיף פון אונזער ראַדיקאַלן פּאָרוואַסער און אויסגעפונען דעם זיי אינטערעסירנדיקן אמת.

עס האָט זיך געוויס אַרויסגעשטעלט, אַז ווי נאָר זיי פלעגן אַרײַנבעמען עפּעס וואָגיקס אויפן שיף, אַזוי פלעגט עס זיך באַלד געמען זעצן אויפן זאַמדיקן גרונט; און ווי נאָר זיי פלעגן עס אַרויסוואַרפן, ווי אַן איבעריקן באַלאַסט, אַזוי פלעגט עס הוי־דער אָנהייבן צו ווערן „פלאַט". ביי מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט, גוט אָדער שלעכט, אַ סאָציאַליסטישן חדר, קאָן איך מיר אַנדערש נישט פאָרשטעלן די „ליבע" צו דעם געלן האָניק, ביידן זיי האָבן דורך טעגלעכע פּראָבעס גענוי און זיכער אויסגעפונען, אַז אויף אָט דעם געלן האָניק, אין פאָרם פון „דער שיינער אַראַבעלאַ", פון „סאַנין", פון פלאָטקעס, פון געבלויזטע פּרויען־בילדער אין די טאָג־נייעס, פליען מיט גאָר אַן אויסגעצייכנטן חשק אַלע ראַדיקאַלע בינען און פליגן...

אַ, דער „מאָרגן זשורנאַל" און דאָס „טאָגעבלאַט"? פּאַר־וואָס זענען זיי נישט געל? — מוז מען אפשר, טאַקע, צוגעבן, אַז דער פּאָרוואַסער, ד. ה., דער קולטור־מעמד פון דער יידישער „באַלעבאַטישער" וועלט איז אַ סך רייכער, איידער דער קולטור־מעמד פון די ראַדיקאַלע יידישע מאַסן... וואָס פאַר אַ קאָפּ מען האָט, אַזאַ היטל טראָגט מען.

אָבער — לאָמיר זיך אַ ביסל מער צוקוקן צום „היטל". לאָמיר זען, וואָס קאָן מען זאָגן צו זיין זכות. די געלע פּרעסע האָבן דאָך נישט מיר, יידן, אויסגעטראַכט. מיר האָבן זי אַריבערגענומען פון דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטיק; ס'איז דעריבער אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן דעם אַמעריקאַנער „דזשורנאַל" מיט דעם „פאָרווערטס" און דער „וואַרהייט". איך וויל דאָ נישט שטעלן די פראַגע, וועמען קומט די בכורה אין דעם פּרט פון ריין־זשורנאַליסטישע פעאיקייטן. איך בין אין דעם קיין מבין נישט, און על פּי סברא דאַרף זי קומען דעם „דזשורנאַל". איך פרעג אָבער: ווער פון זיי ברענגט אַריין מער ליכט אין די מוחות פון די מאַסן? און איך מוז ענטפערן: דער „פאָרווערטס"

און די „וואָרהייט״, ווייל דער „דזשורנאַל״ הויבט גאָרנישט אָן זיך צו שטעלן אַזאַ מין אויפגאַבע.

ווי פאַרהאַסט מיר זאָל נישט זיין די וואָלוועלע אויפקלע־רעכץ, ווי עס זאָל נישט קערן פון דער נשמה יענע עם־הארצי־שע ראַדיקאַלעכץ, מיט וועלכער די ראַדיקאַלע פרעסע פיטערט דעם עולם, מוז איך דאָך צוגעבן, אַז זיי וואַרפן אויף לעבענס־וויכטיקע פּראָבלעמען און באַלייכטן זיי, לויט זייער כוח, וויסן און פאַרשטאַנד און אפשר לויט דעם קולטור־צושטאַנד פון די מאַסן. אויפקלערנדיקע אַרטיקלען, ווען אַפילו אויבערפלעכלעכע, וועט איר אָבער אין דעם „דזשורנאַל״ נישט געפינען. אונזער געלע פרעסע שטייט אין דעם פונקט אויף אַזוי פיל העכער פאַר דער אַמעריקאַנער, אויף וויפל די גייסטיקע באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן שטייען העכער פאַר די גייסטיקע באַדער־פענישן פון דער אַמעריקאַנער מאַסע. ס׳איז דאָך כאַראַקטעריס־טיש, וואָס אונזער פרעסע האָט נישט קיין באַריכטן פון „פריינ־פייטן״...

און איז דען אַלץ אין אונזער געלער פרעסע אַזוי „פאַר־בלאָפט״? עס גייט נישט דורך אַ וואָך, איר זאָלט נישט גע־פינען סיי אין „פאָרווערטס״, סיי אין „וואָרהייט״ אַ וועלכע עס איז אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ פון אָ ל ג י ן, ה מ ב י ט, ל י ט ו ו י ן, י ו ש ר, פ ר ו מ ק י ן, אָדער אַן ערנסטע, טאַלענטפו־לע סקיצע, ווען אַפילו זי איז, דאָס רוב, איבערגעדרוקט פון דער אייראָפּעאיש־יידישער פרעסע. ווען נישט ווען וואַרפט זיך אויך דורך אַן אַרטיקל פון די איצטיקע מיטאַרבעטער, מיט וועלכע קיין אָנשטענדיקע צייטונג וואָלט זיך נישט געהאַט מיט וואָס צו שעמען: אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס איר וועט אין דער אַמעריקאַ־נער געלער פרעסע בשום אופן נישט געפינען.

איך ווייס, אַז אָט די פאַרטיידיקונג שמעקט, — ווי אַ פריינט האָט מיר אין אַ פּריוואַט־געשפרעך געזאָגט, — שוין אַ ביסל צו פיל מיט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער. „זעט, וואָס פאַר אַ פרום פאָלק יידן זענען!״ האָט יענער גרויסער אַפּטי־מיסט אַמאָל אויסגעשריגן, דערזעענדיק, ווי אַ בעל עגלה, אין

טלית און תפילין שמירט די רעדער בעתן דאַווענען. „אַפילו בעת זיי שמירן די רעדער דאַווענען זיי!״ אָבער ווי די מעשה איז, אויך ר׳ לוי יצחק איז דאָך דעמאָלט געווען נישט אינגאַנצן אומגערעכט. דער פאַקט איז, אַז דער בעל עגלה איז פאָרט געווען אַ פרומער ייד און האָט געדאַווענט. דער פאַקט איז, אַז די יידישע געלע פרעסע, ווי זייער זי זאָל נישט זיין פאַרנומען מיטן שמירן די רעדער צוליב דער צירקולאַציע, איז פאָרט אַ ראַדיקאַלע פרעסע. בעתן שמירן דאַוונט זי פאָרט און נישט ווינציק אויך גאַנץ האַרציק.

און נאָך אַ פונקט וויל איך דאָ באַרירן, פון וועלכן מיר האָט זיך אַליין פריער נישט געגלויבט, איך זאָל קאָנען ווערן אַ שטיקל ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער. איך מיין דאָ דעם „בינטל-בריוו״, וואָס דרוקט זיך טאָג-טעגלעך אין „פאָרווערטס״, וועלכן אַלע האָבן שוין פאַרשריגן פאַר אַ שאַנדפלעק אויף זיין פנים. גלייך מיט אַלע געבילדעטע מענטשן פון אונזער קוואַרטאַל, האָב איך אויך געפילט אַ ביטערע שנאה און אַ מין פערזענלעכע באַליידיקונג, זעענדיק, אין וואָס פאַר אַ זומפּ דער „פאָרווערטס״ שלעפּט זיינע לייענער.

פאַרשטייט זיך, אַז עפּעטערס לייענען דעם „בינטל״ איז מיר קיינמאָל אויפן זינען נישט אַרויף. אָבער איינמאָל האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: דער „בינטל״ ווערט געדרוקט צוליב צירקולאַציע, הייסט דאָס, ער באַפרידיקט אַ וואָסער עס איז באַדערפעניש אין דעם לעבן פון דער יידישער ראַדיקאַלער מאַסע. אויב די באַדערפעניש איז אַ קראַנקע, אויב דאָס „בינטל״ איז אַ טאָג-טעגלעך אייטערנדיקע ווונד, מוז מען ערשט רעכט שטודירן אים, כדי אויסצוגעפינען דעם מקור פון דער קרענק...

און איך האָב גענומען שטודירן אים, שטודירן אים אין דעם פולן זין פון דעם וואָרט, ווי אַ היסטאָריקער שטודירט געשיכטלעכע דאָקומענטן. ליידער, האָב איך נישט געקאָנט אָפּגעבן פיל צייט פאַר אַזאַ שטודיום און איך בין נאָכנישט פאַרטיק מיט מיינע רעזולטאַטן. אָבער דאָס איז שוין איצטער פאַר מיר קלאָר ווי דער טאָג, אַז נישט אַלץ אין דעם „בינטל״

שטאַמט פון אַ קראַנקן, צעפוילטן וואָרצל. אדרבה, איך האָב געפונען, אַז אַ גרויסע און וויכטיקע לעבנס־באַדערפעניש האָלט אויף דעם „בינטל״ אין לעבן, דאָס איז די באַדערפעניש פון דער יידישער ראַדיקאַלער מאַסע אויסצוגעפינען אין יעדן פאַרפלאָנטערטן לעבנס־פאַל, וואָס קומט פאָר אין איר לעבן, דעם ריכטיקן וועג פון יושר...

די עמיגראַציע אין אַמעריקע האָט אינגאַנצן צעשטערט יענע זיטלעכע יסודות, אויף וועלכע עס האָט גערוט דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן אינדערהיים. די נייע באַדינגונגען פון לעבן, די נייע תורות פון סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם און פרייַדענקערטום, האָבן אָוועקגעשטעלט פאַר דעם געזונטן זיטלעכן אינסטינקט פון דעם פאָלק נייע מאָראַלישע פּראָבלעמען, וועלכע דאָס פאָלק מוז אַליין פאַרענטפערן, דורך זיין אייגענער דערפאַרונג און אויף אייגענער געפאַר, ווייל קיינער קומט אים נישט צו הילף אין דעם, נישט דער דענקער, נישט דער בעלעטריסט.

די זיטלעכע פּראָבלעמען פון דעם סעקסועלן לעבן, פון דעם פאַמיליען־לעבן, פון דעם פרייַדענקער־לעבן, וואָס זענען דאָך ערגעץ אין דער יידישער ליטעראַטור נישט באַלויכטן געוואָרן, רייסן זיך אַריין אין די מוחות און די הערצער פון די מאַסן, און אַז עס קומט די בייזע שעה און דאָס לעבן שטעלט איינעם אַוועק פּנים לפּנים פאַר אַ וועלכן עס איז זיטלעכן אָפּגרונט, שטייט דער מאַסן־מענטש מיט אַ האַרץ, פול מיט ספקות, טרויער און פּיין, דעם אַלטן קאָמפּאַס פון דער יידישער רעליגיע און דער אַלטער באַלעבאַטישער וועלט־ און לעבנסאָנשויאונג האָט ער פאַרלאָרן, קיין נייעם קאָמפּאַס (אַ חוץ אַלגעמיינע, פאַרשוומענע פּרינציפּן פון דער יידישער ראַדיקאַלעכן) האָט מען אים נישט געגעבן, פרעגט ער אַ „שאלות־תשובה״ אין דעם בית־מדרש פון דעם ראַדיקאַלן געדאַנק, דעם איינציקן בית־מדרש, וואָס ער קאָן, דעם „פאָרווערטס״.

איך וויל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף איינצלנע ביישפּילן. בפרט, ווייל איך רעכן צוריקצוקומען צו דעם ענין פון נייע

ויטלעכע פּראָבלעמען ביי דעם יידישן פאָלק אין אַ באַזונדערער אַרבעט.

אָבער איך ראַט יעדן איינעם: לאָז ער דורכנעמען דעם „בינטל" פאַר איין חודש, און ער וועט געפינען אַ מאַסע פון לעבנס־פּראָבלעמען, אויסגעוואַקסן פון די נייע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס יידישע פאָלק לעבט, פון צאַרטע געוויסנס־פלאָגן, אין וועלכע די נייע באַדינגונגען האָבן עס אַוועקגעשטעלט. וואָס איז דעריבער דער חדוש, וואָס דאָס פאָלק איז אַזוי להוט נאָכן „בינטל", אין וועלכן עס האָפט צו געפינען דעם ריכטיקן מורה דרך, וואָס איז פאַרשוווּנדן פון זיין לעבן: אמת, דער „מורה דרך" האָט געמאָגט זיין אַ ביסל אַ טיפערע נאַטור, אַ ביסל מער געבילדעט און מער ערנסט. ניכּר, די רעדאַקציע אַליין קוקט אויפן „בינטל" נישט מער ווי אויף אַ „שמירעכץ" פאַר אירע רעדער, ווייל די „תשובות" פון איר „גאון" שטייען דאָס רוב נידעריקער פון יעדער קריטיק.

היוצא מדברינו איז: די יידישע געלע פּרעסע אין אַמעריקע שפּיגלט אָפּ דעם קולטור־צושטאַנד פון די יידישע ראַדיקאַלע מאַסן, און פאַרגלייכט מען זי מיט דער אַמעריקאַנער געלער פּרעסע, געפינט מען, אַז זי, די יידישע, איז אַ קולטור־פאַקטאָר, וועמעס ווערט עס קאָן נישט איגנאָרירט ווערן. אין דעם פּרט פון קולטור־טראָגערייִ שטייט די אַמעריקאַנער געלע פּרעסע אַ סך נידעריקער פאַר איר. אַמעריקע מאַכט אָבער קיין לאַרם נישט פון דער געלער פּרעסע, ווייל אַ חוץ דעם „דזשורנאַל" און די איבעריקע געלע בלעטער האָט אַמעריקע נאָך די „איוונינג פּאָסט" און דעם „סאָן" און ווייס איך ווי מען רופט זיי דאָרט די אַלע ערנסטע און אָנשטענדיקע אויסגאַבן, וואָס דינען די אינטערעסן פון דער געבילדעטער עפנטלעכער מיינונג. די געלע פּרעסע פאַרשוואַרצט נישט דעם פנים פון אַמעריקעס ליטעראַטור, ווייל די ליטעראַטור פון אַ פאָלק ווערט נישט געמאָסטן נאָך די בולוואַר־בלעטלעך, נאָר נאָך דער פּרעסע פון דער אינטעליגענץ.

אונזער צרה איז, וואָס מיר האָבן נאָר די בולוואַר-פּרעסע, וואָס די אינטעליגענץ פאַרמאָגט קיין איין-איינציקע אָנשטענדיקע צייטונג נישט, ווייל אויך דער „מאָרגן זשורנאַל" און דאָס „טאָגעבלאַט" זענען נאָך גאַנץ ווייט צו מעגן פּרעטענדירן אויף דעם טיטל „אָנשטענדיקע אינטעליגענטע פּרעסע". אָבער אין דער צרה איז שוין די ראַדיקאַלע פּרעסע גאָט די נשמה שולדיק, די שולד פאַלט אויף אונזערע אייגענע אַקסלען...

ס'איז מיט דער יידישער פּרעסע ווי מיט דעם טעאַטער, וואָס איז אין דער לעצטער צייט אויך אַראָפּגעזונקען ביז צו דער מדרגה פון „דאָס יידישע האַרץ". די יידישע אינטעליגענץ האָט אויך דאָ אויפגעהויבן אַ געשריי, אָבער זי האָט פאַרגעסן נאָר אַ קלייניקייט, זינט זי עקזיסטירט אויף דער וועלט, האָט זי בעטענהט, אַז עס דאַרף נישט זיין קיין יידישע אינטעליגענץ. יידיש איז נאָר אַ שפּראַך פאַר יענע „צבאַלפּאַבעטן" אין ענגליש, וואָס האָבן זיך נאָכנישט אַסימילירט, און דאָס רוב יידישע אינטעליגענץ איז טאַקע אַנטלאָפן צו דער אייראָפּעאישער קולטור. אינדערהיים זענען געבליבן די אומוויסנדיקע מאַסן, דאָס קליינע הייפעלע אינטעליגענץ, וואָס איז מחמת דער אָדער יענער סבה געבליבן אינדערהיים, האָט קיין כוחות נישט אויפצוהאַלטן נישט קיין ערנסטן גוטן טעאַטער, נישט קיין ערנסטע, גוטע פּרעסע, און על פּי יושר טאָר זי זיך נישט באַקלאָגן אויף דעם. ווייל אַן אינטעליגענץ, וואָס וויל נישט זיין קיין יידישע, האָט קיין רעכט נישט אויף אַ יידיש-אינטעליגענטן טעאַטער, אויף אַ יידיש-אינטעליגענטע פּרעסע...

יצחק אייזיקס אַרטיקל קלינגט אויס אין דעם געוויס-סימפּאַטישן ווונש, עס זאָל באַשאַפן ווערן אַ גוטע טעגלעכע צייטונג. „אויב מען וויל נישט אויפגעבן אין פאַרצווייפלונג יעדע קולטור-אַרבעט צווישן דער יידישער מאַסע, זאָגט ער, איז די ערשטע זאַך, וואָס מען מוז האָבן — אַ טעגלעכע צייטונג, וואָס זאָל זוכן צו מאַכן דעם לייענער פאַר אַן אינטעליגענטן מענטשן... צווישן אַ מיליאָן יידן וועלן זיך זיכער געפינען גענוג קונדן

שאַר אַ צייטונג, וואָס אַן אינטעליגענטער מענטש זאָל זיך נישט דאַרפֿן מיט איר שעמען״.

איך ווייס נישט, אויף וויפֿל מען קאָן זיין זיכער אין דעם חשבון, די גאַנצע רעכענונג אויף דעם הויכן קולטור־צושטאַנד פֿון דער יידישער מאַסע אָדער, לכל הפּחות, אויף דעם דאָרשט צו אַזאַ הויכער קולטור, קאָן זיך ארויסווייזן ווי אַ טעות אין פּשט, און דעמאָלט וועט די נייע צייטונג מוזן דורכמאַכן דעמזעלביקן זינדן־פֿאַל, וואָס דער „פֿאָרווערטס״ און די „וואַרהייט״. געטריבן דורך דעם זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב, וועט זי זיין געצוואונגען אויסצוגעפינען יענע מיטלען, מיט וועלכע מען קאָן „געמען דעם עולם״, אויף וועלכן מען וויל ווירקן, און אויב דער עולם וועט בלייבן דערזעלביקער, וואָס האָט באַשאַפֿן דעם „פֿאָרווערטס״ און די „וואַרהייט״, וועט ער שוין אויספֿירן זיינס אויך אין דער נייער צייטונג.

קודם כל וועט ער פֿאַרלאַנגען, מען זאָל אים מאַכן פּליען געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אַריין: לייכטע שטאָף, וועלכע ער זאָל קאָנען אויפֿנעמען און פֿאַרדייען, לייענענדיק די צייטונג אין וואַגאָן. אָנשטרענגען דעם מוח איז ער נישט געוווינט, און נישט אַ צייטונג קאָן אים דאָס אויסלערנען. אַ קולטור אָבער, וואָס איר פֿונדאַמענט זענען געבראָטענע טייבעלעך און אָפּגעשיילטע אייעלעך, ד. ה. לייכטע פּלאַטשיקע פּאָפּולאַריזאַציעס, מוז פֿריער אָדער שפּעטער מגולגל ווערן אין אויפֿקלערעכץ און ראַדיקאַלעכץ, ווי מיר האָבן זיי ביז אַהער. סוף־כל־סוף וועט די נייע צייטונג זיך זען גענויטיקט אַרויסצוזעצן אירע ערנסטע שרייבער אויף דעם ערשטן, בעסטן אַעראָפּלאַן און אויסריכטן זיי מיט דער ברכה: „השם יצליח דרכּכם!״

„אויב מען וויל נישט אויפֿגעבן אין פֿאַרצווייפֿלונג יעדע קולטור־אַרבעט צווישן דער יידישער מאַסע״, איז אַ צייטונג נישט די ע ר ש ט ע זאַך, וואָס מען מוז האָבן. צייטונגס־קולטור און צייטונגס־בילדונג האָבן קיינמאָל און ערגעץ נישט באַשאַפֿן קיין אמת־אינטעליגענטע מאַסע. דערצו מוז מען אָנהויבן אַרבעטן מער אין דער טיף, ווי אין דער ברייט. מען דאַרף ברייטער מאַכן,

טיפער מאַכן און צונויפגיסן אינאיינעם יענע לעת-עתה נאָך קליינינקע קולטור-שטראָמען, וואָס האָבן זיך שוין באַוויזן אין דעם לעבן פון אונזער מאַסע, ביי אירע בעסערע טיילן.

מען דאַרף אָרגאַניזירן סיסטעמאַטישע פאָרלעזונגען אין אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער וויסנשאַפט; מען דאַרף אָרגאַניזירן שבת-שולן און זונטיק-שולן פאַר דערוואַקסענע מיט אַ פּראָגראַם פון אַן אייראָפּעאיש גימנאַזיום (פאַרשטייט זיך אָן לאַטיין און גריכיש); מען דאַרף אַרויסגעבן ביכער און בראָשורן וועגן אַלע פראַגן, וואָס דאַרפן פאַראינטערעסירן אַ געבילדעטן מענטשן און אַן אינטעליגענטן יידן; מען דאַרף איבערזעצן אין יידיש — און נישט פאַרוואַסערן! — די בעסטע אמתע אויפקלערער פון דער ציוויליזירטער וועלט, די אַלע פייערבאַכס און פרודאָנס, און ניטשעס און פרידריך אַלבערט לאַנגעס; מען דאַרף איבערזעצן און אַרויסגעבן די בעסטע בעלעטריסטישע ווערק פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן אַזאַ געוואַלטיקע ציוויליזאַטאָרישע קראַפט; מען דאַרף גרינדן ביבליאָטעקן (וואָס מער, אַלץ בעסער!) ווו מען זאָל צונויפקלייבן אַלע די ערנסטע קולטור-קוואַלן, וואָס מיר האָבן שוין אין יידיש; מען דאַרף גרינדן און אָנפירן זעלבסטבילדונגס-פאַראיינען און באַזאָרגן זיי מיט דער נויטיקער ליטעראַטור און מיט די נויטיקע פירנדיקע קרעפטן.

זאָגט נישט, אַז די אַלע אונטערנעמונגען זענען לכתחילה פאַרמשפט צום טויט, ווייל „די מאַשין פון „פאָרווערטס" איז דער הערשער איבער דעם ראַדיקאַלן יידישן קוואַרטאַל"; ווייל דער „פאָרווערטס" קאָן קוילענען יעדע אונטערנעמונג, יעדע באַוועגונג מיט זיין שווייגן און ווייל „ווען די דיפּלאָמאַטיע פון „פאָרווערטס" האָט זיך געשטעלט צום צוועק צו רואינירן אַן אונטערנעמונג, אַ פאַראיין, אָדער אַ פּערזאָן איז — פאַרפאַלן".

ערשטנס גלויבט זיך אונז נישט, אַז דער „פאָרווערטס" וועט אָנהויבן אַ קאַמף אָדער אינגאַנצן פאַרשווייגן אַן ערנסטע קולטורעלע באַוועגונג, וואָס וועט ווירקלעך אַרויסווייזן מוט און קראַפט. צווייטנס, זענען אונז באַקאַנט פיל אונטערנעמונגען, וואָס

זענען אויפגעבויט געוואָרן נישט נאָר אָן דער הסכמה פון „פאָר־ווערטס", נאָר להיפך צו זיין ווילן — נישקשה: מען האָט גע־האַט דערפאָלג. און דריטנס, גלויב איך נישט אין דער אייביקייט פון דעם „פאָרווערטס" דעספּאָטישן אַלמאַכט. אַבדול־האַמיד איז געווען נאָך אַ שטאַרקערע רעאַקציאָנערע מאַכט, און מען איז מיט אים פאַרטיק געוואָרן, ווען מען מיט אַ צייטונגס־מאַשין נישט קאָנען פאַרטיק ווערן?...

די הויפּטזאַך איז, אַז דאָס קליינע הייפעלע אינטעליגענטן, וואָס זענען געבליבן אָדער געוואָרן טריי דעם יידישן פאָלק און וואָס זענען באמת פאַראינטערעסירט אין אויפהויבן די קול־טור־מדרגה פון אונזערע מאַסן, זאָלן נישט זיין אַזוי אָפּגעלאָזן, אַזוי צעמאָלן אויף מעל, ווי איצטער. אַן אָרגאַניזאַציע פון אַלע יידישע באמת־פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער אויפקלערערכץ און ראַדיקאַלערכץ און וואָס גלויבן אין דער צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק, מוז באַ־שאַפן ווערן, און איר אַרבעט וועט זיך מוזן אָפּרופן אויף אַלע זייטן פון דעם יידישן לעבן, און נישט נאָר אויף דעם פעלד פון קולטור אַליין.

אָרגאַניזירן די קולטור־שאַפנדיקע און קולטור־ברענגנדיקע קראַפט פון דעם יידישן קוואַרטאַל מוז דעריבער זיין דער ערש־טער שריט אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער „געלקייט" פון אונ־זער ראַדיקאַלער פּרעסע. טיפע, ערנסטע קולטור־אַרבעט איז דער צווייטער שריט, און ווער ווייס? אפשר וועט די „געלע" פּרעסע אַליין צושטיין און אונטערשטיצן אַזאַ אַרבעט, וואָס וועט זי אין דער צוקונפט באַפרייען פון דער טרויעריקער נויטיקייט צו זיין „געל". על כל פנים וועט דאָס שטענדיקע אָנוואַקסן פון ערנסטערע קולטור־קרעפטן אין קוואַרטאַל באַשאַפן אַן אינטעלי־גענטע עפנטלעכע מיינונג, וואָס וועט האָבן קראַפט גענוג צו צווינגען די „געלע פּרעסע", זי זאָל זיך רעכענען מיט דעם ווילן פון דער יידישער אינטעליגענץ.

דאָ, אין דער אָרגאַניזאַציע פון אונזערע אייגענע אינטע־ליגענטע קרעפטן צוליב אַן אַרבעט, וואָס זאָל אויסבילדן נייע

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי

קולטור־שאַפנדיקע און קולטור־פאַרשפּרייטנדיקע פאַקטאָרן און דערציִען זיי אין גייסט פון טרייקייט צו דעם יידישן פאָלק, דאָ, זאָג איך, ליגט, ווי מיר דוכט, דער שווערפּונקט נישט נאָר פון דער פּראָבלעם, וואָס יצחק אייזיק האָט אויפגעוואָרפן, נאָר אויך פון אַ סך אַנדערע „פאַרשאָלטענע שאלות״, מיט וועלכע דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז אַזוי רייך.

דאָס נייע לעבן, 1909, — אין דער לעצטער צייט האָט זיך דער מצב פון דער יידישער פּרעסע זייער שטאַרק אויפגעהויבן. [1918].

נאָכאַמאָל די געלע פּרעסע

נאָכאַמאָל די געלע פּרעסע

במעט אין אַלע טײלן אַ פּראָדוקט פֿון די גרויסע היצן, וואָס האָבן געהערשט דעם סוף זומער אין ניו יאָרק, איז דר. ק. פֿאַרנבערגס פּאָלעמיק אַנטקעגן אונז אין זײַנע אַרטיקלען: „די פֿליכט פֿון שווײַגן" און „דר. זשיטלאָווסקיס ייִדישקייט און אייראָפּעאישקייט", וואָס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „פֿרײַער אַרבעטער שטימע" פֿון דעם 28־טן אויגוסט און 4־טן סעפּטעמבער.

ביידן בײַ עטלעכע איבער הונדערט גראַד פֿאַרנהייט, און ווען מען איז נאָך דערצו אינערלעך גוט צעקאָכט, קאָן איינער זאָגן איינעם: אויב דו ביסט נישט קיין מומחה אין אַ וועלכן עס איז ענין און האָסט נישט קיין סוף־כּל־סופֿדיקע מיינונג וועגן אַלע זײַנע פּרטים, איז — זיך בעסער און שווײַג. בײַ אַ קילערער טעמפּעראַטור וואָלט דר. פֿאַרנבערג געוויס אַליין אײַנגעזען, אַז די באַשפּרעכונג פֿון אַ וועלכער עס איז פּאַרוויקלטער פֿראַגע, וואָס איז אין דער פּרעסע נאָכנישט גענוג אויסגעפּאָרשט געוואָרן, איז אַן אַלגעמיינע אָנגעלעגנהייט פֿאַר אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט איר, און אַז יעדער מענטש, וואָס האָט עפּעס צו זאָגן צו איר אויפֿקלערונג איז מחויב צו זאָגן און נישט צו שווײַגן. נאָכמער, ער איז מחויב אָנצוגעבן דעם גראַד פֿון זיכערהייט, וועלכע ער האָט בנוגע צו דעם אָדער יענעם פּונקט פֿון דער פֿראַגע. ער איז פֿאַרפּליכטעט צו העלפֿן באַלײַכטן דעם ענין פֿון אַלע

זייטן, כדי שפּעטער צו קומען, אינאיינעם מיט די אַנדערע פֿאָר־שער צו אַ וועלכער עס איז סוף־כּל־סופֿדיקער מיינונג.

דאָס האָב איך געטאָן.

יצחק אייזיק איז אַרויס מיט אַ באַשולדיקונג אַנטקעגן דער געלער פּרעסע. ער האָט געבראַכט פֿאַקטן, אויפֿגעשטעלט איר כאַראַקטעריסטיק און אָנגעוויזן אויף די אורזאַכן. שולדיק אין דער געלקייט, זאָגט ער, זענען צוויי מענטשן, ראובן און שמעון. וועגן די פֿאַקטן און כאַראַקטעריסטיק האַלט איך מיך נישט פֿאַר אַ מומחה, ווייל איך האָב באמת מיך זייער ווייניק אָפּגעגעבן מיט דער יידישער פּרעסע. פֿונדעסטוועגן האָב איך אויך דאָ געפֿילט, אַז יצחק אייזיק מאָלט שוין צו פֿיל „געל און געל", איך האָב דאָך מיט מיינע אייגענע אויגן געלייענט אין דער געלער פּרעסע אַר־טיקלען, „מיט וועלכע קיין אָנשטענדיקע צייטונג וואָלט זיך נישט געהאַט וואָס צו שעמען".

האָב איך דאָס געוואָלט פֿאַרשווייגן ? וואָלט דאָן דאָס בילד געבליבן איינפֿאַרביק געמאָלט, ד. ה. איינזייטיק, נישט אמת פֿאַרגעשטעלט. מיר ווילן דאָך אָבער אַלע וויסן דעם ריכטיקן אמת.

בנוגע צו די פֿאַקטן און צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער געלער פּרעסע בין איך אין מיין אַרטיקל כּמעט אינגאַנצן גע־שטאַנען אויף יצחק אייזיקס שטאַנדפּונקט, אַז מכּוח אידעאַלן איז דאָ נישט שייך צו רעדן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט קאַפּי־טאַליסטישע אונטערנעמונגען. אויף וויפֿל דאָס איז אמת, ווייס איך נישט און לאָז איבער די גאַנצע אחריות אין דעם פּונקט אויף יצחק אייזיקן. אָבער מכּוח די אורזאַכן פֿון דער דערשיינונג מעג מען שוין האָבן אַן אייגענע מיינונג. ווי ווייניק מאַרקסיסט איך זאָל נישט זיין, לייגט זיך מיר דאָך נישט אויפֿן שכל, אַז אַזאַ וויכטיקע דערשיינונג, ווי די געלע פּרעסע, קאָן אינגאַנצן דער־קלערט ווערן דורך דעם בייזן ווילן פֿון ראובנען און פֿון שמעונען. עס קאָן זיין, אַז זיי, ראובן און שמעון, מיינען אַליין, אַז זיי זענען די גאַנצע אויפֿטוערס. באמת אָבער קאָן מען זייער גאַנצע ראָלע פֿאַרשטיין ערשט דעמאָלט, ווען מען איז באַקאַנט מיט די

אומשטענדן (נישט נאָר עקאָנאָמישע, נאָר אויך אַ סך אַנדערע), וואָס האָבן געמאַכט פאַר זיי מעגלעך דורכצופירן זייער אויפטואַט אויף די אומשטענדן האָב איך געוואָלט אויפווייזן: אויף דעם קולטור־צושטאַנד פון דער מאַסע, וואָס קויפט די געלע צייטונגען און קוויקט זיך מיט זיי.

דר. פאָרנבערג רופט אָן דעם געדאַנק „באַנאַל און רעאַקציאָנער". דער געדאַנק איז אַקוראַט אַזוי באַנאַל און רעאַקציאָנער, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. מען קאָן נישט פאַרלאַנגען אַ פּראָגרעסיווערע אָדער אָריגינעלערע כפל־טאַבעלע איידער די, וואָס מען האָט אונז געלערנט אין דער שול.

ביי דר. פאָרנבערג איז דאָס אַ באַשלאָסענע זאַך, אַז מיין אַרטיקל האָט געהאַט אין זינען דעם פאַרבאָרגענעם ציל אונטערצוחנפענען זיך צו דער געלער פרעסע און אָפּצושוואַכן די ווירקונג פון יצחק אייזיקס אַטאַקע אויף איר. אין דעם צווייטן אַרטיקל געפינט דר. פאָרנבערג נאָך אַ פאַרבאָרגענעם ציל: אונטערצוחנפענען זיך צו דער „באַלעבאַטישער" וועלט.

יעדן איינעם, וואָס איז מיר חושד, אַז איך וויל מיך צו וועמען עס איז אונטערחנפענען און אַז מיט מיין פעדער פירן נישט די מאָטיוון, וועלכע איך גיב אָן, נאָר וועלכע עס איז אַנדערע, פאַרבאָרגענע, רוף איך אָן מיט מיין גוטמוטיקייט: אַ תמעוואַטער מענטש. איך וואָלט בנאמנות נישט געמאַכט קיין אויסנאַם אין דעם פונקט פאַר דר. פאָרנבערג. אָבער אַזאַ „תם" קאָן דאָך קיין מענטש נישט זיין — צו גלויבן, אַז איך וויל מיך אין דערזעלביקער צייט מאַכן ליב־קינד אי ביי דער ראַדיקאַלער פרעסע אי ביי דער באַלעבאַטישער.

דר. פאָרנבערג ברענגט אַ פּאָר ווייטער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע ביישפּילן פון דער נישט יידישער פרעסע, וואָס באַווייזן קלאָר ווי דער טאָג, אַז די סענסאַציאָנעלע צייטונגען האָבן אַלעמאָל אַ גרעסערע צירקולאַציע, איידער די אָנשטענדיקע, און וואַרפט מיר אויף מיט נצחון: „אין קיין לאַנד אין דער וועלט ווערט נישט אַ צייטונג געמאָסטן און געאַכטעט נאָר מיט איר צירקולאַציע".

דער דאָקטאָר באַמערקט אָבער נישט, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט וועגן דעם פּונקט, איז נישט מער ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם, וואָס איך האָב געשריבן אין מיין אַרטיקל: „די געלע פּרעסע פאַרשוואַרצט נישט דעם פּנים פון אַמעריקעס ליטעראַטור, ווייל די ליטעראַטור פון אַ פאָלק ווערט נישט געמאָסטן נאָך די בולוואַר-בלעטלעך, נאָר נאָך דער פּרעסע פון דער אינטעליגענץ". הייסט עס, אַז די גאַנצע פראַגע מוז צוריקגעפירט ווערן נישט צו דעם פאַקט, וואָס ראובן און שמעון האָבן באַשאַפן אַ געלע פּרעסע, — אַלע פעלקער האָבן אַ געלע פּרעסע, וואָס אירע געטער זענען סענסאַציע און צירקולאַציע. די גרונט-פראַגע איז, פאַר וואָס האָבן מיר נישט קיין א י נ ט ע ל י ג ע נ ט ע פּרעסע. און די פראַגע קאָן בשום אופן נישט פאַרענטפערט ווערן מיט דעם בייזן ווילן פון ראובנען און שמעונען.

עס איז פאַר מיר קלאָרער איידער דער טאָג, אַז אויב מיר וואָלטן געהאַט אַן אינטעליגענץ, וואָס וויל זיין אַ י י ד י ש ע, וואָלטן מיר שוין לאַנג געהאַט אַן אָנשטענדיקע יידישע ראַדיקאַלע פּרעסע. אַז איך האָב די טעג גענומען אין האַנט דעם „פאָרווערטס" און האָב געזען ווי ער דערקלערט מיר (גוט אָדער שלעכט), וואָס אַזוינס איז דער „דרום-פּאָל", וואָס איז „טראַנספּאָרט", „עקספּעדיציע", „אַלומיניום", „טערמאָמעטער", און אַזוי ווייטער, בין איך שוין געוואָרן נוטה צו וואַרטן, אַז אין דעם נעכסטן אַרטיקל וועט ער מיר דערקלערן, וואָס איז „חבוּר" און וואָס איז „חסור", און איך האָב מיר געמוזט זאָגן: די צייטונג גיט מען אַרויס נישט פאַר דיר. ווילסטו פאַר זיך האָבן אַ צייטונג, דאַרפסטו זי ערשט באַשאַפן, און כדי צו העלפן באַשאַפן אַזאַ צייטונג, מוז מען זיין זיכער, אַז אין אַמעריקע זענען שוין גענוג דאָ אינטעליגענטע יידישע לייענער, וואָס נויטיקן זיך, אַקוראַט ווי איך, אין אַן אינטעליגענטער צייטונג.

אין דעם פּונקט אָבער בין איך, — זאָל מיר דער אייבערשטער נישט שטראָפן פאַר די רייד, — נאָך שטאַרק מסופק. און איך זע נישט איין, פונוואַנען זאָל זיך אַזאַ יידישע אינטעליגענץ ביי אונז איצטער נעמען? דאָס רוב יידישע אינטעליגענטן,

וואָס זענען געבליבן טריי דעם פאָלק, לייענען בעסער העברע־איש, איידער יידיש. דער „היום”, ווייזט אויס, האָט שוין אַ באָדן אונטער זיינע פיס — אין אַמעריקע! *) דאָס רוב פון דעם איבעריקן טייל יידישע אינטעליגענץ שטייט פּרינציפּיעל אויף דעם „עם־הארצישן” שטאַנדפּונקט: יידיש איז נאָר פאַר עם־הארצים. קאָן איינער פאַרשטיין ענגליש, דאַרף ער שוין קיין יידיש ניט: לאָז ער גיין אין קופּער יוניאָן, אויב ער וויל האָבן וויסנשאַפט־לעכע פאָרלעזונגען; לאָז ער לייענען די „איווניג פּאָסט”, אויב ער וויל האָבן אַן אינטעליגענטע צייטונג.

בלייבט די פראַגע שטיין, ווי איך האָב זי אַוועקגעשטעלט: ווי מאַכט מען, אַז ביי דער יידישער מאַסע זאָל אַרויסגעשלאָגן ווערן די אַסימילאַציע־טענדענץ פון די מוחות, — דער הויפּט־קוואַל פון אַ סך, אַ סך אומזערע אומגליקן אין גלות! ווי מאַכט מען, אַז פון דער יידיש־נאַציאָנאַליזירטער מאַסע גופא זאָל אויס־וואַקסן אַ יידישע אינטעליגענץ, וועלכע וועט שוין ממילא באַשאַפן יענץ היטל, וואָס וועט פּאַסן צו איר קאָפּ. דאָ ליגט דער שווערפּונקט פון דער פאַרשאָלטענער שאלה. קיין אויף־די־גלייכע־ווענט־רייסן־זיך פון דר. פאָרנבערג וועט זי ניט אַ ריר טאָן פון אָרט, און יעדער פּרוּוו אָפּצולענקען די אויפ־מערקזאַמקייט פון דעם צענטראַל־פּונקט אויף איבערפלעכלעכע קלייניקייטן, אויף ראובנס סענסאַציע־לוסט און שמעונס ציר־קולאַציע־לוסט, איז אַ מניעה, אַ שעדלעכע שטערונג אין דעם וועג צו יענעם ציל, אויף וועלכן דאָס הייפעלע יידישע אינטע־ליגענטן, וואָס מיר פאַרמאָגן נאָך, דאַרף קאָנצענטרירן אַלע זיינע קולטור־שאַפנדיקע כוחות.

מיר גייען איבער צו דעם צווייטן אַרטיקל. אַ גרויסער טייל פון אים באַשעפטיקט זיך מיט דעם „קניקס”, וואָס איך האָב, נאָך דר. פאָרנבערגס מיינונג, געוואָלט מאַכן דער באַלע־באַטישער וועלט. דער „קניקס” באַשטייט אין די ווערטער:

„אַ, דער „מאָרגן זשורנאַל” און דער „טאַגעבלאַט”? פאַר־

---

*) דאָס האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעדריקט... [1918.]

וואָס זענען זיי נישט געל? מוז מען אפשר טאַקע צוגעבן, אַז דער פּראָוואַסער, ד. ה. דער קולטור-מעמד פון דער יידישער „באַלעבאַטישער" וועלט איז אַ סך רייכער, איידער דער קולטור-מעמד פון די ראַדיקאַלע יידישע מאַסן... וואָס פאַראַ קאָפּ מען האָט, אַזאַ היטל טראָגט מען".

אַ גאַנצן פאָנטאַן פון תרעומות, חשדים און פשוטע באַליי-דיקונגען האָט דר. פאָרנבערג אַרויסגעשפּריצט אויף מיר פאַר אָט די פּאָר ווערטער.

די „רייכקייט" פון דער באַלעבאַטישער פרעסע און דער „ריינער" קולטור-מעמד פון דער „באַלעבאַטישער" וועלט, זענען ביידע אַ חלום, זיי עקזיסטירן נאָר אין דר. זשיטלאָווסקיס רייכער פאַנטאַזיע". דאָס איז דער רעזולטאַט, צו וועלכן דר. פאָרנבערג קומט וועגן דעם פונקט.

קודם כל האָט ער פאַרגעסן, אַז דער פאַקט גופא פון דער נישט-געלקייט פון דער „באַלעבאַטישער" פרעסע האָב איך בתמימות אַריבערגענומען פון יצחק אייזיקן. יצחק אייזיק שרייבט: „עס איז אַ פאַקט, אַז די צוויי קאָנסערוואַטיווע צייטונגען, דער „טאַגעבלאַט" און דער „מאָרגן-זשורנאַל" זענען נישט געל און האָבן פונדעסטוועגן פונקט אַזאַ צירקולאַציע ווי די צוויי געלע צייטונגען. הייסט דאָס דען, אַז די אָפּגעשטאַנענע יידן גלייכן אַן אָנשטענדיקע צייטונג, בעת דער ראַדיקאַל-געזאָנענער יונגער דור וויל דווקא אַ געלע שמאַטע? וואָס איז דער שכל דערפון? יעדע זאַך דאַרף דאָך האָבן אַ זין" („דאָס נייע לעבן", זייט 468). אין מיין אַרטיקל שוואַך איך אָפּ אַ ביסל דעם „פאַקט", וועלכן יצחק אייזיק שטעלט אַוועק אַזוי זיכער און פעסט. „אויך דער „מאָרגן-זשורנאַל" און דאָס „טאַגעבלאַט", זאָג איך, זענען נאָך גאַנץ ווייט פון צו מעגן פּרעטענדירן אויף דעם טיטל: אָנשטענדיקע אינטעליגענטע פרעסע" („ד. נ. ל.", ז. 506). אָבער שטעלנדיק זיך אויף דעם פאַקטישן באָדן, וועלכן יצחק אייזיק גיט אונז, פרעג איך אויך אינאיינעם מיט אים: „וואָס איז דער שכל דערפון? יעדע זאַך דאַרף דאָך האָבן אַ זין!"

וואָלט איך געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער ראובן־שמעון־טעאָריע, וואָלט „דער שכל דערפון" געווען גאָר אַ פשוטער: צוויי מענטשן, לוי און יהודה, בטבע אָנשטענדיקע, וואָס האָבן פיינט שנאת־מות סענסאַציע און צירקולאַציע, האָבן באַשאַפן צוויי אָנשטענדיקע צייטונגען.

איך האָב נישט די ערע פערזענלעך נענטער צו קענען די הערן פון „טאַגעבלאַט" און „מאָרגן־זשורנאַל" און וויל בשום אופן נישט אַרויפוואַרפן קיין ברעקל חשד אויף זייער אָנשטענדיקייט, און אויב איך גלויב נישט אָט אין דעם פשוטן „שכל דערפון", איז ווייל איך גלויב איבערהויפּט נישט אין דער ראובן־שמעון־טעאָריע. עס לייגט זיך מיר בעסער אויפן שכל אָנצונעמען, אַז אויב דער קולטור־מעמד פון דער באַלעבאַטישער וועלט וואָלט נישט געווען קיין העכערער, איידער דער קולטור־מעמד פון די יידישע ראַדיקאַלע מאַסן, וואָלטן די מלאכים, לוי און יהודה, נישט געקאָנט דורכפירן זייער מיסיע.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ווען איך זאָג דער קולטור־מעמד, מיין איך נישט דעם מעמד פון דער פּראָגרעסיווער קולטור. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס „טאַגעבלאַט" און דער „מאָרגן־זשורנאַל" זענען קאָנסערוואַטיווע, נישט קיין פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלע צייטונגען. אָבער די ריכטונג פון דער קולטור און דער מעמד פון דער קולטור זענען צוויי פאַרשיידענע זאַכן. עס קאָן געמאָלט זיין אַ הויכער מעמד פון אַ קאָנסערוואַטיווער קולטור ביי דער באַלעבאַטישער וועלט, און זייער אַ נידעריקער מעמד פון אַ פּראָגרעסיווער קולטור ביי די מאַסן.

מיר דוכט נאָך עד היום, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. די באַלעבאַטישע וועלט האָט געהאַט אינדערהיים אַ וועלכע עס איז יידישע דערציאונג. זי האָט געלייענט אַ העברעאיש ביכל און אַ העברעאישע צייטונג. און אַפילו ווען זי האָט זיך אינטערעסירט מער נישט ווי מיט דעם תנ"ך און דעם משניות, איז דאָס שוין אויך געגוג צו געבן די מוחות אַזאַ שפּייז, אַז זי זאָל עקלען פון די סענסאַציאָנעלע פאַמיליען־פּלאָטקעס און פון דער מער אָדער ווייניקער צוגעפּוצטער זנות־ליטעראַטור. זיי מוזן

שטעלן העכערע פאָדערונגען צו דער קוואַליטעט פון דעם לייען־שטאָף, וואָס מען גיט זיי. ווי ראַדיקאַל מיר זאָלן נישט באַקעמפן די ריכטונג פון דער באַלעבאַטישער וועלט, קאָנען מיר דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז זי (און נישט די מאַסן) האָט באַשאַפן די רייכע און טיף־מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור אינדערהיים. דאָס מוז זיך, פאַרשטייט זיך, אָפּרופן אויך אויף די פאָדערונגען, וואָס זי שטעלט צו דער יידישער פּרעסע.

וועלכע דערציאונג האָט אָבער געהאַט אונזער מאַסע? דעם פינסטערן יידישן חדר ביז צום צענטן יאָר? די צרהדיקע תלמוד תורה? און ווי גרויס איז דער פּראָצענט פון איר, וואָס האָט געהאַט אַפילו אַזאַ דערציאונג? יעדן איינעם איז באַקאַנט, אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכן צושטאַנד עס געפינט זיך די יידישע פאָלקס־דערציאונג אינדערהיים, ווי ווייניק קולטור, אָרטאָדאָקסיש־יידישע אָדער מאָדערן־פּראָגרעסיווע, אונזער חושכדיקע פאָלקס־פּעדאַגאָגיע האָט געקאָנט געבן די פאָלקסמאַסן. פונוואַנען האָבן זיי געזאָלט נעמען אַ וועלכן עס איז ערנסטן קולטור־מעמד? עס איז, דעריבער, אפשר אָנצונעמען, אַז די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע שפּיגלט אָפּ דעם קולטור־מעמד פון דער „באַלעבאַטישער" וועלט, ווי די ראַדיקאַלע — דעם קולטור־מעמד פון די מאַסן. איך זאָג: אפשר, ווייל איך בין דעריבער נישט זיכער. אין אַלע ערנסטע פראַגן פון דעם יידישן לעבן מוזן מיר טאַפּן אין דער פינסטער, ווייל מיר האָבן נישט קיין סטאַטיסטיק, און מיר ווייסן נישט, וואָס פאַר אַ שול־בילדונג עס האָבן געהאַט אונזערע „בעלי־בתים" און אונזערע מאַסן...

דאָס זענען אויך אַלץ אַזעלכע באַנאַלע געדאַנקען, אַז עס איז פּשוט אַ חרפה צו דערקלערן זיי אַ מער אָדער ווייניקער געבילדעטן מענטשן. אָבער דעם דר. פאַרנבערג זענען זיי גאָר אויפן זינען נישט אַרויף. די אויבן־ציטירטע פאָר ווערטער וועגן דער באַלעבאַטישער וועלט און פּרעסע האָבן אין זיין מוח אַרויסגערופן אַ קאַנקאַן פון פאַנטאָמען און געשפּענסטער, שדים און לצים האָבן זיך גענומען דרייען פאַר זיינע אויגן אין אַ ווירבער. אַ קאַמף פון יידישקייט און אייראָפּעאישקייט, אַ גלוסט

אַריינצוּוואַרפן זיך אין די אָרעמס פון דער באַלעבאַטישער וועלט, אַ בעל־תשובה־שטימונג און אַ חרטה, וואָס איך געהער צו דעם סאָציאַליסטישן און רעוואָלוציאָנערן לאַגער. און אָט דער גאַנצער וויכער פון דבוקים און לענטעכער האָט זיך צו־גריפּגעקנוילט אין זיינע שלום־ווערטער: „אַ גרויסן פּאָליטישן פעלער, זאָגאַר אַ קולטור־פאַרברעכן באַגייט דער, וועלכער — ווי עס שיינט צו זיין דער פאַל אויך מיט דר. זשיטלאָווסקי — ווענדט זיך אָפּ פון די יידישע מאַסן, כדי צו וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון די יידישע באַלעבאַטים“...

וואָס פאַר אַן „עורבא פרח“!

דעמזעלביקן גראַד פון קלאָרן פאַרשטאַנד האָט דר. פאַרנבערג אַרויסגעוויזן אין זיין קריטיק פון יענע מיטלען, וואָס איך שלאָג פאָר, כדי צו באַקעמפן די „ראַדיקאַלעכץ“ און די „אויפקלערעכץ“. נאָך גאַנץ אונטער דער שליטה פון די לענטעכער, האָט זיין מוח נישט באַנומען אַ קלייניקייט: אַז איך קעמף אַנטקעגן „אויפקלערעכץ“, ווייל איך וויל האָבן אויפקלערונג, און אַז איך האָס מיט אַלע נערוון פון מיין גוף, מיט יעדן אַטאָם פון מיינע גערוון, די אויבערפלעכלעכע „ראַדיקאַלעכץ“, ווייל איך האָב טיפן, ערנסטן ראַדיקאַליזם...

צווישן אַנדערע מיטלען, וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן (און וואָס זענען אַלע אינאיינעם נישט מער, ווי אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס מען רופט „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַרבעט אין גלות“) איז אויך געווען „איבערזעצונגען פון די בעסטע, אמתע אויפקלערער פון דער ציוויליזירטער וועלט, די אַלע פייערבאַכס און פּרודאָנס און ניטשעס און לאַנגעס“. דר. פאַרנבערג מאַכט דערצו אַזאַ פּירוש. די אַלע נאַר־וואָס דערמאָנטע אויפקלערער דאַרפן „פאַרנעמען אין דר. זשיטלאָווסקיס נייעם מעדיצין־בוך דעם פּלאַץ פון די איצטיקע איבערזעצונגען פון מאַרקס, פון דאַרווין, פון קאַוטסקי, א. ד. גל. דאָס זענען דאָך אָבער נאַר אונטערשיידן אין געשמאַק־זאַכן. דר. זשיטלאָווסקין דאַכט זיך, אַז עס איז וויכטיקער פאַר די יידישע מאַסן צו וויסן קודם כל ניטשען; אַנדערע דאַכט זיך, אַז מאַרקס און דאַרווין

פֿאַרדינען פּילייכט די בכורה. דר. זשיטלאָװסקין דאַכט זיך, אַז די געשיכטע פֿון מאַטעריאַליזם לאַנגעס איז פֿאַר די יידישע מאַסן די ערשטע נויטװענדיקע גייסטיקע נאַרונג, און מיר קאָן זיך דוכטן, אַז קאַוטסקיס געשיכטע פֿון סאָציאַליזם איז נישט װייניקער אויפֿקלערנדיק און װיכטיק; און אַ דריטן קאָן אויסקומען, אַז קראָפּאָטקינס װערק צ. ב. האָבן היינט אַ פּיל גרעסערן קולטורװערט איידער פּרודאָנס״.

אָט דאָס הייסט: פֿאַרשטאַנען, װאָס מען רעדט! דאַכט זיך, פֿאַר יעדן איינעם דאַרף זיין קלאָר, אַז װיבאַלד איך רעד פֿון אַזעלכע פֿאַרשיידענע גייסטער, װי ניטשע און פֿייערבאַך, װי לאַנגע און פּרודאָן, קאָן איך נישט האָבן אין זינען אַ װעלכע עס איז באַשטימטע ריכטונג אָדער אויסשליסן אַ װעלכע עס איז אַנדערע באַשטימטע ריכטונג פֿון ראַדיקאַלער אויפֿקלערונג, און װיבאַלד איך ברענג די „פֿייערבאַכס און לאַנגעס״ בלשון רבים, זענען זיי שוין כולל אַלע אויפֿקלערער, װאָס שטייען נאָר נישט נידעריקער פֿאַר זיי אין דעם גראַד פֿון ערנסטקייט און װיסנשאַפֿטלעכקייט: די קאַוטסקיס און קראָפּאָטקינס, און די װאָלטערס, און די זשאַן-זשאַק רוסאָס און די... און די...

אמת, אין זיי גייט נישט אַריין נישט דאַרװין און נישט מאַרקס. אָבער עס גייען אויך נישט אַריין נישט די קאַנטס, נישט די העגעלס, נישט די ניוטאָנס. פֿאַרװאָס? װייל זיי געהערן שוין נישט צו דעם קלאַס „אויפֿקלערער". זיי זענען זעלבשטענדיקע װיסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָזאָפֿישע פֿאָרשער. װי שװער עס זאָל אַמאָל נישט זיין צו ציען די גרענעץ-ליניע ביי יעדן איינצלנעם דענקער, װו אין אים הערט אויף דער „אויפֿקלערער" און װו עס הויבט זיך אָן דער זעלבשטענדיקער פֿאָרשער, קאָן מען דאָך קיינמאָל נישט צונויפֿמישן אין איין טאָפּ קאַוטסקין און מאַרקסן, קאַנטן און לאַנגען, ניוטאָנען און װאָלטערן.

װייל איך אפֿשר נישט, מען זאָל איבערזעצן אין יידיש די מאַרקסעס, די דאַרװינס, די שפּינאָזאַס? אַדרבה ואַדרבה! כּדי צו האָבן אַ יידישע אינטעליגענץ, װאָס זאָל געפֿינען איר דערהיים געװנטג גייסטיקע שפּייז, װאָס זאָל דעריבער נישט דאַרפֿן

אַנטלויפֿן צוליב איר אין אַ פֿרעמדן קולטור־קרייז, מוזן מיר איבערזעצן אַלע גדולים פֿון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, וויסנשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע. אָבער אין מיין אַרטיקל האָב איך גערעדט נישט וועגן דער טיפֿערער וויסנשאַפֿטלעכער אויסבילדונג פֿון דער אינטעליגענץ, נאָר פֿון דער איינפֿאַכער ראַדיקאַלער בילדונג פֿאַר גרעסערע קרייזן. דעריבער האָב איך, לעומת די העלדן פֿון אונזער ראַדיקאַלער „אויפֿקלערעכץ", אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר טיפּן פֿון דער אייראָפּעאישער ראַדיקאַלער אויפֿקלערונג. יאָ, קאַוטסקי, אַוודאי! אים טאָר מען אויך נישט אַרויסלאָזן פֿון דער רשימה.

אַגב אורחא וואָלט איך וועלן פֿרעגן דעם דר. פֿאַרנבערג: ער רעדט וועגן די „ביז־איצטיקע איבערזעצונגען פֿון מאַרקס, פֿון דאַרווין, פֿון קאַוטסקי, פֿון קראָפּאָטקין און ד. גל." קראָפּאָטקינס איינציקע זאַכן האָב איך אין יידיש, אָבער אויך נישט די טיפֿערע. קאָן ער אפֿשר זיין אַזוי גוט און מיר דערציילן, ווער און ווו האָט איבערגעזעצט אין יידיש זיין „קעגנזייטיקע הילף", זיין „פֿעלדער און פֿאַבריקן"? ווו און ווער האָט „ביז איצטער" איבערגעזעצט דאַרווינס ווערק? ווו קאָן איך קריגן קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל" אין יידיש? קאַוטסקיס „געשיכטע פֿונם סאָציאַליזם"? ווער זענען און דאָס גל., וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש? און צוליב וואָס און וועמען שיט ער דאָ זאַמד אין די אויגן, אויסרעכענענדיק אָט די אַלע „ביז איצטיקע איבערזעצונגען", וואָס זענען קיינמאָל נישט געמאַכט געוואָרן? *)

„דאָס נייע לעבן" 1909.

---

*) ווי ווייט האָט זיך דאָס אַ ביסל געענדערט אין די לעצטע צען יאָר! די בעסטע ווערק פֿון קראָפּאָטקין און לאַסאַל און פּרודאָן און אַפֿילו קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל" ווערן שוין איבערגעזעצט אין יידיש!... ווער עס קוקט זיך צו גענוי צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, קאָן שוין איצטער נישט שטיין אויף יענעם פּעסימיסטישן שטאַנדפּונקט פֿון 1909. און מיר שעצן זיך גליקלעך, וואָס מיר זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אין קאַמף פֿאַר אָט דעם העכערן מעמד פֿון דער יידישער ליטעראַטור. [1918].

אַ פּאָר ווערטער
וועגן אינטעליגענץ און עם-הארצ׳ית

אַ פּאָר ווערטער וו״ז אינטעליגענץ און עם־הארצות

1

פעטער לאַווראָוו גיט איבער (איך געדענק שוין נישט ווו) אַ פּיקאַנטן אַנעקדאָט, פאַרוואָס טורגעניעוו האָט נישט געוואָלט לייענען זיינע, לאַווראָווס, זאַמל־ביכער „וופּעריאָד". „איך האָב אריינגעבליקט אין דאָס ערשטע בוך", דערציילט טורגעניעוו, „ערשט דאָרטן באַווייזט מען דעם נוצן פון וויסנשאַפט, און איך האָב שוין נישט געהאַט קיין חשק צו בלעטערן ווייטער".

פאַר טורגעניעוון, ווי פאַר יעדן געבילדעטן מענטשן, איז עס געוויס אַ פשוטע באַליידיקונג, ווען מען לאַדט איינעם איין, ער זאָל אויסהערן אַרגומענטן וועגן דעם „נוצן פון וויסנשאַפט". דאָס וואָלט געווען אַלץ איינס, ווי צונויפקלייבן אַ געלערנטן עולם און באַווייזן אים מיט אותות ומופתים, אַז ס'איז נישט גוט צו עסן חלבנע ליכט, איינוואַשן זיך מיט וויטריאָל און אָפּווישן זיך מיט גלעזערנע שערבלעך.

דאָס פּיקאַנטע אין דעם אַנעקדאָט איז אָבער, וואָס לאַווראָוו איז דעמאָלט גאָר אויפן זין נישט אַרויף, צו באַווייזן די נייטווענדיקייט פון וויסנשאַפט און קולטור איבערהויפּט, פאַר דעם מענטשן בכלל. טאָלסטאָיס לערע, מיט איר ראַדיקאַלן אָפּלייקענען פון יעדער מאָדערנער קולטור און וויסנשאַפט, איז דעמאָלט, אין דעם אָנהויב פון די 70־ער יאָרן, נאָכנישט געבאָרן געווען, און פאַרטיידיקן דעם „נוצן פון וויסנשאַפט" האָט מען געדאַרפט

אַנטקעגן אַן אַנדער קעגנער, וואָס האָט, אַקוראַט אַזוי ווי לאַווראָוו און אַלע געבילדעטע מענטשן, אויף דעמזעלביקן שטייגער געגלויבט אין דער אומגעהייער גרויסער ראָלע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

דער קעגנער איז געווען באַקונין און די באַקוניסטן; און געלייקנט האָבן זיי נישט די וויסנשאַפט. מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן דעם, צי זאָל מען איצטער, אין די 70-ער יאָרן, ווען רוסלאַנד און די גאַנצע וועלט שטייט אויפן שוועל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף אַרויסרייסן זיך נישט היינט-מאָרגן, — צי זאָל נאָך *איצטער* די אינטעליגענץ גיין אין די אוניווערזיטעטן, אָנשטאָפּן זיך מיט בילדונג און וויסנשאַפט אויף דעם פאָלקס חשבון. די באַקוניסטן האָבן געטענהט, אַז די יונגע אינטעליגענץ, וואָס איז איבערגעגעבן צו די אינטערעסן פונם פאָלק, דאַרף פאַרלאָזן די בילדונגס-אַנשטאַלטן און אויפן שטעל גיין אין דאָרף נישט צו פּראָפּאַגאַנדירן, נאָר כדי אַריינצוּוואַרפן דעם פונק פון אויפשטאַנד אין דער פולווער-פאַס פון דעם פאָלקס גרימצאָרן. דערצו דאַרף מען נישט האָבן קיין בילדונג און קיין וויסנשאַפט, און יעדעס „גראַמאָטנע״ יינגל, וואָס האָט נאָר אַריינגענומען טיף אין האַרצן דעם באַקוניסטיש-אַנאַרכיסטישן „אַני-מאַמין״, קאָן ווערן אַ טוער און פירער.

לאַווראָוו און די לאַוורויסטן האָבן אויך געגלויבט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אין איר באַלדיקן אַרויסרייסן זיך. אָבער דווקא דערפאַר האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז די רעוואָלוציאָנערן, וואָס וועלן דאַרפן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם לעבן, זאָלן זיין *געבילדעטע*, טיף וויסנשאַפטלעך-געבילדעטע מענטשן, וואָס זאָלן אויסאַרבעטן זייערע אידעאַלן און זייער וועלטאָנשויאונג דורך דעם אייגענעם קריטישן דענקען און נישט לאָזן זיך פאַרבלענדן דורך מאָדע-פראַזן און הויך-קלינגנדיקע כלומרשט-וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס.

אַ תּלמיד פון עמנואל קאַנט, איז לאַווראָוו דער „אַבסאָלוטער״ אמת אַליין נישט ווערט געווען אַ גראָשן, אויב ער איז נישט אַרויסגעפלאָסן פון דעם אייגענעם קריטישן געדאַנק; אַ

תּלמיד פון קאַרל מאַרקס, איז בײַ אים דער אײגענער קריטישער געדאַנק נישט פיל ווערט געווען, אויב ער איז נישט געווען אויפגעבויט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט. נישט צוליב ווארפן פונקען פון אויפשטאַנד אין דער פאָלק־מאַס דאַרף מען גיין אין דאָרף, נאָר כּדי צו פּראָפּאַגאַנדירן און פאַרשפּרייטן די נײַע סאָציאַליסטישע וויסנשאַפט, וועלכע מען מוז פריער פאַר אַלץ זייער טיף און גרינטלעך אויסשטודירן אינדערהיים... נישט אומזיסט האָבן די באַקוניסטן געשפּירט אין לאַווראָוון דעם „מאַרקסיסט" און דעם „וויסנשאַפטלעכן"...

טורגעניעוו האָט פון די אַלע מעשׂיות קיין ברעקל באַגריף נישט געהאַט, די אינעווייניקסטע אַמפּערייען צווישן די רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען האָבן אים ווייניק וואָס אינטערעסירט. ער האָט גענומען לייענען דעם „וופּעריאָד", כּדי צו זען, וואָס קאָן אים, דעם געבילדעטן טורגעניעוון, געבן דער גרויסער רוסישער דענקער און געלערנטער. און בעת ער האָט דערזען, אַז לאַווראָוו רעדט מיט היץ וועגן דעם „נוצן פון וויסנשאַפט", האָט ער געמוזט מיט אַ געניץ צומאַכן דאָס בוך...

איך האָב מיך איצטער דערמאָנט אָן דעם גאַנצן עפּיזאָד, ווײַל מיר האָט זיך שיעור אויסגעדאַכט, אַז איך גיי אַליין שרײַבן וועגן „דעם נוצן פון וויסנשאַפט", און ווײַל די פראַגע וועגן דער ראָלע פון וויסנשאַפט (און פון אירע טרעגער, דער אינטעליגענץ) אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווײַזט אויס, איז נישט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן מיט דעם טויט פון דער אַמאָליקער פּאָלעמיק וועגן דעם ענין. עס ווײַזט אויס, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט דערזעלביקער סכסוך זיך נאָכאַמאָל פאַנאַנדערפלאַקערן אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, און איצטער וועט מען די וויסנשאַפט און די אינטעליגענץ דאַרפן פאַרטיידיקן נישט קעגן די אַנאַרכיסטישע באַקוניסטן; די „אָנפאַלער" וועלן נאָר זײַן די „היפּער־כּשרע" מאַרקסיסטן גופא.

שוין אין דעם ערשטן אַרויסטרעטן פון דער רוסלענדישער מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז ווידער באַלעבט געוואָרן די אַלטע פײַנטשאַפט פון דעם באַקוניסטישן „נאַראָדניק" צו דעם

„אינטעליגענט". פאַרשטייט זיך, מיט אַ קליינינקן אונטערשייד, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין פאַרשיידענער שטעלונג צו דעם „נאַראָד" („דעם פאָלק").

פאַר דעם „נאַראָדניק" איז דער „טרעגער" פון אַלע אמתן און אידעאַלן געווען דאָס פאָלק, דער פ ו י ע ר. ער, דער פויער, — אַזוי האָט דער נאַראָדניק געגלויבט, — איז אויס „אינסטינקט" אַ קאָמוניסט און אַן אַנאַרכיסט, און די גאַנצע אויפגאַבע פון דער אינטעליגענץ איז — פאַרגעסן אָן די אייגענע אידעאַלן, צוהערן זיך צו דער שטים פון דעם פאָלקס-אינסטינקט, און ריכטיק צופאַסן זיין טעטיקייט צו יענע באַדערפענישן און געדאַנקען, וואָס מוזן על פי נויטווענדיקייט אַרויסוואַקסן פון די טיפענישן פון דעם פאָלקס נשמה.

דער סאָציאַל-דעמאָקראַט האָט גענומען אָנשטאָט דעם פויער דעם פ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר. ער, דער פראָלעטאַריער, איז נישט על פי אינסטינקט, נאָר לויט זיין סאָציאַלער לאַגע, דער אמתער טרעגער פון דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אידעאַל אין דער צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער אינטעליגענט, אויב ער וויל האָבן אַ וועלכע עס איז ווירקונג אויף דעם גאַנג פון די היסטאָרישע פאַסירונגען, דאַרף אויך קודם כל פאַרגעסן אָן זיינע אייגענע אידעאַלן און צוהערן זיך צו יענע אינטערעסן און פאָדערונגען, וואָס מוזן על פי נויטווענדיקייט אַרויסוואַקסן פון דעם פראָלעטאַריאַטס לאַגע און פון זיין אַנטוויקלונג.

אמת, יענע אינטערעסן און פאָדערונגען מוזן זיך צונויפשמעלצן מיט אַ גאַנצער וועלט-און-לעבנסאָנשויאונג און זיך אויסגיסן אין אַ וויסנשאַפטלעכער סיסטעם, אין אַ סיסטעם פונם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם". די אויסאַרבעטונג פון דער סיסטעם, איר ווייטערע אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג מוז איבערגעלאָזן ווערן אין די הענט פון די געבילדעטע און געלערנטע, ד. ה. אין די הענט פון דער אינטעליגענץ. אָבער — פון וואָס פאַר אַן אינטעליגענץ? פון דער, וואָס האָט לכתחלה איינגעזען, אַז איר גאַנצע וויסנשאַפט איז נישט מער ווי אַ פירוש אויף דעם פראָלעטאַריאַטס אייגענעם, נישט קלאָרן קלאַסן-געדאַנק. אַזאַ אינטעליגענץ איז שוין

דאָ. דאָס איז די מאַרקסיסטישע אינטעליגענץ; און אויך איר וויסנשאַפֿט איז שוין אין אַלע וויכטיקע פּונקטן פֿאַרפֿיקט, — דאָס איז די סיסטעם פֿון דעם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם.

אויף אַזאַ אופֿן האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּגעלייקנט נישט די אינטעליגענץ בכלל, נאָר די בורזשואַזע אָדער „אוטאָפּיסטישע" — די נישט וויסנשאַפֿטלעך־מאַרקסיסטישע אינטעליגענץ.

נאָך ערגער איז געוואָרן די לאַגע פֿון דער אינטעליגענץ און דער „וויסנשאַפֿט" אין יענע קרייזן פֿון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, וואָס זענען אויפֿגערודערט געוואָרן דורך דער קריטיק פֿון דעם מאַרקסיזם. די קריטיק האָט דאָך אָנגעגריפֿן אַלע יסודות פֿון דער „פּראָלעטאַרישער" וועלטאָנשויאונג און האָט זיך דערוועגט אויפֿצוהייבן אין חוצפּה איר האַנט אויף דעם אויסשליסלעכן יחוס פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט גופֿא. די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס האָט געזאָלט דורכגעפֿירט ווערן דורך דעם פּראָלעטאַריאַט — און נאָר דורך דעם פּראָלעטאַריאַט אַליין — אַנטקעגן דער איין־אייניציקער „רעאַקציאָנערער" מאַסע פֿון די נישט־פּראָלעטאַריער, איז דורך דער קריטיק אָפּגערוקט געוואָרן אויף אַ גאַנץ היפּשן מהלך צייט; די אַרבעט פֿאַר דער קעגנוואַרט איז אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דעם ערשטן פּלאַן, און פֿון דעם נייעם שטאַנדפּונקט האָט מען געמוזט די „איין־אייניציקע רעאַקציאָנערע מאַסע" פֿאַנאַנדערשפּאַלטן אין ווייניקער און מער פּראָגרעסיווע עלעמענטן און זוכן אַ פֿאַרבינדונג מיט די לעצטערע. מען האָט געמוזט אײַנאייגעם מיט זיי זען אַרויסצופּרעסן פֿון דער איצטיקער געזעלשאַפֿט אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר אַרויספּרעסן, כּדי אויפֿצוהייבן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע מדרגה פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. די ריינקייט פֿון דעם „ריין־פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט" איז פֿאַרשוווּנדן.

די אינטעליגענטערע, פּראָגרעסיווערע, נישט סאָציאַליסטישע עלעמענטן פֿון דער געזעלשאַפֿט זענען געוואָרן גאָר נאָנטע מחותּנים צו דעם פּראָלעטאַריאַט, און אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז דירעקט

די פאַרשטאַרקנדיק צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, געשטאַנען ־בוגעשטאַנען מאַכט פון דער נייער טאַקטיק. די מאַרקסיסטישע אָרטאָדאָקסיע, די היטערין פונם אַלטן גלויבן, איז געווען געצוואונגען אין דער טעגלעכער אַרבעט פון דער פּאַרטיי אָפּצוטרעטן איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז זי איז נישט אַזוי פאַראינטערעסירט אין די אַלטע פּאָזיציעס פונם פּראַקטישן קאַמף, ווי אין דעם, אַז אויך איבער דעם נייעם לאַגער־פּלאַץ זאָל פלאַטערן די אַלטע טעאָרעטישע פאָן פון דער פּאַרטיי מיט דער אַלטער רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישער פראַזע האָבן זיי געוואָלט פאַרדעקן דעם נייעם רעוויזיאָניסטישן אינהאַלט פון אַלץ וואָס די פּאַרטיי איז געצוואונגען צו טאָן.

און ווער איז אין דעם אַלעם שולדיק, אויב נישט „די אינטעליגענץ?״ די היימישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אָנגעהויבן די גאַנצע מעשה מיט דעם איבערקוקן די אַלטע יסודות, די ניי־צוגעקומענע אינטעליגענץ, וואָס איז לכתחלה אַריין מיט „אומ־ריינע״ אָנשויאונגען, די אָרטאָדאָקסישע אינטעליגענץ, וואָס האָט נישט איינגעזען די „אומשולד״ פון דער פּאַרטיי...

כמעט אומעטום, וווּ עס איז דאָ אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך דעריבער געמוזט אויסבילדן אַ שאַרף־אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונג אַנטקעגן דער אָפיציעלער פירונג פון דער פּאַרטיי. צונויפגעגאָסן דאָ און דאָרט מיט ריין־אַנאַרכיסטישע עלעמענטן, האָט די נייע שטרעמונג געפאָדערט, דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ווידער אַוועקשטעלן זיך אויף יענע פּאָזיציעס, וועלכע ער האָט פאַרנומען נאָך אין מלך־סאָביעסקיס צייטן: די סאָציאַלע רעוואָלוציע — דער איינציקער צוועק פון דער באַוועגונג; דער פּראָלעטאַריאַט — דער איינציקער טרעגער פונם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק; די איבעריקע וועלט — ווידער „איין־איינציקע רעאַקציאָנערע מאַסע״; קיין קאָמפּראָמיס מיט איר; קיין פּ אָ ל י ט י ש ע ר קאַמף, ווו אַזוינע קאָמפּראָמיסן קאָן מען בשום אופן נישט פאַרמיידן...

דער פראַנצויזישער סינדיקאַליזם איז דער אויסדרוק פון אָט דער „אַלט״־נייער שטרעמונג. אין אים ברויזט איצטער דער

קאַמף אַנטקעגן דער „אינטעליגענץ" און פון אים הילכט אַרויס די פאָדערונג מען זאָל דעם טעאָרעטישן „עמוד-ענן" ווידער אַ קער טאָן צוריק — צו דעם ריינעם מאַרקסיזם...

דער ריינער מאַרקסיזם: אַ „מאָדנער" מזל איז אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון אָט דער שיינער, רייכער און גרויסאַרטיקער געדאַנקען-סיסטעם! מען האָט זי קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען גאַנץ, מען האָט אַריינגענומען אין זיך נאָר דאָס פון איר, וואָס עס האָט געפּאַסט צו דער צייט און די אומשטענדן. ביז צו דעם סוף זיבעציקער יאָרן האָט די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ געהאַט זייער אַ קליינעם באַגריף פון איר פילאָזאָפיע און איר געשיכטס-פילאָזאָפיע. בעת עס איז דערשינען דער ערשטער באַנד „קאַפּיטאַל", האָט מען אין אים דערזען נישט מער, ווי אַ בריעם באַווייז, אַז די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליזם זענען „גערעכט" און אַז אָט די גערעכטיקייט שיינט אַרויס, ווי די זון, אַ דאַנק דעם ריין-וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, מיט די נויטווענדיקע „אַנטוויקלונגס-געזעצן", וועלכע מאַרקס האָט געוואָלט האָבן אַנטדעקט אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט. האָט מען זיך ווייניק וואָס אינטערעסירט. אויך די אייגנאַרטיקע פילאָזאָפיע, וואָס קאַרל מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט, — דער „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם", — האָט נישט צוגעצויגן צו זיך די געדאַנקען פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ.

ערשט צו דעם סוף פון די זיבעציקער יאָרן, ווען ביסמאַרקס רעאַקציאָנערע פּאָליטיק האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר איר הויפּטציל צו דערנעמען די יאָרן דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע; ערשט דעמאָלט האָט ענגעלס גענומען פּאָפּולאַריזירן זייער פילאָזאָפישע און געשיכטס-פילאָזאָפישע סיסטעם, וואָס האָט באַלד געוואונען אַן אָפּקלאַנג אין אַלע מוחות און הערצער. מיר זענען סאָציאַליסטן, — האָט דער מאַרקסיזם געלערנט, — נישט דערפאַר, ווייל אונזערע פאָדערונגען זענען גערעכט און אונז ווילט זיך, אַז די גערעכטיקייט זאָל טריאומפירן. מיר שטרעבן צו דעם סאָציאַליסטישן ענדציל דערפאַר, ווייל די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט טראָגט אין זיך אַ שטראָם צו אים,

און מיט קיין מאַכט אין דער וועלט קאָן קיין פּערזאָן אין דער וועלט נישט אויפהאַלטן יענעם רייסנדיקן שטראָם. וואָס איז דאָ אַזוי נתפּעל און דערשראָקן צו ווערן פון ביסמאַרקס רעאַקציע? וואָס ווערט מען אָפּהענגיק, בעת די אינטעליגענץ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין זיינע אָרעמס? די אינטעליגענץ, ווי ביסמאַרק גופא, זענען נישט מער ווי געצייג אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, וואָס ווערט אָנגעטריבן דורך דער מעכטיקער טרייב־קראַפט פונם קלאַסנקאַמף. דער אייזערנער קאַנצלער איז נישט מער ווי אַ שטרויענע פּופּע אין די הענט פון די אייזערנע אַנטוויקלונגס־געזעצן. דערזעלביקער קלאַסנקאַמף מוסטירט און דיסציפּלינירט דעם פּראָלעטאַרישן חייל, און די צוקונפט מוז געהערן דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט, צי דאָס געפעלט וועמען עס איז, אָדער נישט... אַזוי זאָגט די אומפּאַרטייאישע וויסנשאַפט.

דאַכט זיך, אַז שוין אין די גרונט־געדאַנקען איז קלאָר געווען אויסגעשפּראָכן דער בליק פון דעם „ריינעם" מאַרקסיזם אויף דער ראָלע פון דער וויסנשאַפט און דער וויסנשאַפטלעך־פאַרשנדיקער אינטעליגענץ אין דער סיסטעם פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. די צייט (וואָס איז נאָכנישט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן עד היום) איז אָבער נישט געווען מסוגל טיפער אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם פּונקט פון קאַרל מאַרקס׳ לערע.

מען האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם פאַקט, אַז די הערשנדיקע וויסנשאַפט איז אַ מליץ־יושר פון דעם הערשנדיקן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, און מען האָט זי, — די וויסנשאַפט בכלל, — צונויפגעוואָרפן אין איין טאָפּ מיט אַלע אַנדערע פאָרמען פון דער מענטשלעכער „אידעאָלאָגיע", — מאָראַל, רעכט, פּאָליטיק, רעליגיע, פילאָזאָפיע „און אַזוי ווייטער", — וועגן וועלכע קאַרל מאַרקס האָט געלערנט, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון דעם קלאַסנקאַמף און זענען נישט מער, ווי געוויסע אָפּשפּיגלונגען פון אַ געוויסער קלאַסן־לאַגע און פון געוויסע קלאַסן־אינטערעסן. מען האָט אַריינגעטייטשט אין דעם „און אַזוי ווייטער", וועלכע מאַרקס און

ענגעלס האָבן אַזוי אָפט געברויכט, אויך די וויסנשאַפט און די ק ו נ ס ט. עס איז דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענץ נישט געווען קלאָר (און עס איז איר נאָך עד היום נישט גענוג קלאָר), אַז דער „ריינער" מאַרקסיזם, ד. ה., דער מאַרקסיזם פון מאַרקס און ענגעלס, פירט אַ באַזונדער חשבון פאַר די „אידעאָלאָגיעס" פון איין זייט (מאָראַל, רעכט „און אַזוי ווייטער") און פאַר קונסט און וויסנשאַפט פון דער אַנדערער; אַז אויך בנוגע צו די אידעאָלאָגיעס איז זיין שטעלונג צו דער פ י ל א ז א פ י ע אַן אַנדערע איידער צו מאָראַל, פאָליטיק „און אַזוי ווייטער"...

ס'איז נישט דאָ, אין די „פאָר ווערטער", דאָס אָרט, טיפער אַריינצולאָזן זיך אין דעם ענין און צו דערקלערן די גרויסע נפקא מינה, וועלכע דער מאַרקסיזם געפינט אויס צווישן וויסנשאַפט און קונסט פון איין זייט און די „אידעאָלאָגיעס" פון דער אַנדערער זייט, דאָ איז פאַר אונזער צוועק גענוג צו דערמאָנען, אַז די „אידעאָלאָגעיס" וועלן, לויט מאַרקסן, פ אַ ר ש וו י נ ד ן, בעת די קונסט און וויסנשאפט וועלן בלייבן אַזוי אייביק, ווי אייביק עס וועט זיין די מענטשלעכע געזעלשאַפט; אַז מאַרקסן און ענגעלסן האָט זיך קיינמאָל אפילו אין שלאָף נישט געחלומט, אַז דער פראָלעטאריאט קאָן, בעת ער איז נאָך אַ פראָלעטאריאט, אַרויסברענגען פון זיך אליין אַן אייגענע „פראָלעטארישע" וויסנשאַפט און אַן אייגענע „פראָלעטארישע" קונסט אויף דעמזעלביקן אופן, ווי ער ברענגט ארויס „פון זיך אליין" זיין אייגענע שטעלונג צו מאָראַל, רעליגיע, פאַמיליען־לעבן „און אַזוי ווייטער"; אַז בעת די בורזשואַזע אידעאָלאָגיעס זענען אַרויסגעוואַקסן „פון דעם שויס פון דער בורזשואַזיע", זענען די מאָדערנע וויסנשאַפט (דער דאַרוויניזם!), טעכניק און קונסט איר „אַריינגעפאַלן אין שויס אַריין", ווי ענגעלס דריקט זיך אויס.

וויפל קאָפּ־מאַטערניש וואָלט דאָס פאַרשפּאָרט דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענץ, וואָס האָט דווקא געוואָלט אויך די וויסנשאַפט און די קונסט אַרויספשטעלן פון דעם קלאַסנקאַמף, ווען זי וואָלט לכתחילה איינגעזען, אַז זייער וואָרצל ליגט גאָר־

נישט אין דעם קלאַסנקאַמף, נאָר ערגעץ-ווו אין אַן אַנדער פּלאַץ פון דער מאַרקסיסטישער סיסטעם!

איך ווייס נישט, צי איך דאַרף בפירוש באַטאָנען פאַר מיינע לייענער, אַז איך בין לגמרי נישט מסכים מיט קאַרל מאַרקס' מיינונגען וועגן דער „אידעאָלאָגיע" און „אידעאָלאָגן". פאַר מיר איז אָבער וויכטיק, די מאַרקסיסטן זאָלן איינזען, אַז זיי האָבן, לויט די פּרינציפּן פון זייער אייגענער תורה אין איר ריינער געשטאַלט, בשום אופן קיין רעכט נישט צונויפצוּוואַרפן אין איין טאָפּ דעם „אידעאָלאָג" מיט דעם וויסנשאַפטלעכן פאָרשער און דעם קינסטלער.

יענע אינטעליגענץ, וואָס באַשאַפט וויסנשאַפט און קונסט, איז אַן אייביקע נויטווענדיקע דערשיינונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַ „לאָגישע" און נישט קיין „היסטאָרישע" קאַטעגאָריע,*) און דערצו נאָך אַזאַ „קאַטעגאָריע", אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט *מוז*, על פּי דער „*ריין*"-מאַרקסיסטישער טעאָריע אַריינפאַלן... וויסנשאַפט און קונסט וועט דער פּראָלעטאַריאַט אָנהייבן אַליין צו שאַפן ערשט „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע", ד. ה., ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט שוין זיין — אויס „פּראָלעטאַריאַט"...

עס פאַרשטייט זיך, אַז די שאַנסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַרויסצוברענגען פון זיך אַליין וויסנשאַפטלעכע פאָרשער און קינסטלער אָדער לכל הפחות צו געניסן מיט אַ קלאָרער פאַרשטענדעניש די פּראָדוקטן פון דער העכערער מענטשלעכער קולטור מוזן וואַקסן אַלץ מער, וואָס מער מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער אַבסאָלוטער „פאַרעלענדונגס-טעאָריע", וואָס מער מיר גיבן צו, אַז די ארבעטערשאַפט קאָן נאָך פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אויפהויבן זיך אויף אַ העכער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מדרגה. אָבער מיט דעם וואַקסן פון אַזעלכע שאַנסן זע-

*) וועגן דעם אונטערשייד פון „לאָגיש" און „היסטאָריש" זע די אַרטיקלען: „היסטאָרישע אידייען-פאַרבינדונגען" אין דעם דריטן באַנד פון מיינע „געזאַמלטע שריפטן".

נען ענג פאַרבינדן אויך אַלע יענע בייזע אַפּיקורסותן, ווי דער פּאָליטישער קאַמף, די אָפּמאַכונגען מיט דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע, די צוציאונג פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ א. אַז. וו., אַנטקעגן וועלכע עס טרעט ארויס אזוי שטרענג דער מאָדערנער ריין„פּראָלעטארישער" סינדיקאַליזם.

ווי די מעשה איז, איז זיין גאַנצער איצטיקער קאַמף אַנטקעגן דער אינטעליגענץ א נאַאיווער קאַפּריז פון א פּאָר אינטעליגענטן, און נאָך נאַאיווער און קאָמישער קומט ער אויס ווען מען זעט, אַז ער, דער קאַמף, ווערט אָנגעפירט אונטער דער אויסגעשריי: „צוריק צום ריינעם מאַרקסיזם !" דאָרטן, אין דעם ריינעם מאַרקסיזם, איז געוויס קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר א וועלכן עס איז נתפעל ווערן פאַר דעם „עם־הארץ", און מעג דער „עם־הארץ" זיין דער „ברודער־אַרבעטער" בכבודו ובעצמו.

איך וואָלט געוואָלט, אַלע איצטיקע „ריין־פּראָלעטאַריער", וועלכע פאַלן אָן אויף דער אינטעליגענץ, דערמאָנען אָן יענער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן קאַרל מאַרקסן און דעם ריין־פּראָלעטאַרישן ווייטלינג נאָך אין די פערציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט. דער געניאַלער שניידער־יונג, וועמעס ווערק עס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ באַגייסטערונג אין קאַרל מארקס, איז אינגאַנצן מטושטש געוואָרן, ווען קאַרל מאַרקס האָט אים געגעבן שאַרף פאַרהערט אין דעם פונקט פון וויסנשאַפט. ער איז אינגאַנצן צעשלאָגן געוואָרן, ווען קאַרל מאַרקס האָט אים אַרויסגעזונגערט זיין גזר־דין, אַז פון „עם־הארצות" איז נאָך קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען.

וואָלטן די סינדיקאַליסטן דאָס תמיד געהאַט אין זין, וואָלט עס נישט געקאָנט קומען דערצו, אַז ז ש ו ל ג ע ד, דער פירער פון די פראַנצויזישע אָרטאָדאָקסן־מאַרקסיסטן, זאָל דאַרפן פאַרטיידיקן די אינטעליגענץ פון זייערע אָנפאַלן און האַלטן זיי א רעקציע וועגן... „דעם נוצן פון וויסנשאַפט"...

ביי אונז אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט „דער קאַמף פאַר עם־הארצות" אָנגענומען א ביסל אַן אַנדער געשטאַלט...

II

די ערשטע גרויסע און שטאַרקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אין איר אַרבעט און אין אירע צילן זיך גערעכנט מיט דעם יידישן כאַראַקטער פון אונזערע מאַסן, איז אָנגעפירט געוואָרן אונטער דער פאָן פון דעם „בונד“. דער „בונד“ איז, לויט זיין טאַקטיק, אַלעמאָל געווען דורך־און־דורך סאָציאַל־דעמאָקראַטיש און מאַרקסיסטיש. מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז דאָס אַריינדרינגען פון דעם מאַרקסיסטישן געדאַנק אין אַזאַ נייער ספערע, ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וועט אַרויסרופן נייע אינטעליגענטע באַשאַפונגס־כּוחות, וואָס וועלן זען טעאָרעטיש צונויפצושטימען די ספּעציעלע נויטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג מיט דעם גרונט־טאָן פון דער מאַרקסיסטישער סיסטעם. די פאָדערונג פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, טיף אויסצושטודירן, עקאָנאָמיש און היסטאָריש, יענעם טייל לעבן, אויף וועלכן מען וויל איינווירקן, האָט באַדאַרפט קודם־כּל אַרויסרופן ביי דער בונדישער אינטעליגענץ אַ וואַרעמען אינטערעס צו דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, צו דעם עקאָנאָמישן מעמד פון אַלע זיינע שיכטן בכלל און דער יידישער אַרבעטער־שאַפט בפרט. אַ י י ד י ש ע וויסנשאַפט מיט אַ יידישער אינטעליגענץ, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט איר אויספאָרשן, וואָלט באַדאַרפט זיין דער רעזולטאַט פון דעם יידישן סאָציאַליזם.

דער אייגנאַרטיקער געשיכטלעכער גורל פון דעם גאַנצן פאָלק, די אייגנאַרטיקע קולטורעלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון זיינע טיילן, איז פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט אַזאַ אינטערעסאַנטע פּראָבלעם, אַז ער וואָלט געקאָנט געבן שפּייז פאַר יידישע מוחות אויף יאָרן און יאָרן לאַנג. און אַזוי ווי דער מאַרקסיזם, אַפילו אין זיין ריין־טעאָרעטישער אויסטייטשונג, באַקומט אין יעדן לאַנד און ביי יעדן פאָלק אַ נייע אינטערעסאַנטע באַאַרבעטונג, וואָלט מען געקאָנט האָפן, אַז די טעאָרעטישע אַר־

בעטן פון דער בונדישער אינטעליגענץ וועלן פון זייער זייט צוטראָגן נישט ווייניק אָריגינעלע געדאַנקען צו דעם אַלץ־וואַקסנדיקן בנין פון דעם אַלוועלטלעכן מאַרקסיזם.

ליידער איז קיין איין־איינציקע פון די אַלע מעגלעכקייטן נישט מקוים געוואָרן.

דער „בונד", ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, האָט איבערהויפּט נישט געהאַט קיין טעאָרעטישע קאָרשער. די פּאָר מאָגערע זעלבשטענדיקע אויספירונגען וועגן דער יידישער עקאָנאָמישער לאַגע האַלטן זייער ווייניק אויס די פּראָבע פון וויסנשאַפטלעכער קריטיק און זענען אויך נישט אַרויסגערופן געוואָרן פון יענער נאַטירלעכער באַדערפעניש, וואָס באַשאַפט בײַ אַלע פעלקער אַ סאָציאַליסטישע וויסנשאַפט: פון דער נויט טעאָרעטיש צו באַהערשן די ווירקלעכקייט, איידער מען נעמט זיך אונטער פּאַרטיק צו ווערן מיט איר אין דער פּראַקטיק.

דער „בונדיסט" האָט טעאָרעטיזירט און וויסנשאַפטלעך געפּאָרשט אונטער דער בײַטש פון דער פּאָלעמיק, וואָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די „איסקראַ" האָבן געפירט אַנטקעגן אים; כּל זמן ער האָט נאָכנישט געהאַט קיין טעאָרעטישע קעגנער אויף דער יידישער גאַס, כּל זמן ער איז באמת געווען דער בן־יחיד בײַ דעם יידישן סאָציאַליזם, זענען אים איבערהויפּט די טעאָריעס אין זינען נישט געלעגן. אַפילו די נאַציאָנאַלע טעאָריעס פון דעם „בונד", די אויסאַרבעטונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן „הכשר" פאַר אַ זעלבשטענדיקער יידישער באַוועגונג איז פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק אויסגעפירט געוואָרן, איידער דער „בונד" האָט דערבליקט די שיין פון דעם עפנטלעכן לעבן. פאַר אים איז אין דעם פּונקט פּשוט געבליבן צו שטופּן אָפּגעשיילטע איינצלעך אין מויל אַרײַן. ער פלעגט דאָס תּמיד טאָן מיט גרויס התמדה, אָבער אין דערזעלביקער צײַט — פלעגט ער תּמיד וואַרפן אומרואיקע בליקן אויף דעם מאַרקסיסטישן אב בית־דין, — פּלעכאַנאָוו און קאַוטסקי, — ציטערנדיק, טאָמער כאַפּט ער אַרײַן אַ ביסן, וואָס איז טריף לכּל הדעות. זיין נישט גאָר ריינער געוויסן

אין הלכות נאַציאָנאַליזם האָט אים דערפאַר געטריבן צו זיין פון די „מהדרין מן המהדרין“ אין אַלע אַנדערע אָרטאָדאָקס-מאַרקסיסטישע דינים, מצוות און עבירות.

די קלאָגלעכע אָרעמקייט פון דעם טעאָרעטישן שאפן ביי דעם „בונד“, וואָס שטעלט אוועק דעם יידישן מארקסיזם אויף דער נידעריקסטער שטופע צווישן אַלע מארקסיסטישע פארטייען פון דער וועלט, — נידעריקער אפילו, איידער די בולגארישע, — אָט די פינסטערע עם-הארצות, וואָס איז אויסגעפאלן אויף דעם גורל פון דעם יידישן סאָציאַליזם אין זיין סאָציאַל-דעמאָקראטישער געשטאלט, איז, פאַרשטייט זיך, א פראָדוקט פון דעם גאנצן געשיכטלעכן גורל פון דעם יידישן פאָלק, — א פראָדוקט פון יענער פעריאָד אין אונזער געשיכטלעכן לעבן, וואָס רופט זיך אָן די אַסימילאטאָרישע, וואָס האלט איצטער אין פארשווינדן, אָבער וואָס לאָזט זיך נאָך שפירן אין לעבן אויף יעדן שריט און טריט.

כדי ביי א פאָלק זאָל באשאפן ווערן אן ערנסטע סאָציאַליסטישע וויסנשאפט, וואָס זאָל אין דעם באַארבעטן מאטעריאַל פון דעם אייגענעם פאָלקס-לעבן, אין זיין געשיכטע און זיין קולטור, מאכן אָפּשפיגלען אויף אַ אָריגינעלן אופן דעם סאָציאַליסטישן געדאנק, מוז א געוויסער טייל פון דער פאָלקס אינטעליגענץ צוגעצויגן ווערן צו דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. דער טייל מוז זיין אזוי גרויס, אז אין אים זאָלן זיך קאָנען געפינען זעלבשטענדיקע דענקער און פאָרשער דערצו איז אָבער נויטיק קודם כל, אז די גאנצע אינטעליגענץ, די סאָציאַליסטישע ווי די נישט סאָציאַליסטישע, זאָל געהערן אָט צו דעם פאָלק, א רגע נישט אין ספק זיין, אז זי איז א טייל פון אים, א טייל, אויף וועלכן עס איז היסטאָריש אויסגעפאלן דאָס גליק צו זיין דער באשאפער און דער פארשפרייטער פון קולטור פאר דעם באַשטימטן נאציאָנאלן צווייג פון דעם אלגעמיינעם מענטשלעכן בוים.

מוסטערט דורך אַלע קאַטאַלאָגן פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט; שטעלט זיך, פון מיינעטוועגן אָפּ מער נישט ווי אויף דעם מאַרקסיסטישן פליגל. וואָס פאַראַרייכקייט פון טעמען און מאָטיוון צו שעפערישער אַרבעט איר

געפינט דאָרט ! און זעט, וואָס פאַר אַן אומגעהייערע ראָלע עס שפּילט אין יענע ליטעראַטורן די געשיכטע און די לאַגע פון דעם אייגענעם פאָלק ; אַלגעמיין־טעאָרעטישע ווערק, וואָס ווערן איבערגעזעצט אין אַלע שפּראַכן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, זענען לפי ערך זייער ווייניק, און אויך זיי טראָגן אויף זיך דעם קלאָרן שטעמפּל פון זייער פאָלק און זייער לאַנד, פאַר וועמען און ווו זיי זענען באַשאַפן געוואָרן, די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ לעבט אַ טיף לעבן, אַ פאַרבונדיין לעבן, ווייל שפּע און פאַרבנרייכטום באַקומט זי פון דעם פאָלק, צו וועלכן זי געהערט, וועמעס לעבנס־פּולס עס שלאָגט אויך אין אירע אָדערן.

איצטער שטעלט אייך פאָר, אַז די אינטעליגענץ פון אַ וועלכן עס איז פאָלק ווערט אינגאַנצן פאַרסמט מיט יענעם אַסימילאַציע־געדאַנק, וואָס זאָגט, אַז איר פאָלק איז איבערהויפּט נישט קיין פאָלק, אָדער אַז עס מוז און זאָל נישט היינט־מאָרגן פאַרשווינדן ; אַז זי, די אינטעליגענץ, געהער שוין אוודאי נישט צו אים ; אַז זי געהער צו יענע פעלקער, וועמעס קולטור זי האָט איינגעזויגן אין זיך. וויפל שאַנסן זענען אין אַזאַ לאַגע פאַראַן, אַז אַ טייל פון איר זאָל זיך פרייוויליק אָדער געצוווּנגענערהייט צוריקקערן צום פאָלק ? וויפל שאַנסן זענען פאַראַן, אַז דער טייל זאָל האָבן אין זיך אַ שטאַרקן סאָציאַליסטישן עלעמענט ? וויפל שאַנסן בלייבן, אַז אָט דער סאָציאַליסטישער עלעמענט זאָל האָבן אין זיך אַ וועלכן עס איז פּראָצענט פון זעלבשטענדיק־דענקנדיקע און שאַפנדיקע גייסטער ? מוז נישט יעדער איינער פון דער אינטעליגענץ, וועמעס גייסט עס האָט אַריבערגעוואַקסן די מיטלמעסיקייט, לכתחילה גאָרנישט האָבן קיין שאַנסן אָוועקצוגיין פון יענער פרעמד, וואָס האָט אים געצויגן צו זיך ? אויף וואָס פאַר אַ מדרגה פון זעלבשטענדיקן שאַפן דאַרפן זיך געפינען יענע, וואָס זענען געבליבן אינדערהיים, אָדער צוריקגעשטויסן געוואָרן פון דער פרעמד ? און אויף וואָס פאַר אַ שפּע, אויף וואָס פאַר אַ געדאַנקען־רייכטום קאָן מען פון זיי האָפן ?

גיט נאָך צו צו דעם חשבון דעם פאַקט, אַז אַפילו אָט דאָס ביסעלע גייסטיקע אָרעמקייט, וואָס מוז אויספאַלן אויף דעם

גורל פון דעם יידישן סאָציאַליזם, אַז אָט די „דריטהאַלבן״ אינטעליגענטן, וואָס האָבן גענומען באַאַרבעטן דאָס פעלד פון דעם יידישן סאָציאַליזם, האָבן אַ דאַנק זייער קליינינקן האָריזאָנט, זיך אויך געמוזט שטעלן קליינינקע, פּיגמייען-אַרטיקע אויפגאַבן.

זיי האָבן אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט נישט געקאָנט קוקן, ווי עס קוקט די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ פון אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק אויף איר אייגענעם פּראָלעטאַריאַט. פאַר דער „יידיש-שפּרעכנדיקער״ סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ זענען די יידישע אַרבעטער-מאַסן געווען נישט יענער עלעמענט, וואָס דאַרף אויפהויבן אויף זיינע אַקסלען דעם גאַנצן פּראָגרעס פון דעם גאַנצן פאָלק, אין אַלע זיינע טיפע און פאַרצווייגטע פּראָבלעמען און עס אומגעשטאַלטן לויט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. פאַר זיי, פאַר די „יידיש-שפּרעכנדיקע״, זענען די אַרבעטער-מאַסן געווען רעקרוטן פאַר אַ פרעמדער סאָציאַליסטישער אַרמיי, — רעקרוטן, וועלכע דער יידישער „דיאַדקע״ דאַרף „אויסמושטירן״ נאָר אויף אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן קאָנען דעם אלף-בית פון דער סאָציאַליסטישער „סלאָוועסנאָסט״, און זיין באַהאַוונט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן „רעכטס-לינקס! רעכטס-לינקס!״

האָט מען דערגרייכט די מדרגה, איז דעמאָלט — מאַרש צו דעם שטים-קאַסטן אָדער צו דער באַריקאַדע! מאַרש אין די קאַזאַרמעס פון יענעם „רעגימענט״, צו וועלכן מען האָט זיי לכתחילה „אָפּגעגעבן אין סאָציאַליסטן״.

קאָן דאָס זיין אַ הדוש, וואָס דער יידישער סאָציאַליזם איז אַזוי רייך אין — עם-הארצות? אדרבא! דער חדוש איז, וואָס ער האָט אונטער אַזעלכע באַדינגונגען פאָרט באַשאַפן אַ מער אָדער ווייניקער אינטעליגענטע און קולטורעלע אַטמאָספער.

אָבער ווי די מעשה איז, איינס איז קלאָר אויף זיכער: אַז דער אַסימילאַציע-געדאַנק האָט געמוזט, ווי אַן אַנגעגליטער ויסטן-ווינט, אויסטריקענען אַלע לעבעדיקע זאַפטן און איבערלאָזן נאָך זיך די וויסטעניש פון עם-הארצות. אָבער אויך דאָס דאַרף אונז נישט וווּנדערן, וואָס די עם-הארצות ווערט פון אַ טריוויאַליקן פאַקט אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון אַ טאַקטישן פּרינציפּ:

עם־הארצות צוליב עם־הארצות. די יידישע אַרבעטערשאַפט טאָר נישט שטרעבן צו אַן אייגן, רייך־זעלבשטענדיק יידיש קולטורעל לעבן, וואָס זאָל אַרויסברענגען אַן אייגענע יידישע שטאַרקע אינטעליגענץ, ווייל ווי נאָר דער אַרבעטער וואַקסט אַריבער דעם עם־הארצישן מעמד, טאָר ער זיך שוין נישט רעכענען פאַר קיין יידן, דאַרף ער שוין צושטיין צו דער קולטור פון די אומות העולם.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אָט די פרינציפּיעלע עם־הארצות האָט געמוזט מיט קרומע בליקן פון חשד און ווידערווילן קוקן אויף יעדן איינעם, — סיי אינטעליגענט, סיי אַרבעטער, — וועמען עס האָט געשטיקט דער ענגער „רעכטס־לינקס! רעכטס־לינקס!“ פון דער אָפיציעלער אויפקלערונג, און וועמען עס האָט געשלאָגן צו דער נשמה פון דער מאָגערער, שימל־שמעקנדיקער זופּ, וואָס מען פלעגט אים געבן פון דעם אַלגעמיינעם קאַזאַרמע־קעסל.

די בונדיסטישע טעאָריעס האָבן זיך וויינִיק, אפשר גאָרנישט באַשעפטיקט מיט דער פּראָבלעם פון דער אינטעליגענץ און די אינטעליגענטע באַדערפעגישן פון די אַרבעטער־מאַסן. די בונדיסטישע אינטעליגענץ האָט מסתמא איבערהויפּט נישט געהאַט קיין העלכע עס איז מיינונג וועגן דעם, און אויב זי האָט יאָ געהאַט, איז דאָס געווען אַ פּאַרטיק־אַריבערגענומענע פון דעם טעאָרעטישן „צייג־הויז“, צו וועלכן דער בונד איז געווען צוגעשריבן: אָט ווי פלעכאַנאָוו דענקט וועגן דעם, ווי אַלע אַנדערע גוטע און פרומע מאַרקסיסטן דענקען וועגן דעם, אַזוי אויך דענקט דער „בונד“. דערפאַר אָבער איז דער שטאַנדפּונקט פון פּרינציפּיעלער עם־הארצות קלאָר און בולט אויסגעטרעטן אין דער בונדיסטישער פּראַקטיק.

דער „בונד“ האָט, ווי יעדע אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונג, זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן אינטעליגענטן, — אָבער גאָט! וואָס פאַראַ פינסטערע מערכה די אינטעליגענץ האָט ביי אים געהאַט, צו וואָס פאַראַ טיפער טראַגיק ער האָט געבראַכט איר לעבן! עס האָט אויסגעוויזן, אַקוראַט ווי דער „בונד“ וואָלט בנוגע צו דער אינטעליגענץ געוואָלט פאַרווירקלעכן יענעם רעצעפּט, וועלכן פּרצעס פריידע די האַלאָדריגכע האָט אויסגעאַרבעט פאַר דער יידישער

פרוי, ווי זי זאָל זיך באַגיין מיט איר מאַן: „וואָס אים קומט על פּי דין", האָט זי געטענהט, „וואַרפט אים, ווי אַ הונט אַ ביין, און דערנאָך — נאָר געפּלוכט!"

איך חייס נישט, וואָס די בונדיסטישע מאַסן האָבן צוגעוואָרפן דעם אינטעליגענט, ווי אַ הונט אַ ביין, וואָס זיי האָבן גערעכנט, אַז דאָס קומט אים פאַרט „על פּי דין", אָבער געפּלוכט האָבן זיי, חוזק געמאַכט האָבן זיי. דאָס לעבן פאַרביטערט האָבן זיי, ווי ביי קיין אַר־בעטער־פּאַרטיי אין דער וועלט, צו קיין צייט אין דער וועלט.

די בונדיסטישע קרייזן האָבן אַרויסגעבראַכט דעם שאַנד־און שפּאָט־נאָמען: „היינטעליגענט!" אויף די, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דער אַרבעט צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. און אונטער וואָס פאַראַ שרעקלעכער קאָנטראָל דער געוויינלעכער „היינטעליגענט" איז געשטאַנען! מיט וואָס פאַראַ קאַזאַרמעדיקער פּינקטלעכקייט מען פלעגט אָפּמעסטן פאַר אים יענע „פּאָרציע" פון אַלגעמיין־מענטשלעכער בילדונג, וועלכע דער „היינטעליגענט" האָט געמאָגט אַריינגעמען אין זיך...

מיר איז באַקאַנט אַ פאַל, ווו די „אָרגאַניזאַציע" איז געוועזן שטאַרק אומצופרידן מיט איר פּראָפּאַגאַנדיסט, ווייל ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט פּסיכאָלאָגיע, און מיר איז באַקאַנט נאָך אַן אומגלויבלעכער פאַל, ווו אַ פּאָר אַרבעטער זענען אַריינגעגאַנגען צו זייער „אינטעליגענט" און האָבן אים געגומען, גלאַט מיר־נישט, דיר־נישט, שלאָגן מכּות רצח... און דער אינטעליגענט? „ער איז געזעסן און געוויינט מיט ביטערע טרערן", — אַזוי האָט דערציילט איינער פון די אַרבעטער, וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן אויסגעלאָזן זייער ביטערן האַס צו דער „היינטעליגענץ"...

שטענדיק, ווען איך דערמאָן מיך אָן דעם פאַקט, גייט דורך אַ שוידער איבערן לייב... איך גיב צו, אַז דער פאַקט איז, אין דער גאַנצער לעבנס־געשיכטע פון דעם „בונד", אפשר געווען דער איין־אייציקער פון זיין אַרט. אָבער אַפילו אַזוי, איז ער אויך אַ גענוג קלאָרער צייכן, צו וואָס פאַראַ מדרגה עס איז ביי דעם יידישן אַרבעטער אַנגעוואַקסן דער חשד און די שנאה צו זיינע אינטעליגענטע לערער און פירער.

ט'איז אמת, אַז אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אינטעליגענץ האָט זיך אויסגעדריקט די איבערגעהיצטע פּראָלעטאַרישקייט, דעם אַרבעטערס קלאַסן־שטאָלץ, וואָס איז מבטל בּקליפּת השום אַלץ, וואָס איז נישט ער און וואָס האָט די העזה צו קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ — און לאָז דאָס זיין אַפילו מר בר רב אשי אַליין!

פון דער אַנדערער זייט איז אויך דאָס אמת, אַז אָט די איבערגעהיצטע פּראָלעטאַרישקייט האָט אַריינגעטראָגן אין די אַר־בעטער־מאַסן נישט קיין אַנדערער, ווי די מאַרקסיסטישע אינטע־ליגענץ אַליין. דער אינטעליגענט, דער נישט־אַרבעטער, דער חוזר בתשובה פאַר זיין נישט פּראָלעטאַרישער עקזיסטענץ, האָט אפשר אַליין געבענקט נאָך יענע גייסטיקע און פיזישע „מלקות", וועלכע די אַרבעטערשאַפט האָט אים מיט גרויס התמדה אויסגעצײלט „אחת ואחת".

אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז געווען און איז נאָך עד היום זייער שווער אויסצוגעפינען דעם גרענעץ, ווו עס ענדיקט זיך די חוזר־בתשובה־שטימונג, דער „יסורים־של־אהבה"־דאָרשט, און ווו עס הויבט זיך אָן די איינפאַכע געמיינע דעמאַגאָגיע, וואָס חנפהט זיך אונטער צו דעם „ברודער־אַרבייטאָרער" און קיצלט אין אים די געפערלעכע ליידנשאַפט, דעם געפיל פון ווייסטער גאוה, דעם ליידיקן „אתה־בחרתנו"־באַוווסטזיין, וואָס בלאָזט פאַנאַנדער די אייגענע אָרעמקייט ביז צו דער מדרגה פון אַ שיר געטלעכער וויכטיקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

דער „ברודער־אַרבעטער" איז שיר נישט געוואָרן אַ גאָט אין די אויגן פון דעם סאָציאַליסט, און דעם דעמאַגאָג איז נישט געווען שווער צו פאַלן אין שטויב פאַר דער נייער גאָטהייט און רויכערן קטורת פאַר איר, וואָס זאָלן זיין „אַ ריח־ניחוח אין אירע נעזלעכער". אַלץ האָט מען מקריב געווען אויף דעם מזבח פון דער נייער גאָטהייט און מען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר דאָס ווירקלעך העכסטע אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט: קולטור, ווייסנשאַפט, בילדונג.

דאָס מערקווירדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע אין דעם גאַנצן

ענין איז דער פאַקט, וואָס דער קאַמף אַנטקעגן דער אינטע־ליגענץ און דער טיפערער בילדונג איז אַ פּראָדוקט פון דער אינטעליגענץ און איז נ י ש ט אַרויסגעוואַקסן פון דער אַרבעטער־שאַפט גופא.

אדרבה, די בעסערע שיכטן פון די אַרבעטער האָבן תמיד געקוקט אויף זייער לאַגע מיט מער ניכטערע אויגן איידער דאָס האָט געטאָן די אינטעליגענץ; פאַר זיי איז די „פּראָלעטאַריש־קייט״, די אורזאַך פון סאָציאַלער אָרעמקייט און קולטורעלער פינסטערקייט, קיינמאָל נישט געווען קיין „שיינדל״, נאָר אַ צרה, פון וועלכער מען מוז זען וואָס גיכער פטור צו ווערן. און זיי זענען געווען גערעכט. אין דעם פּראָלעטאַרישן פעסימיזם פון די אַרבעטער און נישט אין דער יום־טובדיקער פּראָלעטאַרישקייט פון דעם אינטעליגענט דריקט זיך באמת אויס יענער אינעווייניקסטער פאַרבאָרגענער קלאַסן־זין, אין וועלכן עס באַשטייט די היסטאָרישע מיסיע פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט: דאָס אָפּשאַפן פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אַזוי, אַז אין דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן זאָל קיין זכר נישט בלייבן פון דער גאַנצער פּראָ־לעטאַרישקייט.

דעם באמת ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש־דענקנדיקן אַרבעטער איז קיינמאָל אין זין נישט אַרויף צו קעמפן אַנטקעגן קולטור און בילדונג, ד. ה. אין לעצטער ליניע אַנטקעגן אינטעליגענץ. אומגע־טום, ווו עס איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט, האָט זיך דער אַרבעטער געריסן צו בילדונג און אויפקלערונג, און דער בעס־טער באַווייז דערצו איז דעם לעבן פון דעם „בונד״ זענען גע־ווען די שטענדיקע אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונגען, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו באַאומרואיקן די אָפיציעלע בונדיסטישע עקזיסטענץ. כמעט אַלע אַזעלכע אָפּאָזיציעס זענען אַרויסגעוואַקסן פון דעם דראַנג פון די יידישע מאַסן צו מער בילדונג און ליכט. און אַזוי ווי די יידישע ליטעראַטור איז געווען צו אָרעם, די זאָל קאָנען באַפרידיקן זייער הונגער נאָך וויסנשאַפט, האָבן דאָס רוב „אָפּאָזיציעס״ געמוזט אַרויסטרעטן מיט אַן אַסימילאַטאָרישער טענדענץ — איבערגיין אינגאַנצן צו דער ר ו ס י ש ע ר באַוועג־

גונג, — צו דער „איסקרא" אָדער צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, — ווו זיי האָבן געהאַפט צו געפינען און האָבן ווירקלעך געפונען אַ רייכערע קולטורעלע אַטמאָספער.

עס קאָן זיין, אַז גראָד די שטענדיקע אָפּאָזיציעס האָבן געצווונגען די אָפיציעלע פירער פונם „בונד" פאָרט מער צוצוהערן זיך צו דער שטים פון דער נאַציאָנאַל־געזאָנענער מינאָריטעט זיינער, וואָס האָט אַלעמאָל פאַרלאַנגט אַ שטאַרקערע קולטורעלע טעטיקייט, לאָז זיין נאָר אין דער פאָרם פון בעסערע און ערנסטערע ביכער אין יידיש: דער „בונד" האָט איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן איינציקע בעסערע ווערק פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, וואָס נאָר די אַנטוויקלטערע עלעמענטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט האָבן געקאָנט לייענען און פאַרשטיין; צווישן די ווערק — אויך דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון מאַרקס און ענגעלס.

וואַרפט מען אָבער אַראָפּ פון חשבון די פּאָר אויסנאַמען אין דעם „בונדס" טעטיקייט, ווו ער האָט זיך כלומרשט גערעכנט מיט די באַדערפעניש פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, בלייבט איבער אַ בילד, וואָס ווייזט אַרויס זייער וויניק פריינטלעכקייט צו דער אינטעליגענץ, צו איר זעלבשטענדיקן שאַפן און אַנטוויקלען זיך. וואָלט מען אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען איינגעטיילט אין אינטעליגענץ־פריינטלעכע און אין אינטעליגענץ־פיינטלעכע וואָלט מען דעם „בונד" גאַנץ באַשטימט באַדאַרפט צורעכענען צו די לעצטערע און אַוועקשטעלן אים אין דעם פרט אין איין ליניע מיט די סינדיקאַליסטן. מיט זיין גאַנצן „נאַציאָנאַליזם", מיט זיין גאַנצער אמתער איבערגעגעבנהייט צו די אינטערעסן פון דעם י י ד י ש ן פראָלעטאַריאַט אין גלות, האָט דער „בונד" פאָרט נישט איינגעזען, ווי אוממעגלעך עס איז פאַר דער י י ד י ש ע ר אַרבעטערשאַפט אָנצונעמען אַזאַ שטאַנדפונקט בנוגע צו דער יידישער אינטעליגענץ.

ווען דער כהן־גדול פון דער סינדיקאַליסטישער טעאָריע, דזאָ־ג אַ ר ד ע ל, שיט אָן אויפהער ברענענדיקע קוילן אויף די קעפ פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ; ווען דער מי־שהיה

מאַקסימאַליסט, לאָזינסקי, מאַכט פון זיי אינגאַנצן אַ תל און באַשולדיקט זיי אין אַלע אומגליקן, וועלכע ער דערבליקט אין דער סאָציאַליסטישער טעאָריע און פּראַקטיק; אַפילו ווען מאַכאַיעווי גורט אָן זיינע לעבדן און טרומייטערט צונויף די אַרבעטער צו אַ הייליקן קריג אַלץ טאַקע אַנטקעגן דערדאָזיקער אינטעליגענץ,— קאָן זיך דאָס בשום אופן נישט אָפּרופן אויף דעם קולטור־צושטאַנד און דעם וויסנסגראַד פון די אַרבעטער־מאַסן.

די שפּייכלערס פון דעם מאָדערנעם וויסן אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן זענען אַזוי רייך, אַזוי אָנגעלאָדן מיט „כל טוב״, אַז דער אַרבעטער, וואָס האָט נאָר אַ ביסל חשק צו גייסטיקער אַרבעט, וואָלט זיך אַליין געקאָנט דערשלאָגן צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכער בילדונג, אַפילו ווען דער גאַנצער פּראָצעס פון באַשאַפן נייע קולטור־אוצרות וואָלט מיט געוואַלט און לגמרי אָפּגעשטעלט געוואָרן ביז „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע״.

קיינער פאַרווערט נישט דעם אַרבעטער דורך אייגענעם שטודירן אַריינצונעמען אין זיך די גאַנצע רייכע קולטור פון זיין פאָלק און אַליין צו ווערן אַן אינטעליגענט; ביבליאָטעקן, מוזייען, פאָלקס־פאָרלעזונגען זענען אָפן פאַר אַלעמען, און ציים געפינט יעדער, וואָס שפּירט אין זיך דעם ווילן צו אַ העכערן זיין. דורך אייגענער קראַפט און אָנשטרענגונג זענען די אַרבעטער פיער לערו, פּרודאָן, מאַלאָן, אויגוסט בעבעל, האַזענקלעווער, יאָהאַן מאָסט און נאָך אַנדערע געוואָרן דאָס, וואָס זיי זענען געוואָרן: מענטשן, וואָס שטייען אויף דער בילדונגס־הויך פון זייער צייט און באַרייכערן, ווי פּרודאָן, דעם קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט.

אויב די אייראָפּעאישע אַרבעטערשאַפט האָט נישט אַרויסגעבראַכט פון זיך קיין גרעסערע צאָל זעלבשטענדיקע דענקער און פאָרשער, זענען צו אַ געוויסן טייל שולדיק אין דעם די אייראָפּעאישע אַרבעטער גופא. אַ סך פון די, וואָס האָבן געקאָנט גיין דעמזעלביקן וועג פון לערו און פּרודאָן האָבן נישט געוואָלט גיין אין דעם וועג און האָבן בעסער דערטרונ־

קען זייער נישט־געווײנלעכע גייסטיקע ענערגיע אין שכרות און זנות. ווענן די מאַסן פון די אייראָפּעאישע אַרבעטער איז דאָך שוין אינגאַנצן אָפּגערעדט. זייער וו י ל ן צו אַ העכערן קולטורעלן גייסטיקן לעבן האָט ליידער לעת־עתה זייער אַ קנאַפּן אימפּעט.

אין אַ גאַנץ אַנדערער לאַגע געפינט זיך די יידישע אַרבעטערשאַפט.

אויב עס איז דאָ ווו עס איז אין דער וועלט אַן אַרבעטערקלאַס, וואָס ו ו י ל זיך אויפהויבן צו אַ העכערער גייסטיקער וועלט, אויף וועמען דער יצר־הרע פון שכרות און זנות האָט אַזאַ מינימאַלע ווירקונג; וואָס לעכצט און גייט אויס פמעט אין בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט נאָך אַ וואַסער — עס איז שטראַל פון אויפקלערונג; וואָס האָט אין זיך די שטאַרקע ענערגיע, דעם לאַנג־אָנהאַלטנדיקן אימפּעט אַרויסצורייסן זיך פון זיין פינסטערער עם־הארצות, און וואָס איז ליידער פאַראינדערט דאָס דורכצופירן, — איז דאָס געוויס די יידישע אַרבעטערשאַפט.

מיט אייגענע כוחות קאָן זי זיך נישט אַרויסרייסן פון דער עם־הארצות, און די אינטעליגענץ העלפט איר נישט אין דעם; זי קאָן דאָס נישט, ווייל די שפּייכלערס פון דער יידישער קולטור זענען ליידיק און וויסט; ווייל עס איז נאָך נישטאָ צוליב וואָס צו בויען שפּייכלערס; ווייל די יידישע אינטעליגענץ, אין וועלכער מיר נויטיקן זיך ווי אַן אויסגעטריקנטע פעלד נויטיקט זיך אין אַ רעגן, איז — אָדער זי טראָגט זיך אַרום ווי וואָלקנס איבערן בלויען ים, וואָס גיסן זיך סוף־כל־סוף אויס אין אַ פרעמדן ים, אָדער זי פאַרסמט דעם בילדונגס־דאָרשט פון די מאַסן דורך איר פּרינציפּיעלער עם־הארצות, דורך דער אַסימילאַטאָרישער גזירה, אַז אין י י ד י ש האָט די אַרבעטערשאַפט אַ רעכט צו געניסן נאָר די פאַרוואַסערטע פּאָפּולאַריזציעס; אַז קוים האָט דער יידישער מענטש דעם כוח און דעם ווילן אַריינצודרינגען טיפער אין דער גייסטיקער אַרבעט פון דער מענטשהייט, אַזוי דאַרף ער שוין פאַרלאָזן זיין אייגענע יידישע אַטמאָספער און צושטיין צו אַ פרעמדער קולטור.

דעם „בונדס״ קולטורעלע אַרבעט פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון פיינטשאַפט צו דער אינטעליגענץ, מיט דעם גייסט פון עם-הארצות אויס פּרינציפּ. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס ער האָט אַזוי אָפן געשילדערט אַנטקעגן דער אַסימילאַציע. אין תוך אַריין האָט ער זיך קיינמאָל נישט איינגאַנצן באַפרייט פון איר. ער האָט דער אַסימילאַציע געגעבן נאָר אַ „גט אויף אַ תנאי״: באַם דאָס יידישע פאָלק וועט דורך אייגענע כוחות אויסאַרבעטן אַן אייגענע יידישע קולטור, ביז דעמאָלט. ב א י ן ב ר י ר ה: זיי געזונט געליבטע אַסימילאַציע! אָבער פונדעסטוועגן פאַל נישט אַריין אין אַ מרה-שחורה! עס קאָן נאָך זיין, אַז דער „נאַטירלעכער אַנטוויקלונגס-גאַנג״ וועט אויף אונז החמנות האָבן, און מיר וועלן נאָך ווידער ליגן אין דיינע זיסע אָרעמס...

מען שרייבט איצטער פון רוסלאַנד, אַז דער ווידער-דערוואַכנדיקער „בונד״ האָט פאַרביטן דעם תנאי-גט אויף אַן אייביקן שיידונגס-בריוו, אָדער ער קלייבט זיך דאָס צו טאָן אינגיכן. אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען. איינס איז אָבער זיכער, אַז דער אייביקער גט מיט דער אַסימילאַציע וועט איינגאַנצן מוזן איבערבייטן דעם „בונדס״ טאַקטיק אין דער אונז-אינטערעסירנדיקער פראַגע.

דער שטאַנדפונקט פון פּרינציפּיעלער עם-הארצות, דער קאַמף אַנטקעגן אַ זעלבשטענדיקער יידיש-סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ האָט אָבער ערגעץ נישט געהערשט אַזוי פאַרעקשנט, ווי אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע.

דער אָנהויב פון דעם יידישן סאָציאַליזם אין ענגלאַנד און אַמעריקע פאַלט צונויף מיט דעם אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט. ווען מאָריס ווינטשעווסקי האָט צום ערשטן מאָל גענומען אין לאָנדאָן אַרויסגעבן „דאָס פּוילישע אידעל״, ליידער בין איך נישט באַקאַנט מיט דעם כאַראַקטער

פֿון דערדאָזיקער ערשטער יידיש־סאָציאַליסטישער צייטשריפֿט. איך זאָג ווייס איך נאָר, אַז אין ערשטן אַרטיקל פֿון דעם ערשטן נומער האָט דער רעדאַקטאָר זייער וואַרעם גערעדט וועגן יידיש און זיין רעכט צו ווערן אַ ליטעראַטור־שפּראַך.

אָבער — ווי ווייט איז געגאַנגען דאָס יידישקייט פֿונעם „פּוילישן אידעל״? איז שוין דעמאָלט „דעם זיידנס״ געווען קלאָר, אַז דער יידישער סאָציאַליזם דאַרף, ווי דער סאָציאַליזם פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער, זיין אַ באַזונדער צווייג אויף דעם בוים פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל? האָט ווינטשעווסקי, בעת ער האָט געלייגט דעם גרונטשטיין צו דעם נייעם געביי, געהאַט אין זין, אַז דער בנין זאָל זיין נישט אַ צייטווייליק ביידל פֿאַר די, וועלכע מען דאַרף אויסמושטירן און „אָפּגעבן אין סאָציאַליסטן״ צו די אומות העולם, נאָר אַ פּאַלאַץ, וווּ עס זאָל לעבן און זיך אַנטוויקלען דער פּראָגרעסיווער געדאַנק פֿון דעם יידישן פֿאָלק? און אויב דער לעצטער צוועק איז אים נישט געווען אינגאַנצן פֿרעמד, — איז ווי האָט זיך ווינטשעווסקי פֿאָרגעשטעלט די ראָלע פֿון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ און די כּוחות, וואָס דאַרפֿן זי אַרויסרופֿן אין לעבן?

אויף די אַלע פֿראַגן קאָנען מיר ליידער נישט געבן קיין ענטפֿער. דעם „זיידנס״ שטעלונג צו דער נאַציאָנאַל־יידישער פּראָבלעם, אין די פֿאַרשיידענע פּאַזן פֿון זיין לעבן, פֿאַרדינט אַ באַזונדער אונטערזוכונג, און דערווייל קאָן נאָר איינער זי מאַכן: דער זיידע אַליין.

על פּי סברה בין איך מיר משער, אַז די שטעלונג צו דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק איז ביי אים געווען נישט גאָר קיין פֿריינטלעכע; אַז אין דעם פּונקט איז זיך ווינטשעווסקי נישט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט די איבעריקע פֿאַרטרעטער פֿון זיין סאָציאַליסטישן דור: וואָס גיכער יידן וועלן פֿאַרשווינדן, האָבן זיי געמיינט, אַלץ בעסער סיי פֿאַר די יידן, סיי פֿאַר דער מענטשהייט. ממילא קאָן פֿון אַ יידישן סאָציאַליזם, ווי אַ באַזונדער שטראָם אין דעם סאָציאַליסטישן וועלט־געדאַנק, גאָר קיין רייד נישט זיין, און ממילא איז אַ יידיש־סאָציאַליסטישע אינטע-

ליגענץ אין תוך אַריין אַן איבעריקע זאַך. אַ פּאָר האַלב אָון פּערטל-אינטעליגענטן, אַ פּאָר יעפּרייטאָרס און פעלדפעבלס איז גענוג אויף צו באַזאָרגן אַלע נויטן פון דער יידיש-סאָציאַליסטישער קאַזאַרמע. און אויב דער זיידע און די איבעריקע פּירער נעמען אויף זיך די נישט גאָר בכבודיקע ראָלע פון העכסטנס אַ „פּאָד-פּראַפּאָרשטשיק״, קומט זיי דערפאַר גאָך אַ באַזונדער דאַנק: זיי זאָגן זיך פּריוו. ליג אָפּ פון העכערע ראַנגען, וואָס זיי וואָלטן אפשר געהאַט אין דער פּרעמד, און גיבן זיך אָוועק צוליב דעם אידעאַל, פאַר אַן אַרבעט, וווּ קיין אומשטערבלעכקייט וועט מען שוין געוויס נישט פאַרדינען, ווייל זי מוז אָפּשטאַרבן אינאיינעם מיט דעם פאָלק.

אַזאַ „בטול היש״ פאַרדינט אפשר דעם גרעסטן רעספּעקט. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז מיין האַרץ וויל אים בשום אופן נישט געבן, וואָס אים קומט. נישט-צו-רייסן-זיך אין דער הויך צו די ווייטע הימלען, פאַרלעשן אין זיך די בענקשאַפט נאָך דער לופט פון די העכסטע בערג, איינשנורעווען דעם גייסט אין דעם „בינונים״ קאָרסעט ביז צום דערשטיקן, בעת אין האַרצן ברויזן נאָך יונגע, פרישע שאַפונגס-כוחות, — דאָס איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, די ערגסטע זינד אַנטקעגן זיך אַליין — אַ חטא, וואָס קאָן אייביק נישט פאַרגעבן ווערן.

נאָר — דער חטא איז באַגאַנגען געוואָרן, און דער שולדיקער וועט זיך אפשר פּרוּוון ריינוואַשן דערמיט, וואָס ער וועט אונז וועלן איינשמועסן, אַז עס זענען נאָך ערגעץ נישט געווען קיין יונגע, קיין פרישע שאַפונגס-כוחות; אַז עס האָט ערגעץ-נישט גאָרנישט-נישט געברויזט און געשפּרודלט, אַז דעם „בינונים״ קאָרסעט האָט קיינעם נישט געשטיקט, ווייל עס איז געווען אַלעמען נאָך דער מאָס.

אָבער, אויב מען קאָן נאָך אפשר צוגעבן — זיכער בין איך נישט — אַז די דערקלערונג פּאַסט צו דער מערהייט פון יענע „פּירער״, וועלכע די יידיש-סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט אין ענגלאַנד און אַמעריקע, טויג זי אַבסאָלוט נישט פאַר דעם פאַל ווינטשעווסקי. זיינע ערשטע יידישע שריפטן

טראָגן אויף זיך אַזוי קלאָר די סימנים פון אַן אמת־אָריגינעלן סובליציסטישן טאַלענט און פון אַן אייגענער רייכער נשמה, אַז מען האָט געקאָנט דערוואַרטן פון דעם „זיידך“ עפּעס אַזוינס, מיט וואָס דער יידישער סאָציאַליזם וואָלט געמעגט שטאָלצירן פאַר דער וועלט.

און וואָס איז געוואָרן פון אָט דעם טאַלענט? ווי האָט ער זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער אַטמאָספער?

די אייביקע גריט נישט צו טראַכטן דאָס, וואָס דער גרויסער עולם וועט נישט פאַרשטיין, דאָס אייביקע זיך צופּאַסן צו דעם עם־הארץ, האָבן געמוזט ביסלעכווייז דערשטיקן אין דער נשמה אַלץ, וואָס דאָרטן איז געווען אָריגינעל, וואָס האָט נישט געקאָנט אַרויסגעבראַכט ווערן מיט דער הילף פון בעל־עגלהשן „עברי־טייטש“.

דאָס וואַקסן אַרויף, אין דער הויך אינאיינעם מיט דעם גרעסערן עולם איז פאַר דעם יידיש־סאָציאַליסטישן אינטעליגענט אויך געווען אָפּגעשניטן. וואַקסט דער דרדקי־מלמד אינאיינעם מיט זיינע תּלמידים? ווי באַר זיי לערנען זיך אויס דעם קמץ־אלף, מוזן זיי אים פאַרלאָזן, און ער בלייבט ביי זיין אַלטן טיישל, מיט וועלכן ער נעמט זיך צו נייע תּלמידים... און אַזוי — יאָר אויס — יאָר איין!

סוף־כל־סוף האָט איין בלום נאָך דער אַנדערער געמוזט פאַרוויאַלען, איין וואָרצל נאָך דעם אַנדערן אויב נישט אָפּשטאַרבן — איז פאַרחלשט ווערן, און ווינטשעווסקי איז איצטער אַ פאַרשנייטער גאָרטן, וואָס האָט קיינמאָל קיין רעכטן פרילינג נישט געזען, און האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען זיין שפע... עס קאָן זיין, אַז די נייע נאַציאָנאַליסטישע פאָזע אין דעם לעבן פון אָט דעם אַלטן קעמפער פאַר אַלגעמיין־מענטשלעכן פאָרשריט וועט צעשמעלצן דעם שניי, וועט אָפּפרישן זיינע פאַרחלשטע כוחות און וועט אים נאָך באַשערן אַ צווייטן פרילינג, דערווייל מאַכט ער אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ קרבן, געפאַלן אויף דעם מזבח פון פרינציפּיעלער עם־

הארצות, וואָס אויף איר האָט דער יידישער סאָציאַליזם געבויט זיין געביי.

ווינטשעווסקי איז דער פאָטער פון דעם יידישן סאָציאַליזם אין זיינע ביידע געשטאַלטן: דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער און דער אַנאַרכיסטישער. אָבער די הויפטראָלע האָט געשפּילט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, און איר געשיכטע איז ענג פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון אַן אַנדערן פירער, וואָס האָט בלי ספק געהאַט אַ סך אַ גרעסערע פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע באַדייטונג, איידער ווינטשעווסקי. איך מיין דאָ אַבראַהאַם קאַהאַן.

מען זאָגט, אַז אַב. קאַהאַן וועט אייך אײַנגעבן געבן אַ שמעק טאַבאַק פאַר דער געשיכטלעכער באַדייטונג פון דער יידישער באַוועגונג בכלל און ממילא פאַר זיין אייגענער ראָלע אין איר בפרט, ווי וויכטיק זי זאָל נישט זיין. אויף אַ מאָמענט אין „העכסטער סטריט" האָט ער נישט און פאַר דעם וועלט-היסטאָרישן „ונתנה תוקף" מיט זיין „מי יחיה ומי ימות" האָט ער ווייניק רעספּעקט. דאָס פּאַסט גאַנץ גוט צו דעם בילד פון דעם דרדקי מלמד, וועמעס ראָלע ער האָט פאַר זיך אַליין אויסגעקליבן. קאָן דען אַ דרדקי מלמד האָבן די פּרעטענזיע, זיין נאָמען זאָל פאַרשריבן ווערן אין די טאָוולען פון דער געשיכטע?

אַב. קאַהאַן האָט אָבער אין דעם פּונקט אַ געוואַלטיקן טעות, און וואָלט איך היינט געשריבן די געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע, וואָלט איך נישט געקוקט, וואָס איך בין אַזוי בייז אויף אים (ווי מיר דוכט, אויס אַ גוט באַגרינדעטן פאַרוואָס), און וואָלט אים דערמאָנט אַ היפּשן לייסטער פאַרדינסטן זיינע, וועלכע וועלן, נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, געוויס אויסגעדרעבנט ווערן אין די נעקראָלאָגן אויף אים און וועלן פון דאָרט, אין אָפּגעקירצטער פאָרם, אײַנגיין אין דער געשיכטע.

דאָ האָבן מיר אָבער צו טאָן נאָר מיט איין פּונקט: מיט זיין ראָלע און באַדייטונג אין דער „פּרינציפּיעלער עם-הארצות" און דעם דורכפירן פון איר פּראָגראַם. אַב. קאַהאַן איז דער

אייגנטלעכער העלד פון דער פּראָגראַם, איך פאַרקערפּערער און באַזינגער, און בעסער איידער אויף אַנדערע, לאָזט זיך אויף אים באַווייזן דער גרונט־געדאַנק פון אונזער היינטיקער טעמע, אַז דער אייגנטלעכער וואָרצל פון דער עם־הארצות, די אייגנטלעכע סבה, פאַרוואָס אונזער סאָציאַליזם איז אַזוי אָרעם אין אינטעליגענץ, איז גישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר — די פאַרבלענדעניש פון דער אַסימילאַציע.

אַב. קאַהאַן האָט, ווי מיר געדענקט זיך, ערגעץ נישט אַרויסגעזאָגט סיסטעמאַטיש זיין טעאָרעטישע שטעלונג צו דער פּראָבלעם פון דעם יידישן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. אָבער ס׳איז דאָ אַ פּרוּוו־שטיין מיט וועלכן מען קאָן באַשטימען איינעמס געדאַנקען וועגן דעם פּרט. דאָס איז די שטעלונג צו דער באַשאַפונג פון אַן אייגענער יידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, וואָס זאָל אין דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק שפּילן דיזעלביקע ראָלע, וועלכע יעדע אינטעליגענץ שפּילט אין דעם לעבן פון יעדעס פאָלק, און ווי מיר, יידישע סאָציאַליסטן, זאָלן זען צו באַקומען די גייסטיקע איבער־מאַכט, דורך אונזער אידעאַל און דורך אונזער וויסן, דורך אונזער ערנסטער אַרבעט אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור.

קאַהאַן איז תמיד געווען פיינטלעך צו אַזאַ געדאַנק. דאָס איז דער איינדרוק, וואָס איז ביי מיר איבערגעבליבן פון אַלע מיינע דערינערונגען, פון אַלע געשפּרעכן, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט, פון אַלע זיינע שריפטן, וואָס האָבן אַ שטיקל שייכות צו דעם ענין. און מיינע דערינערונגען גייען גאַנץ ווייט צוריק ביז צו דעם יאָר 1892 (אויב איך האָב נישט קיין טעות), ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהאַט די עהרע און דאָס פאַר־גענינגן באַקאַנט צו ווערן מיט ווינטשעווסקין און קאַהאַנען אויף דעם ציריכער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס.

אין יענע יאָרן האָט שוין דער פּראָגרעסיוו־נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר יידישער סאָציאַליזם העזהדיק אויפגעהויבן זיין קאָפּ און איז אַרויס מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער יוגנט, וואָס האָט שטודירט אין דער שווייץ. איך האָב געהאַט דאָס גליק און די

ערע צו זיין דער פאָנען־טרעגער פון אַט דער נייער באַוועגונג. איך געדענק נאָך עד היום די טיפע פרייד, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, דריקנדיק די הענט פון יענע צוויי י י ד י ש ע דעלעגאַטן פון י י ד י ש ע אַרבעטער, פאָרטרעטער פון דעם י י ד י ש ן סאָציאַליזם, וואָס זייערע נעמען זענען שוין פון לאַנג אָן געווען איינגעבאַקן אין מיין האַרץ און אַרומגערינגלט מיט אַ שיין פון ליבע און שטאָלץ: ווינטשעווסקיס נאָמען פאַר זיינע שירים און פעליעטאָנען אינם „אַרבעטער פריינד״, קאַהאַנס נאָמען פאַר די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן וועגן זיין אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער און פאַר זיין פריערדיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין רוסלאַנד.

איך געדענק אויך דערפאַר דעם ברענענדיק־ביטערן פאַרדראָס, וואָס איך האָב געהאַט, בעת דער ערשטער פאַרשלאָג מיינער איז צוריקגעוויזן געוואָרן פון זיי.

און וואָס איז באַשטאַנען דער פאַרשלאָג?

אָט, איך בין דעמאָלט נאָך געווען אַ „פּראַקטישער״ מענטש און, הפנים, גאָר אַ גאון אין הלכות דיפּלאָמאַטיע. איך האָב חלילה נישט פאַרלאַנגט, די אַגיטאַציע אין לאָנדאָן און אַמעריקע זאָל שטאָלץ פאַנאַנדערוויקלען די יידישע פאָן; איך האָב חלילה נישט געפאָדערט, ווי איך האָב דאָס געטאָן אין דעם „יעווריי־קיצוורייאָם״, אַז די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג זאָל ווערן זעלבשטענדיק און זיך אַוועקשטעלן צום ציל די ו ו י ד ע ר ב אַ ל ע ב ו נ ג פון דעם יידישן פאָלק, איך האָב גערעדט „פּראַקטישע״ און „דיפּלאָמאַטישע״ רייד...

באַשר עס זענען דאָ יידישע אַרבעטער אויך אין רוסלאַנד און גאַליציע, צו וועמען מען מוז זיך ווענדן מיט דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין יידיש; און באַשר „זיי״ מוזן דאָך סיי ווי סיי דרוקן יידישע אַרטיקלען אין זייערע צייטונגען, איז וואָלט אפשר געווען אַ סברה, מען זאָל די אַלגעמיינערע אַרטיקלען איבערדרוקן אין דער פאָרם פון ז אַ מ ל ב י כ ע ר. דאָס וואָלט געשאַפן אַ נויטיקע יידיש־סאָציאַליסטישע ב י ב ל י אָ ט ע ק פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע און וואָלט אין דערזעלביקער צייט פאַר־

היט, אַז די בעסערע זאַכן זאָלן אַזוי מיר-נישט-דיר-נישט גיין לאיבוד...

די צייטן זענען דעמאָלט געווען שווערע פאַר דעם יידישן סאָציאַליזם. מען האָט געדאַרפט גאָר באַווייזן, אַז עס זענען דאָ יידישע אַרבעטער און אַז עס קאָן געמאָלט זיין אַ סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין יידיש. אַזעלכע זאַמלביכער וואָלטן באַוויזן דעם פאַקט פון דער יידיש-סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און וואָלט געגעבן אונז אַ היפּשן וואָפן אין די הענט *).

ווינטשעווסקי האָט איינגעשטימט אויף דעם פאָרשלאַג. ער האָט באַדאַרפט איבעררעדן מיט קאַהאַנען און מיר געבן אַ תשובה. די תשובה איז געווען אַ לאַקאָנישע און קאַלטע: „קאַהאַן האַלט דערפון נישט"...

ווי היינט געדענק איך די ווערטער, וועלכע איך האָב אָפטמאָל אין מיין לעבן איבערגעחזרט מיט אַ ביטערן שמייכל פאַר זיך אַליין: „קאַהאַן האַלט דערפון נישט". איך האָב געוווּסט, אַז דאָס הייסט נישט נאָר „קאַהאַן"; אַז דאָס איז דער גזר-דין פון אַ גאַנצן דור, וועמעס אידייען קאַהאַן פאָרמולירט.

איך האָב אָבער אויף צו להכעיס „געהאַלטן דערפון". אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז שוין געווען אָרגאַניזירט אַ גרופּע יונגע סטודענטן, וואָס האָט אונטער מיין רעדאַקציע איבערגעזעצט, איבערגעאַרבעט און פּאָפּולאַריזירט אייניקע זייער-וויכטיקע סאָציאַליסטישע ווערק: אַ פּאָר פון די יונגע לייט האָבן דערנאָך געשפּילט גאָר אַ חשובע ראָלע אין דעם „בונד", און אַלע אונזערע אַרבעטן (אַ חוץ איינער: „גיזשיצקיס פאָרלעזונגען איבער סאָציאַלער עטיק") זענען דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן פונם „בונד" **).

דאָס וויכטיקסטע פון אָט די ערשטע אויסגאַבן איז געווען

*) וועגן יענער טרויעריקער צייט וועל איך, ווען עס איז שרייבן באַרי־כות. איצטער קאָן מען שוין פון יענע צרות דערציילן אין פרייד און אין נחת.

**) מיין פאָרוואָרט צו די אַלע אַרבעטן אונטער דעם נאָמען „פאַרוואָס דרוקן מיר יידיש?", וועלכע די גרופּע האָט נישט געוואָלט דרוקן, איז דערנאָך דערשינען אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס"... נישט שוין־יושע אונטער קאַהאַנס רעדאַקציע

די איבערזעצונג פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". עד היום בין איך שטאָלץ אָט אויף דעם שטיקל אַרבעט; ווייל דאָס איז געווען אויך אַ מאַניפעסט פון דער יידישער שפּראַך; אַ קלאָרער און נישט־אָפּצופרעגנדיקער באַווייז, אַז מען קאָן אין איר איבערגיסן יעדן, אַפילו דעם שווערסטן און אַבסטראַקטסטן שטאָף. אויף דער איבערזעצונג האָבן מיר נאָך דערפאַר געמאָגט זיין שטאָלץ, ווייל זי איז נישט נאָר אַ ריין־יידישע און אַ פּינקטלעך־יידישע, נאָר אויך די געטרייעסטע צום טעקסט, ווייניקסטנס, אַז מען פאַרגלייכט זי מיט דער רוסישער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, אויב איך האָב נישט קיין טעות, פון פּלעכאַנאָוון אַליין. זעט מען ערשט רעכט אירע מעלות... די איבערזעצונג פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" איז געווען אַ פּרינציפּיעלע נייס אין דעם „בונדס" ליטעראַטור און האָט נישט גאָר געשטימט מיט זיין גאַנצער טענדענץ.

נו, ווי האָט אַב. קאַהאַן באַגעגנט אָט די איבערזעצונג, מיט וועלכער יעדער יידישער סאָציאַליסט האָט געמאָגט זיין שטאָלץ? מיט אַ „פאַרניכטנדיקער" קריטיק! יידן דאַרפן נישט האָבן קיין איבערזעצונגען פון אַזעלכע ווערק, ווי דער מאַניפעסט, האָט ער געטענהט. פאַר יידן דאַרף מען „פּאָפּולאַריזירן" די איינצלנע קאַפּיטלעך...

און ווען איך וואָלט געפרעגט: פאַרוואָס דאַרפן עפּעס יידן שטיין נידעריקער, איידער אַלע פעלקער? פאַרוואָס מעג דער בולגאַר און דער פין, און דער פלעמער און דער רוסין יאָ האָבן אַ אמתע איבערזעצונג פון אָט דעם קלאַסישן ווערק, און יידן נישט? קיין ענטפער אויף די פראַגן וואָלט איך נישט געפונען אין יענער קריטיק. אָבער דעם ענטפער איז לייכט געווען אַליין צו געפינען: יידן זענען נישט קיין פאָלק, ממילא דאַרפן זיי נישט האָבן קיין אייגענע ליטעראַטור און קיין אייגענע איבערזעצונגען; ממילא דאַרף דער יידישער סאָציאַליזם אויף אייביק בלייבן אַן עם־הארצישער. „אויף אייביק", ד. ה. אויף אַזוי לאַנג, ווי ער וועט לעבן. און קיין אריכת־ימים האָט אים קאַהאַן אוודאי נישט געווונטשן...

דיזעלביקע שטעלונג צו דער אונז אינטערעסירנדיקער פּראָבלעם געפינען מיר אויך אין אַן אַרטיקל זיינעם, וואָס ער האָט נישט לאַנג אָפּגעדרוקט אין דער „צוקונפט" אונטער דעם נאָמען: „אונזער אינטעליגענץ". אַזוי ווי דער אַרטיקל שענקט פיל אויפמערקזאַמקייט אויך אונזער טעטיקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און אַזוי ווי די פּאָלעמיק פון אַב. קאַהאַן אַנטקעגן „דאָס נייע לעבן" איז נוגע גראָד דעם עצם פון אונזער פּראָבלעם, וועט דער לייענער קיין פּאַראיבל נישט האָבן, ווען איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף אים עפּעס לענגער און מאַכן אַ ביסעלע געברויך פון מיין רעכט צו ציטירן.

אַב. קאַהאַן מאַכט מיר דעם פאָרוואורף, וואָס איך גיב אַרויס „דאָס נייע לעבן" פאַר אַ באַזונדער „סאָרט גייסטיקע מיוחסים". מיינע לייענער, מיינט ער, „זענען מייסטנס האַלב-אינטעליגענטן און אַלס רעדאַקטאָר" געפין איך מיך „אונטער דעם איינפלוס פון דער גייסטיק-אַריסטאָקראַטישער אַטמאָספער". עס וואָלט אַ סך בעסער געווען, ווען איך וואָלט „געווען פריי פון דיזן איינפלוס", ווען איך וואָלט געקאָנט זיך אַביסל אַרונטערלאָזן צו דעם פאָלק פון דעם הויכן פּיעדעסטאַל פון דער תלמודיש-אינטעליגענטער וועלט, וועלכע רינגלט אים (ד. ה. מיך) אַרום". און דער צעטל פון באַשולדיקונגען גייט נאָך ווייטער. איך וועל זיך נאָך אומקערן צו אים און מיר וועלן זיך נאָך דורכשמועסן וועגן אים בהרחבה.

דערווייל לאָזט מיר נאָר ברענגען איין פאָרוואורף, וואָס קלינגט אַזוי אומדערוואַרטעט „נאַציאָנאַל". „אים קימערט", שרייבט אויף מיר קאַהאַן, „נישט דער גייסטיקער צושטאַנד פון פאָלק (!), נאָר די פראַגע צי זענען אויף יידיש געשריבן ביכער אויף דעמזעלבן אומפּאָפּולערן אַרט, ווי עס ווערן געשריבן די ווייסנשאַפטלעכע ביכער ביי די אומות העולם".

אָט האָט איר עס בידער: יידן דאַרפן נישט האָבן קיין ביכער, געשריבן „אויף דעמזעלבן אומפּאָפּולערן אַרט, ווי עס ווערן געשריבן די ווייסנשאַפטלעכע ביכער ביי די אומות העולם";

דערזעלביקער שטאַנדפּונקט, וואָס אין דער צייט פון דער קריטיק אויף דעם „מאַניפעסט“.

דער „צוקונפט“-אַרטיקל גיט אונז אַ דערקלערונג פאַרוואָס דאָס מוז אַזוי זיין, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט, איז אַ פּראָפּאַגאַנדע-באַוועגונג, און די איינציקע זאַך, וואָס מען דאַרף איז — פּאָפּולאַריזירן.

גוט! לאָמיר דערווייל אָננעמען, אַז דאָס איז אַ תּירוץ מספּיק, אָבער...

אָבער האָט ווען עס איז אַב. קאַהאַן אַ טראַכט געטאָן, אַז כּדי צו קאָנען פּאָפּולאַריזירן, מוז מען עפּעס וויסן? איז אים ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ דאַנק זיין פּאַנאַטיזם פון פּאָפּולאַריזאַציעס האָבן מיר נישט קיין פּאָפּולאַריזאַטאָרס? איך וויים, אַז דאָס קלינגט אים אַ ביסל פרעמד און מיט באַליידיקטער גאווה וועט ער אונז „טייטלען“ גראָד אויף אַזעלכע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“, ווו מען לערנט די מאַסן, ווו מען זוכט זיי צו „בילדן“ או. אַז. וו.

יאָ, גראָד די און ענלעכע אַרטיקלען האָב איך אין זינען, ווען איך זאָג, אַז מיר האָבן נישט קיין פּאָפּולאַריזאַטאָרס... איך וואָלט אים געקאָנט אונטערטראָגן אַ גאַנצע שיסל וויסנשאַפטלעכע פּערל, צונויפגעקליבן פון אונזער „פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכער“ ליטעראַטור אין די ראַדיקאַלע צייטונגען. איך האָב מיך אָבער געפוילט צו קלייבן (קיינער וואָלט מיך דערפאַר נישט באַשולדיקט), און האָב אַרויסגענומען נאָר איייניקע וואָס וועלן האָפנטלעך אַ ביסל מער פאַנאַנדערעפענען קאַהאַנס אויגן אויף דער ווירקלעכער לאַגע.

גראָד אין דעם אַרטיקל וועגן קוקס דרום-פּאָל-רייזע, אויף וועלכן קאַהאַן ווייזט אויס צו זיין אַזוי שטאָלץ, געפין איך אַ פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע דערקלערונג, אַז אַלומיניום, דאָס איז אַזאַ מין לעהם! („ליים“). געוואָסע קאַהאַן! איר זייט דאָך פאָרט אַ שטיקל געבילדעטער מענטש: פאַרשטייט איר כאָטש, אין וואָס פאַר אַן אָפּגרונט פון עלעמענטאַרער עם-הארצות איינער

דארף זיך געפינען, כדי ער זאל קאנען ארויסברענגען אזא מין ליים?

אין דעמזעלביקן „פאָרווערטס" (נאָר פון אן אנדער סאָרט) איז געווען אָפּגעדרוקט עפּעס א טאָג-ניַיעס וועגן דעם באַרימטן גריכישן אינזל ס א ל א מ י ס. דער ניַיעס-שריַיבער האָט פּלוצלינג דערשפּירט אין זיך דעם הייליקן חוב פון פּאָפּולאַריזאַציע, און ער האָט גענומען, אויף שנעל צעקייט א היסטאָריש-וויסנשאַפטלעכע מאַנדל און אריַינגעשטאָפּט די אין דעם עולמס פּיסק ארײַן. אין די אַלטע ציַיטן, דערציילט ער, איז ביַי דעם אינזל פאָרגעקומען א באַרימטע שלאַכט צווישן די גריכן און די פּערזער, ביַי װעלכער עס האָבן זיך אויף גריכישער זײַט אויסגעצייכנט די פירער טעמיסטאָקל און אוריפּיד! (דער „פאָרווערטס" שריַיבט אים ענגליש: „יוריפּיד".)...

אמת, דער באַרימטער ד ר אַ מ ע ן-ד י כ ט ע ר, אוריפּיד האָט זיך טאַקע שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער שלאַכט ביַי סאַלאַמיס. אָבער נאָר דורך דעם, וואָס ער איז ג ע ב אָ ר ן געוואָרן אין יענעם טאָג און אויף יענעם אינזל, על כל פּנים, אין יענעם יאָר. אַלס קריג-פירער האָט זיך אָבער אָנשטאָט „יוריפּידען" גאָר אויסגעצייכנט אַ ר י ס ט י ד... געבאָטע קאַהאַן! איר שטאָלצירט מיט דעם, וואָס איר גיט דעם פאָלק „סקול-בילדונג" אין „פאָרווערטס" אַלע טאָג אַן עס-לעפל אין אַן עמער וואַסער. זאָגט אַליין, וואָס פאַר א „באָל" וואָלט דער „סקול"-לערער באַדאַרפט שטעלן אייער ניַיעס שריַיבער פאַר דער קאַדריל, וואָס האָבן די עס חייזט אויס, געטאַנצט אין זיין מוח די צוויי פּאָרן: די מלוכהמענער טעמיסטאָקל און אַריסטיד פון איין זייט און די דראַמען-דיכטער סאָפאָקל און אוריפּיד, פון דער אַנדערער...

דאָס זענען פּערל (נישט פאראייַנצלטע) פון „פאָרווערטס", דעמזעלביקן „פאָרווערטס", וואָס א. אז. וו.

אָבער די איבעריקע ראַדיקאַלע פּרעסע איז אויך נישט בעסער.

די „וואַרהייט" האָט נישט לאַנג באַריַיכערט די וויסנשאַפט

מיט דער אַבסאָלוטער נייער דערקלערונג, אַז דער עקוואַטאָר איז... דער מ י ט ל פ ו נ ק ט פון דער ערד!...

אויף דעם גרונט פון ענלעכער וויסנשאַפטלעכער טיפקייט אין געאָגראַפיע האָט די „פרייע אַרבעטער שטימע״ געגומען און פאַרוואַנדלט דעם מאַלסטראָם (אָדער ריכטיקער: מאָעלסטרעם) אין אַ... ש ט אָ ט מאַלסטראָם!!

אַגב אורחא וויל איך דאָ אויפווייזן אויף דער אומגעהייערער אַ פ ג ע ל אַ ז נ ק י י ט, וועלכע פריינט ש. יאַנאָווסקי האָט זיך דערלויבט אין דער „פרייער געזעלשאַפט״, אין זיין איבערזעצונג פון קראָפּאָטקינס „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע״, ווו די גענעראַל-מלוכות ווערן איבערגעזעצט: דער מ ל ו כ ה-ג ע נעראַל! דאָס איז, הפּנים, דערפאַר, ווייל אין ענגליש רופן זיי זיך „עסטייטס דזשענעראַל״. עס איז אָבער שווער צו גלויבן, אַז יאַנאָווסקי זאָל נישט וויסן, אַז דער ענגלישער בראַוּער „דזשענעראַל״ איז דאָ אַן אַדיעקטיוו און שטייט בלשון רבים... ווי די מעשה איז, דעריגערט דאָס אָן דער באַרימטער רוסישער איבערזעצונג פון דעם פראַנצויזישן „ביען-עטר זשענעראַל״: „עס איז גוט צו זיין אַ גענעראַל״...

נאָך — געגוג פערל! — ווי דערקלערט איר זיי, גענאָסע קאַהאַן?

איך דערקלער דאָס גאַנץ פשוט. אונזערע הערן פּאָפּולאַריזאַטאָרן האָבן משמעות אין דער יוגנט יאָ עפּעס געוווסט, דערנאָך אָבער, אַז זיי האָבן אָנגענומען דעם אידלמוטיקן באַשלוס פון „בטול היש״, איז ביסלעכווייז אויך זייער וויסנשאַפטלעכער „יש״ אינגאַנצן בטול אָדער מטושטש געוואָרן, און פון אַלע וויסנשאַפטן איז נאָר איבערגעבליבן... „אַזאַ מין לייט״...

וואָלטן זיי געהאַט רעספּעקט צו זיך אַליין, רעספּעקט צו זייער אַרבעט, רעספּעקט צום יידיש-לייענדיקן עולם, דעמאָלט וואָלטן זיי נישט געקאָנט האָבן די העזה צו פּיטערן אים אָנשטאָט וויסנשאַפט מיט „אַזאַ מין לייט״. שרייבנדיק, איבערזעצנדיק, וואָלטן זיי, אין דעם פאַל פון ספק, אַ ר י י נ ג ע ק ו ק ט אין ביכל. פון אָט דער עובדא אָבער זענען זיי אָפּגעווינט

געשוואָרן, און אינדעראמתן: צוליב וואָס און צוליב וועמען? ווער לייענט יידיש? דאָך נאָר דער עם-הארץ! און ווי לאַנג וועט ער זיך האַלטן דערביי? ביז ער וועט אויפהערן צו זיין אַן עם-הארץ... לוינט זיך דען א סך דאָ צו דאגהן וועגן אים! לאָז זיין, אז דער מאַעסטראָ איז אַזאַ מין עקוואַטאָר, און אַז ארי-ריפיד איז אַזא מין אַלומיניום, — נישקשה, דער עם-הארץ וועט אלץ אַראָפּשלינגען!

און אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט זיך דער שטאַנדפּונקט פון פרינציפיעלער עם-הארצות אין פשוטער, פראַקטיש-גראָבער, גראָבער אומוויסנהייט, מיט וועלכער מען פיטערט דעם עולם, אויף וואָס די וועלט שטייט.

כדי צו האָבן גוטע פּאָפּולאַריזאַטאָרס, מוז מען האָבן אַ וויסנשאַפטלעך-געבילדעטע אינטעליגענץ אין יידיש, פון איר לאָזן די געבילדעטע און די פעאיקסטע: די פּיסאַרעווס, די קאַרל פאָגטס, די קאַוטסקיס, די טשערנישעווסקיס נעמען זיך פאַר דער זייער פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע פון פּאָפּולאַריזאַציע און אויפקלערונג. און זייער אַרבעט מוז שטיין אונטער דער שטילער קאָנטראָל פון דער געבילדעטער עפנטלעכער מיינונג.

ווי קאָנט איר אָבער ביי אונז האָפן אויף גוטע פּאָפּולאַריזאַציעס, אויף אמתע פאָלקס-אויפקלערונג אין וואָרט און שריפט, ווען איר פאַרלאַנגט אַליין, אָדער איר געפינט עס ווייניקסטנס פאַר זייער נאַטירלעך, אז דער געבילדעטער ייד זאָל נישט לייענען קיין יידיש?

„צו וואָס זאָל דער געבילדעטער, געשטודירטער סאָציאַליסט איבערהויפּט לייענען אַ סאָציאַליסטיש-יידישע צייטונג אָדער אַ זשורנאַל?" פרעגט קאַהאַן אין דעמזעלביקן אַרטיקל. „ער לייענט דאָך ענגלישע, רוסישע זשורנאַלן. דער ענטפער איז, אַז דער געבילדעטער מענטש, וועלכער באַלאַנגט נישט צו דער באַוועגונג, לייענט טאַקע נישט אונזערע שריפטן. דער אָבער, וואָס באַלאַנגט יאָ צו דער באַוועגונג, לייענט זיי, ווייל ער איז פאַראינטערעסירט אין זיי אַלס אַ טייל פון דערדאָזיקער באַוועגונג".

איך בין שטאַרק מסופק, אויב אַפילו ד ע ר לייענט זיי, ווייל איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן, אַ געבילדעטער מענטש זאָל קאָנען רואיק אַראָפשלינגען די צעקייטע וויסנשאַפט פונם „פאָרווערטס״ מויל, און אים זאָל נישט באַפאַלן אַ חלשות, סיידן ער פאַלט דערביי אויך אַריין אין דער „בטול היש״-שטימונג און זיפצט, רעזיגנירט: וויפל וועט ער, מישטיינס געזאָגט, אָנ-דויערן, אָט דער גאַנצער „מלוכה-גענעראל-פאַראַד״? נאָך אַ יאָר, נאָך א יאָר...: ביז דאָס יידישע פאָלק וועט פאַרשווינדן, זאָלן זיי זיך דערווייל פיטערן מיט וואָס זיי קאָנען, אַבי דער סאָציאַליסטישער „רעכטס-לינקס״, „רעכטס-לינקס״ ווערט דערביי כדבעי אַריינגעפויקט...

מיין אַרטיקל האָט זיך שוין צופיל פאַנאַנדערגעצויגן, און איך האָב נאָך אַלץ נישט אויסגעשעפּט מיין טעמע, אַפילו אין יענע גרענעצן, וועלכע איך האָב מיר פאָרגעשריבן. איך וועל מוזן בעטן דעם לייענער, ער זאָל האָבן מיט מיר נאָר אַ ביסל געדולד. אָבער שוין איצטער, דוכט מיר, הויבט אָן זיך אַרויס-ווייזן די אינעווייניקסטע לאָגישע שייכות צווישן עם הארצות און אסימילאַציע פון איין זייט, צווישן א מ ת ע פאָלקס-בילדונג און די נויטווענדיקייטן פון א פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלער אינטע-ליגענץ פון דער אַנדערער.

דאָס וועט אונז נאָך קלאָרער ווערן, ווען מיר וועלן זיך נאָכמער אַריינלייענען אין צ. ב. קאַהאַנס אַרטיקל.

IV

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז א פּראָפּאַגאַנדע-באַוועגונג,— דאָס איז דער גרונט-געדאַנק, אויף וועלכן עס זענען אויפגעבויט אַ. ב. קאַהאַנס אַרגומענטאַציעס אין זיין אַרטיקל „אונזער אינטע-ליגענץ״. אַרויסגייענדיק פון אָט דעם גרונט-געדאַנק, קומט ער צו אַן איבערראַשונג פון יענעם ווערט, וועלכן פּאָפּולאַריזאַציע האָבן פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון א פאָלק.

„מען װעט זאָגן", שרײַבט ער צום סוף פון זײַן ארטיקל, „אַז די פראַגע װעגן פּאָפּולאַריזאַציע איז אַ „אידייע פיקס" בײַ מיר, אַ געדאַנק, װעלכער זיצט בײַ מיר פעסט אין מוח און װעגן װעלכן איך הער נישט אויף צו רעדן. אמת, איך זע אָבער װאָס װײַטער אַלץ דײַטלעכער, אַז דער געדאַנק רעפּרעזענטירט דעם אײנציקן װעג פאַר די, װעלכע קאָנען העלפן פאַרשפּרײטן װיסן און אנטװיקלען אונזערע מאַסן."

מיר האָבן אין דעם פּאָריקן קאַפּיטל געזען, אַז װען אפילו מען זאָל זיך אװעקשטעלן אויף קאַהאַנס שטאַנדפּונקט פון פּראָפּאַגאַנדע און פּאָפּולאַריזאַציע, מוזן מיר אויך דעמאָלט קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז מיר מוזן האָבן אַן אײגענע רײך־אנטװיקלטע אינטעליגענץ, פון װעלכער עס זאָלן זיך קאָנען רעקרוטירן די פּראָפּאַגאַנדיסטן און די פּאָפּולאַריזאַטאָרס. ד. ה. מיט אנדערע װערטער, אַז עס מוז באַשאַפן װערן א יידישע גײַסטיקע אטמאָספער װאָס זאָל געבן דעם יידישן אינטעליגענט דיזעלביקע גײַסטיקע שפּײַז, װי די, װאָס ער געפינט אין דער פרעמד. אַז נישט — װעט די אינטעליגענץ מוזן אװעקגײן פון אונז, מוזן איבערלאָזן אינגדערהײם נאָר „דרדקי מלמדים", װעלכע װעלן סוף כּל סוף מוזן בלײַבן הינטערשטעליק קעגן זײַערע אײגענע אויפגאַבן.

אָבער — איז דען דער סאָציאַליזם נישט מער װי א פּראָפּאַגאַנדע־באַװעגונג?

נעמט דעם סאָציאַליזם פון װעלכן לאַנד איר װילט, און איר װעט געפינען, אַז ער איז נישט נאָר א סאָציאַל־פּאָליטישע מאַסן־באַװעגונג, נאָר אויך א גײַסטיקער שטראָם, אין װעלכן עס שלאָגן אַלע קװאַלן פון דער מענטשלעכער קולטור: די װיסנשאַפט אַזױ גוט װי די קונסט, די פילאָזאָפיע אַזױ גוט װי די רעליגיע.

באַזונדערס ריכטיק איז דאָס פאַר דעם מ א ר ק ס י ס ט י ש ן סאָציאַליזם, װאָס טרעט ארויס מיט נײַע טעאָריעס נישט נאָר אין דער געזעלשאַפטס־לערע און דער געשיכטע, נאָר אויך אין דער פילאָזאָפיע, אין דער מאַטעמאַטיק און אין די נאַטורװיסנשאַפטן

אמת, די אַלע מאַרקסיסטישע טעאָריעס זענען זייער צווייפלהאַפט און האָבן קיין גרויסן רושם אויף דער אַנטוויקלונג פון די נאַטורוויסנשאַפטן נישט איבערגעלאָזן (צו זיי איז אָבער צוגע-שטאַנען אַ כעמיקער מיט נישט קיין קלענערן נאָמען, ווי — קאַרל שאָרלעמער!); אָבער, ווי אמת און פאַלש די איינצלנע טעאָריעס פון די איינצלנע סאָציאַליסטישע גייס-טעס-וועלטן, אַזוי רייך אין גדאַנקען, אַזוי שטאַרק צונויפגע-וואַקסן מיט אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור, אַז מען מוז באמת זיין אַ היפּש-געבילדעטער מענטש, כדי אַריינ-צונעמען אין זיך דעם גאַנצן אוצר פון דעם סאָציאַליסטישן דענקען און שאַפן.

און די אַלע קולטור-קוואַלן אין דעם גייסטיקן שטראָם פונם סאָציאַליזם קאָן מען נישט אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע מיט דעם באַפעל: הערט אויף צו שלאָגן; דער פּאָפּולאַריזאַטאָר איז נאָך נישט פאַרטיק מיט זיין אַרבעט; ער האָט נאָך נישט אַלץ צעקייט פאַר די מאַסן, דער שטראָם פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווי דער שטראָם פון קולטור איבערהויפּט, האַלט אין אַן איי-ביקן אַנוואַקסן נישט נאָר אין דער ברייט, נאָר אויך אין דער טיף; דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט איז נישט נאָר אַ פאַרשפּרייטן פון וויסן, נאָר אויך אַן אָנזאַמלען און אַ שאַפן פון נייע אוצרות.

די זאַמלער און די שאַפער זענען אָבער נישט די מאַסן; נאָר די אינטעליגענץ. און אַקוראַט אַזוי ווי מיר דאַרפן זאָרגן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער קולטור און דער אַנטוויקלונג פון די מאַסן, מוז מען נאָך אין העכערן גראַד פאַראינטערעסירט זיין, אַז די שאַפונגס-קוואַלן פון דער קולטור זאָלן נישט אויפ-הערן צו שלאָגן.

אונזערע קולטור-קוואַלן זענען זייער אָרעם. דאָס איז דער-פאַר, ווייל מיר האָבן נישט קיין אינטעליגענץ און קיין ריין-אינטעליגענטע גייסטיקע אַטמאָספער; ווייל מיר האָבן זיך איינגעשמועסט, אַז דער סאָציאַליזם איז נישט מער, ווי אַ פּראָ-פּאַגאַנדע-באַוועגונג, מחמת דעמזעלבן טעם איז אונזער סאָ-

ציאַליזם, איבערהויפּט אין אַמעריקע, אַזוי פאַרעלטערט און פאַרדאַרט, אַקוראַט ווי די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון די לעצטע פופצן־צוואַנציק יאָר וואָלט אויף אים קיין ברעקל ווירקונג נישט געהאַט.

וועלכע פראַגן זענען אין דער צייט נישט אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם פאָרשנדיקן גייסט?

די שטעלונג צו דעם מאַרקסיזם און דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע בכלל, די דורכמוסטערונג פונם דאַרוויניזם, פאַרבונדן מיט דער זייער פאַרוויקלטער פאַרערבונגס־פראַגע, די ענערגעטישע טעאָריע אין דער נאַטור־פילאָזאָפיע, די עלעקטראָנען־לערע אין דער פיזיק, — אַלץ נייע און נייע געדאַנקען און וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען, רעוואָלוציעס אין דער געדאַנקלעכער וועלט, פון וועלכע דער יידישער לייענער האָט קיין שום אַנונג נישט, ווייל עס איז קיינער נישט געווען, ווער עס זאָל דאָס אים דערציילן.

אויך דאָ איז אין דער לעצטער שורה שולדיק די אַסימילאַציע־טעאָריע און די אַסימילאַציע־פּראַקטיק, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט קיין נייע, פרישע קרעפטן אין דער יידישער באַוועגונג. די אַסימילאַציע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם נאָמען פון וויסנשאַפט און פּראָגרעס, האָט אין דער פּראַקטיק געבראַכט עם־הארצות און פאַרגליווערטקייט.

אין אַזאַ צושטאַנד קאָנען מיר אָבער נישט בלייבן אויף אייביק. מען מוז זיך אָנשטרענגען און זיך אַרויסרייסן פון דעם „אזא מין ליים", אין וועלכן די אסימילאציע האָט פארשלעפּט דעם יידישן פּראָגרעסיוון געדאנק. און ארויסזאָגן זיך קאָן מען נאָר אויף איין וועג: מען מוז באשאפן אַן אייגענע אינטעליגענטע אטמאָספער. מען מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם איז נישט מער, ווי א פּראָפּאגאנדע־באוועגונג, וואָס רעכנט זיך נאָר מיט די מאסן. מען דארף תמיד געדאנקען, אַז ער איז א שאפונגס־פּראָצעס, אין וועלכן עס מוז זיך באטייליקן קודם כל די אינטעליגענץ.

ווי ציט מען אָבער צו די אינטעליגענץ צו דעם יידישן

סאָלק? מיר האָבן זיך ביז אהער באוועגט אין דעם פּרט, ווי אין א פארכשופטן קרייז. האָט איר געפרעגט א יידישן אינטעליגענט פארוואָס ער שרייבט נישט זיינע געדאנקען אין יידיש, פלעגט ער ענטפערן: עס זענען נישטאָ קיין אינטעליגענטע לייע־נער אין יידיש. און האָט איר געפרעגט דעם אינטעליגענטן לייע־נער, פארוואָס ער לייענט נישט קיין יידיש, פלעגט איר באַ־קומען דעם ענטפער: עס איז פאר אונז נישטאָ, וואָס צו לייענען; עס זענען נישטאָ קיין אינטעליגענטע שרייבער.

אָט דעם פארכשופטן רינג, באשאפן פון דער אסימילאציע, האָט מען געמוזט פאנאנדערדרייסן.

טאָן האָט דאָס געקאָנט נישט דער אינטעליגענטער לייענער, נאָר דער אינטעליגענטער שרייבער. עס האָט זיך געמוזט מאכן א הסכם אָנצוהויבן צו שרייבן, ווי מען שרייבט אומעטום פאר גע־בילדעטע מענטשן און — לאָז די יידישע אינטעליגענץ קיין פתחון־פה נישט האָבן, אז עס איז פאר איר אין יידיש נישטאָ וואָס צו לייענען...

אויף אזא אופן איז ארויסגעשפּראָצט געוואָרן די נייע יידישע ליטעראטור, צו וועלכע אויך „דאָס נייע לעבן" געהער. זאָל אָט די נייע באוועגונג אָנגיין נאָך ווייטער, זאָלן זיך אָנהויבן מערן אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק אין יידיש „אויף דעמזעלבן אומפּאָפּולערן ארט, ווי עס ווערן געשריבן די וויסנשאפטלעכע בי־כער ביי די אומות העולם", און די אינטעליגענץ וועט זיך שוין נישט קאָנען אויסדרייען מיט דעם תירוץ: „נישטאָ וואָס צו לייע־נען".

וועט זי אָבער אויך דעמאָלט בלייבן פארעקשנט ביי איר אַלטער פּאָזיציע, וועט זי מוזן אָפּן ארויסטרעטן מיט איר אַסימילאַטאָרישן ארגומענט, אז זי וויל נישט לייענען קיין יידיש, ווי רייך און ביי די יידישע ליטעראַטור זאָל פאר איר נישט זיין.

געוויס וועט זיך געפינען א קליינער טייל פון דעם על־טערן דור, וועלכן מיר וועלן שוין מיט קיינע ארגומענטן נישט צוציען צוריק. דער גרעסטער טייל אָבער וועט האָפנטלעך איי־

זיין יענעם אָפּגרונט, יענעם גייסטיקן באַנקראָט, צו וועלכן די אַסימילאַציע פירט, און אויב ביי אים וועט די אמתע פאָלקסבילדונג זיין טייערער, איידער די איינגעפרעסטע טעאָריע, וועט אים נישט זיין שווער זיך אָפּצוזאָגן פון איר און אומקערן זיך צו דעם יידישן פאָלק, אָבער — אויב אַפילו דער גאַנצער אַלטער אַסימילאַטאָרישער דור זאָל גיין פערלאָרן פאַר אונז, וועט דאָס געוויס זיין אַ היזק, אָבער שוין נישט גאָר קיין געפערלעכער. אַ נ י י ע ר אינטעליגענטער דור וועט אויפוואַקסן אויף אונזער נייער אינטעליגענטער ליטעראַטור, וועט פון יוגנט אָן איינזויגן אין זיך די עלעמענטן פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס אין יידיש, און איר וועט ממילא גאָר שוין מער אויפן זינען נישט אַרויף, צו לויפן נאָך בילדונג און ליכט אין דער פרעמד.

אָט דאָס איז דער זין פון אונזער אַרבעט אין „דאָס נייע לעבן“, אָט פאַרוואָס מיר שרייבן, „ווי מען שרייבט פאַר מענטשן מיט מאָדערנע בילדונג“. *)

אַב. קאַהאַן קאָן דאָס אָבער נישט באַנעמען. אים דוכט זיך, אַז מען קאָן אַלע מאָל שרייבן אַזוי, אַז יעדער איינער, אַפילו דער האַלב-און פערטל-געבילדעטער, זאָל פאַרשטיין, געוויס, פאָדערט ער נישט, אַז אַלץ, וואָס ווערט געשריבן, זאָל האָבן אין זינען בלויז דעם אומוויסנדיקן לייענער. „דער, וואָס שרייבט יידיש“, זאָגט ער, „קאָן און דאַרף שרייבן פאַר אַלע קלאַסן מיט אַמאָל“. „צו דעם צוועק איז בלויז נויטיק איין זאַך“, דערקלערט ער אונז ווייטער: „יעדער שרייבער זאָל זיינע געדאַנקען איבערגעבן אַזוי, אַז דער ווייניק-אַנטוויקלטער זאָל אים קאָנען באַגרייפן, ווי דער פולשטענדיק-אַנטוויקלטער. מייסטנס איז דאָס נישט מער, ווי אַ פראַגע פון ווערטער און אויסדרוקן, — פון דער אויסערלעכער פאָרם פון דעם אַרטיקל“. **)

*) די „צוקונפט“, ז. 112.

**) די „צוקונפט“, ז. 109, 110.

די חמורים, די אומות העולם! האָבן זיי באַדאַרפט בקיצור די קעפּ און באַשאַפן ביכער אין „אַ נישט פּאָפּולערער אַרט", בעת זיי האָבן, לויט קאַהאַנס רעצעפּט, געקאָנט שרייבן פאַר אַ ל׳ ע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, פאַר דעם עם-הארץ, אַזוי גוט ווי פאַר דעם אויפגעקלערטן! אַ ביסעלע פּאָפּולאַריזאַציע, אַ ביסעלע „אַנדערע ווערטער און אויסדרוקן", און יעדער „דריוועה" וואָלט זיך געקאָנט, זיצנדיק אויפן וואָגן, לייענען קאַנטס „קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט", מילס לאָגיק און מאַרקס' „קאַפּיטאַל".

אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס מאַרקס איז געשטאָרבן, איידער אַב. קאַהאַן האָט אויסגעפונען דעם סוד! קאַהאַן וואָלט גאַנץ געוויס געפאָרן צו אים און וואָלט אים שוין אויסגעלערנט, ווי מען באַדאַרף שרייבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. „כ׳לעבן, קאַרל", וואָלט ער זיך געווענדעט צו אים, „דו שרייבסט צו תּלמודיסטיש. דיין ווערט-לערע איז, אין איר איצטיקער פאָרם, געשריבן גאָר פאַר גייסטיקע מיוחסים, וואָס פאַרשטייען אַ גוט שטיקל מהרש״א. מיט אַ ביסעלע אַנדערע ווערטער און אויסדרוקן וועל איך דיר דאָס „פיקסן" אַזוי, אַז יעדער בר-דעת וועט דאָס אויפן שטעל פאַרשטיין. כ׳לעבן, לאָז מיך! זאָג, וואָס ווילסטו אַרויס-ברענגען?"

ווי רעכנט אַב. קאַהאַן: וואָס וואָלט אים קאַרל מאַרקס הערויף געענטפערט?

איך וויל בשום אופן נישט לייקענען, אַז יעדער געדאַנק קאָן פּאָפּולאַריזירט ווערן אַזוי, אַז אפילו יעדע מאַרק-ייִדענע זאָל אים קאָנען פאַרשטיין. אָבער נישיים זעט קאַהאַן נישט איין, אַז אויף יעדן בלעטל „קאַפּיטאַל" וואָלט מען באַדאַרפט שרייבן אין דורכשניט נישט ווייניקער, ווי פינף בלעטלעך „פּאָפּולאַרי-זאַציע", און אויף יעדן בלעטל קאַנט נישט ווייניקער, ווי צען! נישיים פאַרשטייט ער נישט, אַז דער גאַנצער גייסטיקער פּראָג-רעס פון דער מענטשהייט איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס די מענטשהייט האָט זיך אויסגעלערנט רעכע

אין צ ו ג ע פ א ס ט ע ר ע פ ע ג י ר ו ג ע צ באַגריפן, ווי איך וואָרט איז אַ סך־הכל פון פיל און פיל איינצל־געדאַנקען?

דער גאַנצער קונץ פון פּאָפּולאַריזאַציע באַשטייט אין דעם קאָנען פאַנאַנדערפּייטן דעם צונויפגעפּרעסטן באַגריף אויף יענע „קליין־געלד", פון וועלכן ער באַשטייט. דאָס איז געוויס נישט קיין לייכטע זאַך, און גוטע פּאָפּולאַריזאַטאָרן זענען אַ גרויסע זעלטנהייט. קאַהאַן מיינט, אַז ער געהער צו זיי. איך וויל מיט אים זיך נישט אַמפּערן אין דעם פּונקט, אָבער אייגנטלעך מעג ער דאָך, אַז אויב די וויסנשאַפטלעכע ווערטן וואָלטן שטענדיק אָפּערירט מיט „קליין־געלט", וואָלטן זי פּשוט קיין צייט נישט געהאַט, צו מאַכן אַ וועלכן עס איז שריט פאָרווערטס. זי וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וועלכן עס איז טיפערן וויסנשאַפטלעכן אָדער פילאָזאָפישן זאַך, ווייל זי וואָלט תמיד געמוזט אויסטייטשן די הונדערטער און הונדערטער אייכצל־געדאַנקען, באַגריפן און פאָרשטעלונגען, וואָס מען מוז זינען פריער, איידער מען קאָן קומען צו יענעם נייעם געדאַנק.

נאָר אַדאַנק די צ ו ג ע פ א ס ט ע ר ע פ ע ג י ר ו ג ע צ באַגריפן האָט דער מענטשלעכער גייסט איינגעשפּאָרט צייט פאַר דעם ווייטערדיקן פּראָגרעס. וואָלט די מענטשהייט געפאָלגט אַב. קאַהאַנס עצה אין אָנזאַמלען און באַשאַפן קולטור, וואָלט זי נאָך אפשר עד היום געבליבן שטעקן אין אירע ערשטע אָנהויבן.

באמת, מיינען מיר, אַז אַב. קאַהאַן פאַרשטייט דעם ענין אַקוראַט אַזוי גוט, ווי מיר, און אים אַליין וואָלט לעכערלעך אויסגעקומען צו פאַרלאַנגען, אַז מאַרקס און קאַנט זאָלן שרייבן „פאַר אַלע קלאַסן מיט אַמאָל". ער פאַרלאַנגט דאָס אָבער פון די יידישע שרייבער. פאַרוואָס? טאַפּט איר דאָ נישט אָן מיט די פינגער די אמתע אורזאַך, די פאַרבאָרגענע ווונד פון זיין גאַנצן דענקען? יידן זענען קיין פאָלק נישט, און די יידישע שרייבער זענען קיין שרייבער נישט; זיי האָבן זיך נישט צו פאַרגלייכן מיט די מאַרקס און די קאַנטס. נישט אין יידיש און נישט פאַר יידן, ווי אַ פאָלק, האָט מען צו זאַמלען און שאַפן קולטור. די שמאַנט פון דעם פּראָגרעס דאַרף געהערן די

אומות העולם, פאַר די פאַר יאָר, וואָס די יידישע מאַסן וועלן גאָן פירן אַ באַזונדער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, איז פאַר ווי-גום דאָס „וויער-מילך" אָדער גאָר דאָס זריצר-וואַסער פון דער אויבערפלעכלעכער פּאָפּולאַריזאַציע. אָט דאָס און ניט קיין אַנדער זאַך איז דער אמתער טייטש פון קאַהאַנס גרינט-געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם איז נישט מער, ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע-באַוועגונג.

און צו דעמזעלביקן רעזולטאַט קומט מען, ווען מען דענקט זיך אַריין טיפער אין קאַהאַנס „איינציקן וועג", ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטן וויסן און אַנטוויקלען די מאַסן.

זייט אייך באמת משער, אַז קאַהאַן וואָלט וועלן אָנווענדן זיינע געדאַנקען אויף די אומות העולם און מען וואָלט אים געמאַכט פאַר אַ מיניסטער פון פאָלקס-אויפקלערונג. וואָס וואָלט ער געטאָן? די ערשטע זאַך וואָלט ער אָפּגעשאַפט אַלע פּעדאַגאָגישע אַנשטאַלטן, אַלע שולן, גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן, ביבליאָטעקן, מוזייען, לאַבאָראַטאָריעס, אָבסערוואַטאָריעס און לערנביכער, געשריבן אויף „אַ נישט פּאָפּולערער אַרט". דערנאָך וואָלט ער גענומען — אַרויסגעגעבן דעם „פאָרווערטס". אַלע שעה אַ „פאָרווערטס". אַלע האַלבע שעה אַ „פאָרווערטס"... ווייל אַ טעגלעכע צייטונג איז אַבסאָלוט נישט אימשטאַנד צו געבן עלעמענטאַרע בילדונג דעם עולם. דערקלערט איר היינט, וואָס איז אַ פּאָלוס און וואָס איז אַלומיניום, מוזט איר דאָס מאָרגן אָדער איבערמאָרגן ווידער דערקלערן, פאַר די ניי-אונטערגעוואַקסענע לייענער, וואָס האָבן מיט אַ טאָג צוריק נאָך נישט געקאָנט לייענען קיין „פאָרווערטס".

מיר ווילן נישט מער פאַנאַנדערשפּינען דעם געדאַנק און אַרויסברענגען אַלע קאָמישע סיטואַציעס, וואָס ליגן אין אים פאַרבאָרגן, אַב. קאַהאַן פאַרשטייט אַליין, ווי לעכערלעך אַזאַ געדאַנק איז... פאַר די אומות העולם. פאַרוואָס זשע קומט עס בײַ אים נישט אויס לעכערלעך בנוגע צו דעם יידישן פאָלק? אויף דאָ איז דער איינציקער תירוץ: ווייל קאַהאַן איז אַן אַסימילאַטאָר, און דער אַסי-

מילאָציע־געדאַנק איז די אמתע צענטראַל־אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך זיין גאַנצע אַרגומענטאַציע, זיין גאַנצע התלהבות פאַר פאָלקס־בילדונג און די גייסטיקע אינטערעסן פון דעם „פאָלקס־מענטש".

ווייל קאַהאַן איז אַן אַסימילאַטאָר, דעריבער נעמט ער אַרויס דאָס יידישע פאָלק פון דעם כלל פעלקער און לאָזט גאָר אויפן זינען נישט אַרויף די מעגלעכקייט, אַז אויך יידן דאַרפן זיך אַנטוויקלען, ווי אַלע אַנדערע אומות, אויף דעמזעלביקן נישט מאַטעריעלן שטייגער פון שולן, ביבליאָטעקן, אוניווערזיטעטן, וויסנשאַפטלעכע ביכער; אַז אויך יידן דאַרפן האָבן אַן אייגענע וויסנשאַפטלעכע אינטעליגענץ, וואָס זאָל באַשאַפן, זאַמלען און פאַנאַנדערטראָגן קולטור צווישן די מאַסן.

אָט דאָ ליגט דער צענטראַל־פונקט פון אונזער שטרייט, געערטער קאַהאַן! פאַרוואָס פאַרשווייגט איר אים? פאַרוואָס טרעט איר נישט אַרויס אָפן אַנטקעגן דעם פּראָגרעסיוון, דעם סאָציאַליסטישן נאַציאָנאַליזם? פאַרוואָס פאַרטיידיקט איר נישט קלאָר און דייטלעך אייער אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפונקט, לכל הפחות בנוגע צו אַמעריקע? באַווייזט, אַז איר זענט גערעכט! באַווייזט, אַז אייער אַלטער קאָסמאָפּאָליטישער וועג איז דער איינציקער, וואָס פירט צו מאַסן־אויפקלערונג, און איך וועל אייך באַווייזן, אויב דאָס איז נאָך אייך נישט געוואָרן קלאָר. אַז ער קאָן גאָר פאַרפירן אין... „אַזאַ מין ליים", פון וועלכן עס איז נישט אַזוי לייכט אַרויסצוקלעטערן...

שוין דער פאַקט, וואָס אַב. קאַהאַן פ אַ ר ש וו ײ ג ט דעם צענטראַל־פונקט פון אונזער שטרייט און טראָגט אים אַריבער גאָר אויף אַן אַנדער שטח, באַווייזט, אַז ער פילט זיך נישט גאָר זיכער אין זיינע אַלטע פּאָזיציעס. אָבער אויך אַנדערע סימנים זענען דאָ, נאָך וועלכע מען קאָן אורטיילן, אַז קאַהאַן איז געצוווּנגען צו מאַכן הנחות דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק; אַז ער הויבט שוין אָן „צו האַלטן" פון אַ סך זאַכן, פון וועלכע ער האָט אין די יינגערע יאָרן „נישט געהאַלטן". ער גיט איצטער צו, אַז אונזער יידישע מאַסע קאָן ווערן אַן אינטעליגענטע מאַסע,

אַז זי האָט אַ גרויסן חשק צו גייסטיקע שפייז, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע נאָכפראַגע נאָך לעקטאָרן און נאָך גוטע ביכער. „די גויט אין אַזעלכע ביכער, פון וועלכע אונזערע מאַסן זאָלן קאָנען שעפן בילדונג, איז פיל גרעסער, ווי מען שטעלט זיך געווייגלעך פאָר״, זאָגט ער. *)

פון אייער מויל, געגאָסע קאַהאַן, אין... די „פאָרווערטס-אַסאָסיאיישנס״ אויערן! אויף וואָס זשע וואַרט איר נאָך מיט דער אַרויסגאַבע פון גוטע ווערק אין יידיש? פאַרוואָס האָט איר נאָך נישט אַרויסגעגעבן לכל הפחות אַ פרעמד-ווערטער בוך. איר זאָלט נישט דאַרפן אַלע ווײַלע דערקלערן, וואָס אַזױנס אַן „אידייע-פיקס״ איז?

פאַרוואָס האָט איר ביז אַהער נישט אַרויסגעגעבן קיין גוטע פאָפולערע לעראַ־ביכער פאַר אַלע צווייגן פון דעם מענטשלעכן וויסן, איר זאָלט נישט דאַרפן אין „פאָרווערטס״ דערקלערן, וואָס אַזױנס איז „אַלימומיניום״ און „טערמאָמעטער״ און ווער עס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער שלאַכט ביי דעם אינזל סאַלאַמיס?

פאַרוואָס איז די בוכהאַנדלונג און דער פאַרלאַג פון דעם ב ע ר ל י נ ע ר „פאָרווערטס״ געוואָרן אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דעם דייטשישן פראָלעטאַריאַט און אייער „פאָרווערטס״ — — — קאָן נאָך עד-היום נישט לויז ווערן פון שונד-ראָמאַנען?

פאַרוואָס אַגיטירט איר נישט, די יידישע אַרבעטער-מאַסן זאָלן באַשאַפן אַ העכערע יידישע דערציאונגס-אַנשטאַלט, וואָס זאָל, יאָר איין, יאָר אויס, אַרויסלאָזן די זיי נויטיקע גייסטיקע קרעפטן: די לעקטאָרן, שריפטשטעלער, אָרגאַניזאַטאָרן, פראָפּאַגאַנדיסטן, ראַדיקאַלע קינדער-לערער, פאָפולאַריזאַטאָרן און דערגלייכן?

און נאָך אַ סך אַנדערע אַרבעטן קאָן מען אויסרעכענען, וואָס דער „פאָרווערטס״ וואָלט געקאָנט דורך זיין געוואַלטיקע

*) ד. ג.

פינאַנסיעלע און מאָראַלישע מאַכט דורכפירן. איך ברענג אָבער אָפּ דעם רייסטער, ווייל איצטער וואָלט דאָס אַלץ געווען אַרויס-געוואָרפענע רייד. *)

כל זמן אויף דעם שפּיץ פון דעם „פאָרווערטס", וואָס קאָנטראָלירט די ראַדיקאַלע באַוועגונג פונם יידישן קוואַרטאַל, וועלן שטיין אַ ס י מ י ל אַ ט אָ ר ן; כל זמן זיי וועלן נישט איינ-זען, אַז זייער שטאַנדפּונקט מוז על פּי נויטוועגדיקייט פירן צו פּרינציפּיעלער און סוף כל סוף פּאַקטישער עם-הארצות, איז אויף דעם „פאָרווערטס" נישטאָ וואָס צו האָפן. נישט ער קאָן און נישט ער וויל באַשאַפן יענע גייסטיקע מאַכט אין דעם יידישן סאָציאַליזם, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם טרויעריקן עם-הארצות-פּעריאָד, וועלכן מיר לעבן איצטער דורך.

סיידן אַ נס וועט געשען! סיידן דער שלייער פון דער אַסימילאַציע וועט פּלוצלונג אַראָפּפאַלן פון די אויגן. סיידן אין די הערצער וועט זיך אַמאָל פאַנאַנדערברענען אַ פלאַם פון אמתער ליבע צו דעם יידישן פאָלק און זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג און וועט זיי אויסלייטערן פון וויסטע גאוה, קליינלעכע אינטריגעס, יאָגעניש נאָך צירקולאַציע, דריי-גראָשנדיקן באַנאַפּאַרטיזם און אַלע יענע קליינינקע, ווידערלעכע ברואימלעך, וואָס האָבן זיך נעמוזט אָנהויבן פּרוכפּערן און מערן אין דידאָזיקע הערצער-ווייל די מוחות זענען געווען פאַרנומען מיט קליינינקע, דריי-גראָשנדיקע דרדקי-צילן.

סיידן דער אידעאַל וועט זיך פּלוצלונג באַווייזן פאַר זייע-רע גייסטיקע אויגן אין זיין גאַנצער גרויס: דער אידעאַל פון דער גייסטיקער ווידערבאַלעבונג פונם יידישן פאָלק, דער אידע-אַל פון אַוועקשטעלן דעם יידישן סאָציאַליזם אויף אַזאַ הויך און די קולטור פון אונזערע מאַסן אויף אַזאַ מדרגה, וועלכע זיי

*) עד היום אַרויסגעוואָרפענע רייד! דאָס ביסל העברעיִש קולטור, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט אין אַמעריקע, האָט געמוזט געבוירן ווערן אין דעם „פאָרווערטס", אָפטמאָל אין קאַמף אַנטקעגן אים. (1918).

בײדע פאַרדיבען, לויט די גײסטיקע פעאיקײטן פון אונזער פאָלק!...

מיר דוכט, אַז שוין פון דעם נאָר וואָס געזאָגטן קאָן קלאָר ווערן, ווי קינדיש נאַאיוו עס איז (אָדער ווי דעמאַגאָגיש אומגערעכט דאָס איז, — זאָל קאַהאַן אויסקלויבן, וואָס עס איז נענטער צו דעם אמת), ווען קאַהאַן מאַכט מיר דעם פאָרוואורף, אַז מיך „אינטערעסירט די יידישע שפּראַך גראָד אַלס שפּראַך, וועלכע דער יידישער פאָלקס-מענטש זאָל נישט פאַרשטײן“ *) און אַז פּאָפּולאַריזירן איז נאָך מײַן מײנונג נאָך „נידעריקער פאַר דער ווירדע פון אַ פולשטענדיקער קולטור-שפּראַך“ **).

ווער האָט דען ווען עס איז געלײקנט די אומגעהײרע נויטווענדיקײט פון פּאָפּולאַריזאַציעס נישט נאָר פאַר די אומוויסנדיקע, נאָר אויך פאַר די געבילדעטסטע פון די געבילדעטע?

די וויסנשאַפט איז איצטער אַזוי ספּעציאַליזירט און רײך, אַז אַן ענציקלאָפּעדיש-וויסנשאַפטלעכער מאַן איז אַ דערשײנונג, וואָס קאָן אין דער מציאות נישט זײַן. העכסטנס, וואָס מען קאָן דערגרײכן, איז זײַן אַ ספּעציאַליסט אין אײן-אײנציקן וויסנשאַפטלעכן פאַך אָדער גאָר אין אַ צווײג פון אַ וועלכער עס איז אײנצל-וויסנשאַפט. אין די איבעריקע פאַכן און צווײגן קאָן מען אָבער זײַן מער ווייניק וויסנשאַפטלעך באַהאַוונט. דערפאַר קאָן מען אָבער זײַן אַ מער אָדער ווייניקער ענציקלאָפּעדיש-געבילדעטער מאַן, און צו דעם זאָל יעדער שטרעבן. אָבער דאָס קאָן מען נאָר — אַ דאַנק פּאָפּולאַריזאַציעס, אַ דאַנק דעם, וואָס אײניקע ספּעציאַליסטן פון זײער פאַך האָבן נאָך דערצו די זעלטענע פעאיקײט אויסצובײטן די צונויפגעפּרעסטע גאָלד-קלומפּן פון דער וויסנשאַפט אויף קלענערע גילדערנע, זילבערנע אָדער זאַגאַר ניקלענע און קופּערנע מטבעות.

*) ד. ג. ז. 113.

**) ד. ג. ז. 112.

א גאנצן שטאפל־ליטער פון פאפולאריזאטארן ברענגט די מענטשהייט ארויס פון דור צו דור, כדי צו פארשפרייטן די רעזולטאטן פון דער וויסנשאפט אין אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג, אין יעדער שיכט לויט דעם גראד פארבילדונג, וואס זי קאן האבן. אנטקעגן זיי קעמף איך נישט. זייער ארבעט זאל זיין געבענטשט! אפילו די „גיקלענע" און „קופערנע" פאפולאריזאטארן, די פאלקס־לערער און פאלקס־שריפטשטעלער פארדינען דעמזעלביקן רעספעקט, וואס יעדער ערנסטער ארבעטער אויף דעם געביט פון דער קולטור. איך קעמף נאר אנטקעגן יענע קבצנישע פאפולאריזאטארן, וואס האבן אפילו קיין קופער נישט און אנשטאט דעם גיבן זיי בלעך, אדער נאך ערגער: „אזא מין ליים"...

און די יידישע שפראך ווילן מיר, זי זאל נישט בלייבן צוגעפאסט מער נישט, ווי צו דער בלעכענער און ליימענער וויסנשאפט. זי דארף קאנען טראגן אין זיך אויך די שווערסטע גאלד־קלומפן, אקוראט ווי די שטארקסטע פון די מאדערנע קולטור־שפראכן...

נאך אין מיין גאר פריער יוגנט, מיט א יאר פינף־און־צוואנציק צוריק, איז מיר קלאר געווארן דער געדאנק, אז איינע פון די הויפט־סיבות פון אלע אונזערע יידישע צרות איז דער נידעריקער קולטור־מעמד פון דעם יידישן פאלק; אז שולדיק אין דעם איז די יידישע אינטעליגענץ, וואס האט פארלאזט אונז, ווי מייז, וואס אנטלויפן פון א זינקענדיקן שיף; אז דאס אומגליק, וואס האט ארויסגעבראכט די שולד, איז דער פאלשער אסימילאציע־געדאנק, וואס טענהט, אז אונזער שיף מוז זינקען. אנטקעגן אט דער צענטראל־וואנט פון אונזער לעבן, אנטקעגן אט דעם שונא קעמף איך שוין פינף־און־צוואנציק יאר און וועל נישט אויפהערן צו קעמפן, ביז וואנען זיין מאכט איבער די מוחות פון די געבילדעטע וועט נישט זיין אינגאנצן געבראכן.

ס'איז אבער דא נאר איין מיטל, ווי צו באקעמפן אים נישט נאר אין דער טעאריע, נאר אויך אין דער פראקטיק, און

דאָס איז די באַשאַפונג פון אַן אייגענער רייכער יידישער קולי־
טור אין דער יידישער שפּראַך.

בליק איך צוריק אויף באַלד פינף־און־צוואַנציק יאָר קאַמף,
קאָן מיך געוויס פאַרדריסן, פאַרוואָס עס איז מיר געווען אומ־
מעגלעך אַוועקצוגעבן מיין גאַנצע קראַפט פאַר אים. אָבער אין
דערזעלביקער צייט מוז איך מיך דאָך פרייען, ווען איך זעה
וועלכע נצחונות דער מיר טייערער געדאַנק האָט שוין געוווּ־
נען אין לעבן און וועלכע איבערגעבענע שטרייטער עס קלייבן זיך,
אונטער זיין פאָן. דאָס גיט מיר מוט צוצושטיין צו זיי און אינ־
איינעם מיט זיי ווייטער פירן דעם קאַמף, אַ גליקלעכער, וואָס
איך קאָן אַוועקגעבן דערפאַר מיין גאַנצע ענערגיע. דאָס גיט
מיר אָבער אויך די קראַפט גלייכגילטיק אַריבערצוטראָגן די פאַרן
שיידענע אָנפאַלן, מיט וועלכע מיינע געגנער באַהערן מיך פון
צייט צו צייט...

אָבער דעם גרעסטן עגמת־נפש האָב איך, ווען איך בין
געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן אַנטקעגן מענטשן, וואָס איך וואָלט
אַזוי גערן געוואָלט, מיר זאָלן קאָנען אינאיינעם אַרבעטן האַנט
אין האַנט. אויב אין דער היץ פון דער פּאָלעמיק האָב איך
אפשר אָנגעווענדעט אַ צו שאַרפן אויסדרוק; אויב איך האָב זיי
אומגערן און נישט־פאַרדינטערהייט וויגעטאָן, בעט איך ביי זיי
מחילה וסליחה פון גאַנצן האַרצן...

„דאָס נייע לעבן“, מערץ־יוני, 1910.

סימנים פון א נייעם לעבען ביי די יידן
אין אמעריקע

סימנים פון אַ נייעם לעבן ביי די יידן אין אַמעריקע

1.

(די פיר טענדענצן אין דעם יידישן גלות-לעבן. — די יידישע פאַרמער-קאָנפערענץ.)

אומעטום אין גלות — און אויך אין דעם גלות-אַמעריקע — ווירקן פ י ר קרעפטן אויף דאָס יידישע לעבן.

די ערשטע קראַפט איז — דאָס א ו מ ב אַ ו ו ו ס ט ע, אינסטינקטיווע נאַציאָנאַלע לעבן פון פאָלק. ווען אַ פאָלק האָט געזונט לעבנס-קראַפט אין זיך, ווערט עס אומעטום, ווו די אומשטענדן דערלאָזן עס, אַרויסברענגען אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן, גאָרנישט טראַכטנדיק, אַז עס ווערט געבויט דערביי אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור. יעדער איינצלנער ייד זעט דערביי צו באַפרידיקן זיינע אייגענע אינטערעסן, גייסטיקע אָדער מאַטעריעלע. אָבער אַזוי ווי יעדער איינצלנער איז אַ ייד, קומט אַרויס אין לעצטן סך-הכל, אַז די אינטערעסן ווערן באַפרידיקט פאַר אַ גרויסער יידישער מאַסע דורך אַ גרויסע יידישע מאַסע, און די באַפרידיקונג מוז דעריבער, ווילנדיק נישט ווילנדיק, טראָגן אויף זיך אַ קלאָרן יידישן שטעמפּל. דער יידישער שטעמפּל שיידט אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אַרומיקע פעל-

ערק ווערט, נישט נאָר צו אַ בולטן נאַציאָנאַלן סימן, נאָר אויך צו אַ קראַפט, וואָס דערהאַלט טאָג טעגלעך די יידישע נאַציע.

דער בעסטער ביישפּיל פון אַזאַ אומבאַוווסטן נאַציאָנאַל־קולטורעלן שאַפן איז די יידישע פּרעסע און דער יידישער טעאַטער. די, וואָס גרינדן אַ יידישע צייטונג, אַ זשורנאַל, אַ טעאַטער אָדער אַ יידישן „מוזיק־האָל״ (אַ מין „קאַפע־שאַנטאַן״) האָבן דערביי דאָס רוב אין זינען די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק. זיי ווילן דערביי מאַכן אַ געשעפט אָדער באַפרידיקן מיט זייער אונטערנעמונג אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע באַדערפעניש אין קונסט, אויפקלערונג און פּאָליטישער טעטיקייט. און אויך דער לייענער פון דער פּרעסע און דער באַזוכער פון דער פאָרשטעלונג האָט דאָס רוב אפילו נישט אין דער לינקער פּאה דעם געדאַנק, אַז דורך זיין לייענען און געניסן וועבט ער, טאָג אויס, טאָג איין, די פעדים פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור. ביידע צדדים, די אונטערנעמער און די געניסער, טראַכטן בעת מעשה נישט, אַז איין צד כאַפּט אָן אַן אויפהער אַריין אין די אָדערן פון דעם פאָלק נאַציאָנאַל בלוט און דער אַנדערער — עטעמט אָן אַן אויפהער אין זיך אַריין נאַציאָנאַלע לעבנס־קראַפט. גוט אָדער שלעכט, אויף אַ הויכער מדרגה אָדער אויף אַ נידעריקער, — זענען פּרעסע און יידישע פאָרשטעלונגען נאַציאָנאַלע סימנים פון דעם יידישן פאָלק און קרעפטן פאַר זיין דערהאַלטונג, — סימנים און קרעפטן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן ס ט י כ י ש, אומבאַוווסט, פון דעם אינסטינקטיוון געפיל, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ באַזונדער פאָלק און אַז זיינע באַדערפענישן מוזן באַפרידיקט ווערן אויף אַ באַזונדער אַרט (לאָז זיין מער נישט ווי אין דעם פונקט פון שפּראַך), לויט זיין נאַציאָנאַלער נאַטור.

צו דעמזעלביקן אַרויסוווּקס פון א ו מ ב אַ ו ו ו ס ט־נאַציאָנאַלן שאַפן געהערן אויך די פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס, באַשאַפן פון יידן פאַר יידן: חברות, פאַראיינען, לאָדזשן, געווערקשאַפטן, אַרבעטער־רינגן, פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען, „אנשי־בני״־געזעלשאַפטן און דערגלייכן. אומבאַוווסט

שפּיגלען זיי ווייטער דעם פּאַדים פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, ערשטנס, דורך דער יידישער שפּראַך, צווייטנס, דורך דעם פאַקט גופא, וואָס זיי זונדערן אָפּ אין געוויסע אָרגאַניזאַציעס יידן פון נישט יידן, און דריטנס — ווען אפילו נישט אומעטום — דורך דעם באַזונדערן אופן, ווי אַזוי די געגעבענע באַדער-פעניש ווערט באַפרידיקט פון יידן פאַר יידן. דער באַזונדערער אופן טראָגט שוין אין זיך קלאָר די שפּורן פון דעם באַזונדערן יידישן פאָלקס-כאַראַקטער.

די צווייטע קראַפט, וואָס ווירקט אויף דאָס יידישע לעבן אין גלות איז אויך אַן אומבאַוווסטע און גייט איינגאַנצן להיפּך צו דער ערשטער. דאָס איז דאָס סטיכישע באַשטרעבן צו אַסימילירן זיך מיט דער אַרומיקער וועלט. ביי אַ פאָלק, וואָס לעבט נאָרמאַל אויף זיין אייגענעם לאַנד, איז די אַרומיקע וועלט און די אייגענע וועלט — איין-און דיזעל-ביקע וועלט. דאָס באַשטרעבן זיך צו אַסימילירן און דער אינ-סטינקט פון וועבן אייגענע קולטור העלפן ביי אַ נאָרמאַלן פאָלק און שטאַרקן איינס דאָס אַנדערע: דער וועב-אינסטינקט באַשאַפט נאַציאָנאַלע קולטור און אַ נאַציאָנאַלע סביבה, דער צו-פּאַסונגס-אינסטינקט פאַרשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע „אַרום" און ווירקט אָנטרייבנדיק אויף דער נאַציאָנאַלער באַשאַפונגס-קראַפט. ביי אַ פאָלק אין גלות ווירקן די צוויי קרעפטן איינע אַנטקעגן דער אַנדערער. וואָס איינע שאַפט, וויל די אַנדערע צעשטערן.

עס איז שווער צו זאָגן, וואָס וואָלט געווען דער באַלאַנס פון די צוויי אין גלות פיינטלעכע קרעפטן, ווען אין זייער קאַמף וואָלטן זיך נישט אריינגעמישט די צוויי אַנדערע קרעפטן, די באַוווסטזיניקע טענדענצן: די באַוווסט-זיניקע אַסימילאַציע (די דריטע קראַפט) און דער באַ-וווסטזיניקער נאַציאָנאַליזם (די פערטע קראַפט).

ביז צו דעם סוף פון אַכטצנטן יאָרהונדערט האָט ביי דעם יידישן פאָלק דער באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַליזם תמיד איבער געווען די באַוווסטזיניקע אַסימילאַציע. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער יידישער רעליגיע און האָט געמאַכט פון

איר אַ מעכטיקן כּלי-זין אין דעם קאַמף פאַר דעם נאַציאָנאַלן יידישן זיין אויף דער וועלט. אָבער צום סוף פון דעם אַכט-צענטן יאָרהונדערט האָט די באַוווסטע אַסימילאַציע גענומען נעווינען די אויבערהאַנט איבער דעם נאַציאָנאַליזם. קודם כּל האָט זי פאַנאַנדערגעשפּאָלטן די היסטאָרישע אידייען-פאַרבינדונג פון יידישע נאַציע און יידישע רעליגיע און האָט דערקלערט, אַז מען קאָן בלייבן אַ ייד לויט דער רעליגיע און צו דער-וועלביקער צייט זיין נאַציאָנאַל אַ דייטש, אַ רוס, אַ פראַנצויז. די קאָנסעקווענטערע אסימילאַטאָרן האָבן דערפון אַרויסגעבראַכט דעם שלוס, אַז אַ געבוירענער ייד קאָן און דאַרף זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן אי פון דעם יידישן פאָלק, אי פון דער יידישער רעליגיע.

דער באַוווסטזיניקער אַסימילאַציאָניזם איז לפי ערך נישט לאַנג געוועזן דער איינציקער בעל-הבית איבער די מוחות און הערצער פון דער יידישער אינטעליגענץ. וויפל שאָדן ער זאָל נישט האָבן געבראַכט דעם יידישן לעבן, איז ער געוועזן אַ נויטווענדיקער און אַ נויטיקער איבערגאַנג פון דעם אַלטן, רע-ליגיעזן נאַציאָנאַליזם צו דעם מאָדערנעם. ערשט אויף דעם באָדן, וועלכן ער האָט באַשאַפן, אויף דעם פאַנאַנדערגרייס פון רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט, האָט געקאָנט אַרויסשפּראָצן, פאַ-נאַנדערוואַקסן זיך און אויפבליען דער איצטיקער נאַציאָנאַליזם. אַקוראַט ווי דער אַסימילאַטאָר האָט געטענהט, אַז מען קאָן זיין רעליגיעז אַ ייד און נאַציאָנאַל אַ דייטש, אַ רוס, אַ פּאָלאַק, טענהט איצטער דער קאָנסעקווענטער נאַציאָנאַליסט, אַז מען קאָן זיין נאַציאָנאַל אַ ייד, אַז יעדער געבוירענער ייד איז נאַציאָנאַל אַ ייד, ווען אַפילו ער איז רעליגיעז אַ קריסט, אַ מוהאַמעדאַנער, אַן אַטעאיסט.

מען דאַרף נישט גלויבן, אַז אָט די נאָר וואָס אָנגערופענע הויפּט-קרעפטן פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן ווירקן יעדע פאַר זיך, נישט צונויפגעמישט מיט די אַנדערע. דאָס לעבן איז תּמיד אַ זאַך, צונויפגעוועבט פון פאַרשיידענע פעדים. אין איין-און-רעמזעלביקן לעבנס-פאַקט קאָן מען אויפדעקן די ווירקונג פון

די פאַרשיידענע קרעפטן, וואָס גיסן זיך אין אים צונויף אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס.

אַן אַסימילאַטאָריש בלאַט, אין יידיש געשריבן, אַ מין „פרייע אַרבעטער שטימע", ווירקט באַוווסטזיניק אַסימילאַטאָריש, אומבאַוווסט נאַציאָנאַל. לויט דעם אידעאַל נאָך, פאַרדיקט עס צונויפגיסונג מיט די אַרומיקע פעלקער און שניידט דורך אַ וועג אין די מוחות און אין די הערצער פון די לייענער — פאַר אַזאַ צונויפגיסונג. לויט זיינע מעשים נאָך, פּומפּט עס, וואָך אויס וואָך איין, יידישע שפּראַך און יידישע ליטעראַטור אַריין אין די מוחות אין די הערצער פון די לייענער. עס ווערט אַרויסגע-בראַכט די אָפּזונדערונג פון דעם יידישן פאָלק און עס ווערט פאַרשטאַרקט די פאַנאַנדערשיידנדיקע וואַנט.

צוריק, איז אַ נאַציאָנאַל-יידישע צייטשריפט אין אַן אייראָ-פּעאישער שפּראַך, ווי, למשל, „דער מאַקאַבעער" אין ענגליש, אַ געמיש פון באַוווסט-נאַציאָנאַלער און אומבאַוווסט-אַסימילאַ-טאָרישער טענדענץ. לויט דעם אידעאַל נאָך, שניידט ער דורך אין די מוחות און הערצער אַ וועג פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג פון יידישן פאָלק; לויט די מעשים זיינע, פאַרשטאַרקט ער ביי אים די פּאָזיציע פון דער ענגלישער שפּראַך, ד. ה. ער טראָגט אַראָפּ אַ שטיק פון דער פאַנאַנדער-שיידנדיקער וואַנט. אַזוי איז אויך, למשל, הרוגס נאַציאָנאַל-יידישע לידער אין רוסיש, ווי די גאַנצע רוסיש-יידישע ליטעראַטור פון דעם נאַציאָנאַלן לאַגער, אַ געמיש פון באַוווסטן נאַציאָנאַליזם און אומבאַוווסטער רוסישער אַסימילאַציע.

דער היסטאָריקער פון דעם יידישן לעבן מוז שטענדיק האָבן אין זינען דאָס פאַרוויקלטע און פאַרפלאָנטערטע שפּילן פון די פיר הויפּט-טענדענצן אינם יידישן גלות-לעבן, בעת ער וויל אויפנעמען אַ מאָמענט-בילד פון די נייעסטע פּאַסירונגען.

דאָס גאַנצע לעבן פון די אַמעריקאַנער יידן איז געווען פּמעט דורך און דורך אויפגעבויט אויף דעם באַוווסטן פּרינציפּ פון אַסימילאַציע. יידן האָבן נישט קיין אייגענע יידי-שע אינטערעסן, ד. ה. אַלגעמיין-מענטשלעכע אינטערעסן אין אַ

יידישער פאָרם פאַר יידן, אַ חוץ רעליגיעזע. דאָס איז דער גרונט־כלל, וואָס הערשט כמעט אומעטום ביי די יידן אין אַמעריקע.

ווהין טרייבן אָבער די לעבנס־נויטן פון די יידן אין אַמעריקע? צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַסימילאַציע־פּאָזיציע, אָדער צו דעם אַרויסברענגען פון באַוווסטן נאַציאָנאַליזם?

נעמען מיר די וויכטיקסטע פאָסירונגען פון היינטיקן ווינטער.

מיר האָבן דאָ קודם־כל געהאַט אַ צונויפפאָר פון י י ד י־ ש ע פ אַ ר מ ע ר ס.

וואָס איז איר נאַציאָנאַלע באַדייטונג? האָט זיך אַ גרופּע יידן צונויפגעקליבן, כדי מישב צו זיין זיך וועגן אַ מקוה, אַ חזן, אַ שוחט און אַ שול? ניין! מען האָט גערעדט קודם כל וועגן אַזעלכע „יידישע״ זאַכן, ווי מיסט פאַר די פעלדער, בהמ־קעס, טאַבאַק, הויפּטלעך־קרעדיט, אַגראַר־קרעדיט, אייגענע מעל־מילן א. אַז. וו. דאָס איז געווען אַ גרופּע ע ר ד־ב אַ אַ ר ב ע ט ע ר.

אָבער וואָס האָט מיסט פאַר די פעלדער צו טאָן מיט יידישקייט? פאַרוואָס איז זיך די גרופּע „אַל־מענטשלעכע״ ערד־באַאַרבעטער נישט צונויפגעפאָרן מיט אַלע אַנדערע גרופּן ערד־באַאַרבעטער, וואָס וווינען אין אַ באַשטימטער געגנט? זיי זע־נען זיך צונויפגעפאָרן באַזונדער, ווי יידן, דערפאַר, וואָס די מענטשהייט איז פאַנאַנדערגעטיילט נישט נאָר נאָך די ליניעס פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, נאָר אויך נאָך די ליניעס פון פאַר־שיידענע נאַציעס. יעדע פּראָפעסיע פון יעדער נאַציע האָט זיך איר קעסטעלע אויף דעם שאַך־ברעט, באַשאַפן פון דעם איבער־שניידן זיך פון די פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע און נאַציאָנאַלע ליניעס.

די יידישע פאַרמערס זענען יידישע פאַרמערס. זייערע אינטערעסן און ממילא זייערע פּסיכאָלאָגיעס שטאַמען נישט נאָר פון דעם, וואָס זיי געהערן צו דער פּראָפעסיע פון ערד־אַרבע־טער און לאַנדווירטן, נאָר אויך פון דעם, וואָס זיי געהערן צו דער נאַציע פון די יידן. זייער לאַגע ווערט דיקטירט נישט

נאָר פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך די לאַנדווירטשאַפט, נאָר אויך פון דער נאַציאָנאַלער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

וואָלט מען אויף דער יידישער פאַרמער־קאָנפערענץ גע־רעדט נאָר וועגן פעלד־מיסט און קרעדיט, וואָלטן מיר געמוזט זען אין איר מער נישט, ווי אַ נייע ס ט י כ י ש ־נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וואָס פאַרשטאַרקט אומבאַוווסטערהייט און נישט ווילנדיק אונזער נאַציאָנאַלע פּאָזיציע אין גלות אויף דעמ־זעלביקן אופן, ווי זי ווערט פאַרשטאַרקט פון אַן אָרדן „בני־ברית“, אַן „אַרבעטער־רינג“, אַפילו אַ „פרייע אַרבעטער שטימע“. אָבער אויך אַנדערע רייד האָבן זיך געלאָזט הערן אויף דער קאָנפע־רענץ, אויס דעם מויל פון יידישע פאַרמערס. יידישע נויטן און יידישע אידעאַלן זענען אַרויפגעשווומען אין דער באַראַטונג, ד. ה. אַלגעמיינע מענטשלעכע נויטן און אַלגעמיין־מענטשלעכע אידע־אַלן, וואָס האָבן באַקומען אַ ספּעציפישע פאָרם אָדער אַ ספּעצי־פישע וויכטיקייט פאַר דער גרופּע מענטשן, וואָס רופט זיך „דאָס יידישע פאָלק“.

דאָס יידישע פאָלק איז אַ פ אַ ר אַ ז י ט אַ ר י ש לעבנס־געוויקס. מיר מיינען דאָס נישט נאָר אין דעם אַנטיסעמיטישן זין פון לעבן פון פרעמדער אַרבעט, מיר מיינען דאָס אין דעם וויסנ־שאַפטלעך־ביאָלאָגישן זין. אַ פּאַראַזיטאַרישע פלאַנץ איז אַזאַ, וואָס לאָזט אירע וואָרצלען אַריין נישט דירעקט אין דער ערד, נאָר אין דעם גוף פון אַן אַנדער פלאַנץ, פון וועלכער זי זויגט איר לעבנס־זאַפט. אַ פּאַראַזיטאַריש פאָלק מ ו ז געהאַסט ווערן. אַ פּאַראַזיט איז אַן אומגליקלעכע באַשעפעניש. אויף דער רייכסטער און פעסטער ערד, צווישן דער שענסטער, מילך און האָניג טריפנדיקער נאַטור, איז ער פאַרמשפּט פאַרהונגערט צו ווערן, אויב ער האָט נישט קיין פרעמדן לעבעדיקן אָרגאַניזם, אין וועלכן ער זאָל זיך קאָנען איינזויגן. און אין אַזאַ אומגליקלעכער און מיאוסער לאַגע געפינט זיך דאָס יידישע פאָלק, דאָס יידישע אַרבעטער־פאָלק. דער יידישער אַרבעטער מעג זיין דער גרעסטער מאָדים אין העמדלעך נייען, אין דראַטווע ציען. אָבער נעמט אָט

דעם שער און נאָדל-מענטש, נאָל און דראַטווע-מענטש און זעצט אים אַריין אין דעם רייכסטן גן-עדן פון דער נאַטור, וועט ער אויסגיין פאַר הונגער, ווי עס גייט אויס פאַר הונגער יענע פאַראַזיטן-מילב. ווען מען נעמט צו פון איר מילבן-שקלאַפן, וואָס טראָגן איר צו שפייז אין מויל אַריין, ווי עס דאַרט איין אַ פאַראַזיטן-פלאַנץ, ווען איר זעצט זי אַריין אין דער ערד און גיט איר נישט די מעגלעכקייט אריינצוזאָגן אירע זויג-וואָרצלען אין אַ פרעמדן אָרגאַניזם.

אַ מענטש איז אָבער נישט געבונדן אָן זיין אָרט לעבן, ווי די פלאַנץ, אָדער די וואַנץ. געצווונגען פון די אומשטענדן צו פירן אַ וואַנצן-לעבן, קאָנען אים אַנדערע אומשטענדן און אידעאַלן צווינגען דורכצופירן אַ גאַנצן איבערקער אין זיין נאַטור. פאַר דער יידישער פלאַנץ איז אויסגעוואַקסן די נויט, וואָס ווערט באַלד צו אַ נויטווענדיקייט, אַריינצוזאָגן אייגענע דיקע וואָרצלען דירעקט אין דער מוטער-ערד און פון איר זויגן די הויפט-חיונה. און די נויט איז אָפן אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון די יידישע פאַרמערס. זיי האָבן זיך צונויפגעפאָרן אויף אַ קאָנפערענץ נישט נאָר, כדי זייער אייגענע לאַגע צו פאַרבעסערן, נאָר כדי צו מאַכען פראָפאַגאַנדע פאַר יידישע לאַנדווירטשאַפט, אויפצושטעלן אַן אידעאַל פאַר דעם פאָלק, צו לעבן דירעקט פון נאַטורס פולער און פרייער האַנט און אויסצופאָרשן די באַדינגונגען און וועגן, וועלכע קאָנען פירן צו דעם פאַרווירקלעכן פון דעם אידעאַל.

אָבער אויך אַ דירעקטע יידישע לעבנס-נויט פון יידישע פאַרמערס איז געקומען צום פאַרשטיין אויף זייער ערשטער קאָנפערענץ. דאָס איז די נויט אין יידישע דערציונג, די נויט אין יידישע לערער, וואָס האָט זיך אין דאָרף אַרויסגעוויזן נאָך שניידנדיקער איידער אין שטאָט... געזונטע און שטאַרקע באַדערפעניש פון אַ פאָלק רופן תמיד אַרויס מיטלען, ווי זיי צו באַפרידיקן. די נויט אין יידישער דערציאונג אין דאָרף, ווען זי וועט נאָך מער אָנוואַקסן און שאַרפער ווערן, וועט אַרויסרופן צום לעבן אַ יידישן לערער-סעמינאַר,

וואָס זאָל אויסבילדן מאָדערנע יידישע פּעדאַגאָגן פֿאַר שטאָט און דאָרף. און אַזוי קייטלט זיך דאָס איינס און ס'אַנדערע, און אַזוי פֿאַרצווייגט זיך און וואַרפֿט זיך פֿאַנאַנדער די יידישע נויט, וואָס רופֿט אַרויס פֿאָרמען פֿון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

די יידישע פֿאַרמער-באַוועגונג אין אַמעריקע האָט אָבער נאָך אַ טיפֿערע און וויכטיקערע נאַציאָנאַלע באַדייטונג, וואָס מער מיר דרינגען אַריין אין די לעצטע וועלט-פּאַסירונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער פֿאָלק, אַלץ מער ווערט אונז קלאָר, אַז די לעצטע און טיפֿסטע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דעם יידישן פּראָבלעם, די באַשאַפֿונג פֿון אַ זעלבשטענדיקער, פֿרייער, אייגענער היים איז אַן אידעאַל, וואָס צו זיין פֿאַרווירקלעכונג וועט אונזער דור דאַרפֿן אַוועקלייגן די ערשטע גרונט-שטיינער.

די סכסוכים וועגן דעם „ווו" פֿון דער יידישער היים זענען שוין כמעט ווי אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן. דאָס איז די פֿרייד און אונזער פֿריינטלעכע טערקיי, די אָפּיציעלע, ערנפֿולע איינלאַדונג פֿון דער טערקישער רעגירונג, צו באַזעצן זיך אין איר לאַנד, ווו נאָר מיר ווילן, און די אָנגעברייטקייט אַוועקצוגעבן אינגאַנצן אין אונזער בעל-הבתישקייט אַזאַ צוקונפֿטספֿולע, נאָך נישט באַזעצטע פּראָווינץ, ווי מעסאָפּאָטאַמיע, האָט מיט אַ שטאַרקן רוק, ווי דאָס טרעפֿט אָפֿטמאָל אין דער געשיכטע, אַראָפּגעשלעפּט אַן אידעאַל פֿון הימל און אַוועקגעשטעלט אים אויף דער רעאַלער ערד. פּאַלעסטינע און די נאָכבאַר-לענדער, דאָס איז דאָס „ווו" פֿון דער יידישער היים. די גלייכצייטיקע קאָלאָניזאַציע פֿון פּאַלעסטינע און מעסאָפּאָטאַמיע, דאָס איז דאָס „ווי אַזוי" פֿון איר מקוים ווערן אין לעבן. פֿון היינט אָן און להבא, דאָס איז דער ענטפֿער אויף דעם „ווען".

אָבער צו דער קאָלאָניזאַציע דאַרף מען האָבן ק אָ ל אָ נ י ס ט ן. עס וועלן אין דער ערשטער צייט גיין אין אַ ביטערן קאַמף מיט דער נאַטור, צו באַצווינגען זי און צו מאַכן זי אונטערטעניק פֿאַר אונזערע צילן, מענטשן, וואָס ווייסן נאָך נישט, ווי צו באַגיין זיך מיט איר, רעקרוטן פֿון דעם לאַנדווירטשאַפֿטס-חיל, וואָס וועלן אין דער מלחמה גופֿא זיך מוזן לערנען די

מלחמה. גוטע סאָלדאַטן און אָפיצירן וועלן דערווייל וואַקסן און זיך אויסבילדן אין גלות-אַמעריקע. אויב מיר וועלן דאָ פאַר-שטיין די גאַנצע באַדייטונג פון דער יידישער אַגראַר-באַוועגונג, אויב מיר וועלן אָנווענדן די גאַנצע נויטיקע ענערגיע אויף איינ-צופונדעווען זי און צו שטיצן זי, קאָנען מיר ברענגען דערצו, אַז אַמעריקע זאָל אין אַ יאָר צען, פופצן ארום, יאָר אויס, יאָר איין, אָנהויבן אַרויסשיקן אין אונזער נייער-אַלטער היים מחנות פון יידיש-דערצויגענע לאַנדווירטן, געזונטע, פרייע און שטאָלצע מענטשן, וועמעס כלי-זין אין דער מלחמה פאַרן לעבן וועלן שוין נישט מער זיין שער און נאָדל, נאָל און דראַטווע, מקח וממכר, נאָר דער אַקעראייזן און דאָס שניט-מעסער. זיי וועלן שנעל פאַרמערן די דיקע וואָרצלען אין אונזער אייגענער ערד און בויען די צוקונפט פון אונזער פאָלק.

די פאַרמער-קאָנפערענץ איז אַ יידישע אינסטיטוציע, וואָס איז נישט נאָר סטיכיש אַרויסגעשפרונגען פון אַ יידישער לעבנס-נויט, נאָר וואָס איז שוין אין איר ערשטן שריט באַגאָסן מיט שטראַלן פון אַ באַוואוסטזיניקן פראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם *). דאָס איז אין אַמעריקע אַ נייע זאַך, אַ סימן פון אַ נייעם לעבן. ביז אַהער האָבן אין אַמעריקע געקעמפט דער אומבאַוואוסטער וועבּ-אינסטינקט פון דעם יידישן פאָלק מיט דעם אומבאַוואוסטן צו-פּאַסונגס-טריב, און אויף דער צופּאַסונגס-שאָל איז מיט איר גאַנצן געוויכט געלעגן די אָפיציעלע און אינטעליגענטע באַ-וואוסטע אַסימילאַציע-טענדענץ. עס ווייזן זיך סמנים פון אַ פעריאָד, ווען אויף דער אַנדער שאָל פון וואָג וועט ארויפגע-לייגט דאָס געוויכט פון באַוואוסט-נאַציאָנאַלע בנינים.

די פאַרמער-באַוועגונג איז נאָר איין סימן אַזאַ, עס זענען דאָ נאָך אַנדערע סימנים, וואָס באַווייזן די נידערלאַגע פון דעם באַוואוסטזיניקן אַסימילאַציאָניזם אין דעם יידישן **לעבן און דענקען**.

*) מ י י ן אָפּשאַצן די פאַרמער-באַוועגונג פון יענער צייט איז געווען געווען פריי פון אַ צו-ראָזעווען אָפּטימיזם, אָבער פּרינציפּיעל בלייבט ריכטיק דער בליק אויף איר נאַציאָנאַלן באַטייט. (1918).

.2

(די ריי‍זן־אָוונטן, די קהילה)

דעם ווינטער האָבן מיר געהאַט אַ גאַסט פון איי‍ראָפּע — אברהם רייזן. אויפגענומען האָט מען אים מיט אַ באַגייסטערטן קבלת־פּנים אין איינעם פון די גרויסע יידישע טעאַטערס, וואָס איז געווען פול געפּאַקט. געזעגנט האָט מען זיך מיט אים אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון דעם יידישן קוואַרטאַל, אין קלינטאָן האָל, און הונדערטער האָבן געמוזט גיין צוריק, ווייל עס איז שוין נישט געווען קיין פּלאַץ.

גרויסע, שטורעמדיקע, ענטוזיאַסטישע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פון דעם יידישן קוואַרטאַל צוליב אַ וועלכן עס איז גאַסט פון איי‍ראָפּע זענען קיין נייעס נישט אין ניו יאָרק. אָבער אין קיינע פון זיי האָט זיך נישט אויסגעדריקט אַזוי קלאָר זייער יידישער כאַראַקטער, ווי אין די רייזן־אָוונטן. אויך אין יענע פאַרזאַמלונגען האָבן יידישע רייד אַרויסגערופן אין יידישע הערצער פלאַמען פון התלהבות. אָבער די יידישע שפּראַך איז געווען מער נישט, ווי אַ געצייג. דער קוואַל פון באַגייסטערונג האָט געשלאָגן פון דער פּאָליטיק, דאָס רוב פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אין די רייזן־אָוונטן האָט פּאָליטיק נישט געשפּילט קיין ראָלע. זיי זענען געווען פאָלקס־יום־טובים, געפייערט פון יידישע מאַסן צוליב אַ יידישן דיכטער.

דער באַגייסטערטער קבלת־פּנים און דער וואַרעמער, הערצלעכער אפּשייד־אָוונט, וואָס דער עולם האָט געגעבן רייזענען, באַווייזן, אַז אויך אין ניו־יאָרק, ווי אומעטום אין דעם יידישרעדנדיקן גלות, הויבן זיך אָן אין דער פאָלקס־נשמה צו וועקן אינדער שטיל פעדים פון אַ נייער ליבשאַפט, מען קאָן זאָגן פון אַ נייעם קולט: דער ליבשאַפט פון דעם פאָלק צו זיינע

העלדן אויף דעם פעלד פון קולטור, און באַזונדערס צו דער אייגענער, נאָנטער ליטעראַטור אין דער פאָלקס־שפּראַך.

אַזאַ ליבשאַפט איז איצטער ביי אַלע פעלקער געוואָרן דער פונדאַמענט פון אַ פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַל־געפיל, וואָס פאַרטרייבט אומעטום דעם אַלטן שאָוויניזם. פּראָגרעסיווע טיילן פון אַ פאָלק שטאָלצירן מער נישט מיט די נצחונות פון דעם פאָלקס־חיל אויף דעם שלאַכט־פעלד, אָדער מיט די העלדיש־קייטן פון דער אייגענער דיפּלאָמאַטיע, וואָס איהר האָט זיך איינגעגעבן אַריינצונאַרן אין זאַק אַריין דעם ליבן שכן. די גרונט־לאַגע פון דעם מאָדערנעם, פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַל־שטאָלץ זענען די נצחונות פון דעם פאָלק אויף אַלע פעלדער פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

אַזאַ מאָדערן־פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַל־שטאָלץ וועט אויך אויסוואַקסן ביי דעם יידישן פאָלק, ווי נאָר עס וועט זעלב־שטענדיק און זעלבסטבאַוווסט אַרויסטרעטן אויף דעם וועג פון אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג און — וועט האָבן, מיט וואָס איבערצונעמען זיך נישט נאָר אויף דעם חשבון פון דעם רייכן, גלענצנדיקן עבר, נאָר אויך מיט וואָס צו שטאָלצירן אין אַ גע־זונטן, קולטור־שאַפנדיקן היינט.

אויף רייזנס אַפּשייד־אָוונט איז פיל גערעדט געוואָרן וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע. שוואַרץ־זעער און ראָזאַ־פּאַרבן־זעער האָבן געהאַלטן אין גלייכגעוויכט די שאָלן פון דעם וואָג. געטראָפן אין פּינטל אַריין האָט מאָריס ווינטשעווסקי. מיר זענען נאָך נישט לאַנג אין דעם לאַנד, האָט ער געזאָגט (איך גיב איבער דעם תוך פון זיינע רייד), ווי פון אַ בהלה זענען מיר געקומען אַהער. ערשט איצטער הויבן מיר אָן צו קומען צו זיך. מיר לעבן איבער אַן איבערגאַנגס־עפּאָכע. ערשט איצטער הויבן מיר אָן קוקן אויג אין אויג דער פראַגע: זאָלן מיר בלייבן יידן, אָדער נישט? און אויב מיר וועלן בלייבן יידן („און מיר וועלן בלייבן יידן!״— האָט ער אויסדריקלעך באַטאָנט), וועלן מיר געוויס אָנהויבן שאַפן אונזער אייגענע יידישע קולטור.

די איבערגאַנגס־עפּאָכע פון אַסימילאַציע צו אַ זעלבשטענדיקן נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות. — אַזוי לאַנג, ווי מיר וועלן בלייבן אין אים, — איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר אַמעריקע. דער פּראָצעס שפּילט זיך אָפּ אומעטום. מער נישט אין אייראָפּע האָט ער זיך אָנגעהויבן אַביסל פריער, דעריבער איז זיין גאַנג און זיין וועג דאָרטן אַסך קלאָרער, איידער דאָ. די באַוווסטזיניקע אַסימילאַציע־טעאָריע האָט שוין דאָרטן גאַנץ אנטשיידן דערלעבט איר מפּלה. אין אַמעריקע הויבט ערשט אָן צו שאָקלען זיך די ערד אונטער אירע פיס. גאָרנישט ווייניקער, און דוקא גאַנץ וויכטיקע, זענען שוין באַצייטנס אַראָפּגעשפּרונגען פון איר. און דער אומבאַוווסטער, דער סטיכיש־נאַציאָנאַלער לעבנס־פּראָצעס העלפט דער אינטעליגענץ אַרויסרייסן זיך פון דעם אַסימילאַציע־חושך.

מיר האָבן אין דעם פאָריקן קאַפּיטל אויפגעוויזן אויף די סטיכיש־אויסגעוואַקסענע יידישע פאַרמער־באַוועגונג, וואָס איז שוין אין איר אָנהויב באַגאָסן געוואָרן מיט העלע שטראַלן פון אַ באַוווסטזיניקן, פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן גייסט. פּרינציפּיעל נישט ווייניקער וויכטיק איז די קהלה־באַוועגונג אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע אַמעריקאַנישע שטעט. איך זאָג: „פּרינציפּיעל“, ווייל עס איז נאָך אַ גרויסע שאלה, אויב די נישט לאַנג געגרינדעטע ניו־יאָרקער קהלה קאָן אין איר איצטיקער פאָרם שפּילן אַ וויכטיקע פּראַקטישע ראָלע אין דעם אויפבוי פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

איר קאָנסטיטוציע איז נאָך דערווייל צו ווייניק דעמאָקראַטיש, אַ גרויסער טייל פון אירע פירער האָבן נאָך געפונען צו ווייניק צוטרוי צו זיך אין די גרויסע מאַסן פון פאָלק. דער ראַדיקאַלער עלעמענט פון דעם יידישן קוואַרטאַל האַלט זיך דערווייל כמעט אינגאַנצן פון דערווייטן. אָבער, ווי אומפּאָפולער די יידישע קהלה זאָל נישט זיין, וואָס עס זאָל נישט זיין איר ווייטערדיקער גורל, דריקט זי שוין איצטער אויס אַ פולשטענדיקן ברוך מיט דעם אַסימילאַציע־פּרינציפּ.

דאָס אַסימילאַציאָנערע יידנטום קאָן זיך אָרגאַניזירן נאָר

אויף איין-איינציקער גרונטלאַגע — אויף דער גרונטלאַגע פון דער יידישער רעליגיע. „יידן זענען נישט קיין נאַציע, זיי זענען נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע. און אויף וויפל זיי זענען רעליגיעז, אויף אַזוי פיל זענען זיי יידן", — דאָס איז דער הויפט-אַני-מאמין פון דער אַסימילאַציאָנערער טעאָריע. דער יידישער גאָטעסדינסט, דער יידישער ק ו ל ט ו ס, נישט די יידישע ק ו ל ט ו ר איז דער זין פון דעם יידישן לעבן אויף דער וועלט. די יידישע קהלה איז דעריבער כמעט אומעטום אַ יידישע „קולטור-געמיינדע", אַ ריין-רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט איר רעכט אויף אַ זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ געשעפט פון דעם ריין-רעליגיעזן לעבן.

די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קהילה אין ניו-יאָרק ברענגט אַריין אַ פרינציפּיעלע נייעס. זי איז, לויט אירע פרינציפּן, נישט קיין ק ו ל ט ו ס-געמיינדע. זי איז אויפגעבויט פון דעלעגאַטן פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע יידישע פאַראיינען, פיל פון וועלכע האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער יידישער רעליגיע. יאָ, אַפילו אַ ט ע א י ס ט י ש ע פאַראיינען פונם יידישן פאָלק האָבן אַ רעכט צו שיקן זייערע דעלעגאַטן. האָבן קריסטלעכע פאַראיינען פונם יידישן פאָלק, — אויב אַזעלכע וואָלטן ביי אונז געווען מעגלעך, — אויך אַזאַ רעכט? פראַקטיש האָט די פראַגע קיין ברעקל זין נישט פאַר אונז, אָבער פרינציפּיעל מעג מען זי אַרויסשטעלן און זאָגן: אַז על פי יושר און על פי שכל וואָלטן אַזעלכע פאַראיינען, אויב זיי וואָלטן מעגלעך געווען, גאַנץ געוויס געמעגט באַלאַנגען צו דער יידישער קהילה, ווייל זי האָט פרינציפּיעל געבראָכן מיט דעם יידיש-רעליגיעזן פרינציפּ, און דאָרטן, ווו אַן אטעאיסט איז כשר, מעג אַ גלויביקער יידקריסט אויפגענומען ווערן מיט ברייטע אָרעמס.

וואָס באַטייט דער פרינציפּיעלער ברוך מיט דעם יידיש-רעליגיעזן פרינציפּ?

ער באַטייט, אַז דאָס לעבן רוקט אויך אין ניו-יאָרק אַרויס דעם נייעם, נישט אַסימילאַטאָרישן און נישט אַלט-רעליגיעזן טייטש פון „יידישקייט". יידישקייט איז נישט רעליגיע, נאָר

נאַציע; נישט קולטוס, נאָר קולטור, נישט די יידישע רעליגיע האָט באַשאַפן די יידישע נאַציע, די יידישע נאַציע האָט צוליב אירע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע צילן באַשאַפן די יידישע רעליגיע, און זי קאָן זי איבעראַנדערשן, לויט אירע באַדערפעניש, אָדער פאַרבייטן אויף אַן אַנדערע, אָדער לאָזן זי רואיק באַשטיין אינאיינעם מיט אַנדערע, אָדער אינגאַנצן זי אָפּשאַפן צוריק.

די יידישע קהילה פון ניו־יאָרק האָט, אמת, אויפגענומען אויפן צעטל פון איר פּראַקטישער אַרבעט די באַפרידיקונג פון אַ סך ריין יידיש־רעליגיעזע נויטן, ווי מקווה, שחיטה, א. אַז. וו. אָבער דאָס איז נישט לויט פּרינציפּ, נאָר אויס אַ פּורן צופאַל: די מאַיאָריטעט פון די פאַראיינען, וואָס זענען צוגע־שטאַנען צו דער קהילה, זענען יידיש־רעליגיעז, און דעריבער וערן זייערע באַדערפענישן באַפרידיקט קודם כל. וואָלט די מאַ־יאָריטעט באַשטאַנען פון קריסטלעך־יידישע פאַראיינען, וואָלט די פאַרוואַלטונג געמוזט זאָרגן פאַר דער באַפרידיקונג פון די קריסטלעך־יידישע רעליגיעזע הצטרכותן. אַ קאָמיטעט וואָלט גע־מוזט דערווײַלט ווערן, צו זאָרגן פאַר מעות־קריסטמעס־בוים, אָדער מעות־פּאַסכאַ־חזירל, קיין ייד זאָל חלילה נישט בלייבן אָן אַ טענענ־בוימדל אויף קריסטמעס, אָדער אָן אַ שטיקל חזירל אויף פּאַסכאַ.

אין דערינען ליגט איינער פון די הויפּט־פעלערן אין דער יידישער קהילה: די כאַאָטישע באַשטימונג פון אירע פונקציעס. זי האָט געבראָכן אין דער אָרגאַניזאַציע־פראַגע מיט דעם רע־ליגיעזן פּרינציפּ, זי האָט אָבער דעם ברוך נישט קאָנסעקווענט דורכגעפירט. זי איז נאָך אויך אַ סימן פון דער איבער־גאַנגס־צייט, פון דער צייט, ווען די יידן זענען נאָך אַליין נישט גאַנץ קלאָר, וואָס זיי זענען: יידן, אָדער קינדער פון דעם יידישן גלויבן?

ווי נאָר זיי וועט קלאָר ווערן, אַז זיי זענען יידן, וואָס פאַר אַ גלויבן זיי זאָלן נישט האָבן, אַזוי וועלן זיי מוזן אויך אין די פונקציעס פון זייער קהילה שטרענג דורכפירן דעם וועלטלעכן פּרינציפּ פון נאַציע, אַנשטאָט דעם יענע־וועלט־

לעבן פון רעליגיע. אין וואָס איינער זאָל נישט גלויבן, אין משיחן אָדער אין קריסטוסן, דרך־ארץ פאַר זיין ערלעכן גלויבן; אָבער זיינע רעליגיעזע באַדערפענישן קאָנען און טאָרן נישט באַפרידיקט ווערן אויף קהלשן חשבון. וועגן זיי זאָל ער אַליין זאָרגן, אין אויסער־קהלשע פאַראיינען און קאָנגרעגאַציעס.

ענג פאַרבונדן מיט דער כאַאָטישער באַשטימונג פון אידעי פונקציעס איז דער כאַאָטישער אויפבוי פון דעם פונדאַמענט גופא. די אַלטע יידישע קהילה — די „קולטוס־געמיינדע" האָט אַ שאַרף קלאָרן באַגריף פון יענע קלענערע איינהייטן, אויף וועלכע זי רוט, וועלכע זי שטעלט פאַר. די איינהייט פון דער אַלטער קהילה איז אומעטום די סינאַגאָגע, דער מנין, די דאַוון־שול. אַלע מנינים, בתי־מדרשים, דאַוון־שולן אינאיינעם בילדן די רעליגיעזע קהילה. די איינהייטלעכקייט פון דעם אויפבוי האָט געפירט צו אַן איינהייטלעכקייט אין די פונקציעס, אין יענע ענינים, וועגן וועלכע די קהילה האָט געדאַרפט זאָרגן. די מאָדערנע ניו־יאָרקער קהילה האָט אין איר פונדאַמענט די פאַרשיידנ־אַרטיקסטע פאַראיינען, און זייערע דעלעגאַטן ווערן געשיקט, ווי פאַרטרעטער פון באַשטימטע אינטערעסן־גרופן, וואָס האָבן צו זאָרגן, לויט זייער צאָל און מאַכט, פאַר דער באַפרידיקונג פון באַשטימטע לעבנס־נויטן, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן אין לעבן.

אָבער אַ סך אַזעלכע פאַראיינען האָבן לחלוטין גאָרנישט צו טאָן מיט קהלשע ענינים. צו דער קהילה קאָן באַלאַנגען אַן „אָרעמע־מיידלעך־קימפעטאָרן־פאַראיין", ווי אויך אַ „דזשואיש לי־בעראַל דענסינג קלאָב". די לעבנס־נויטן, וואָס האָבן אַרויסגע־רופן זייער עקזיסטענץ, מעגן זיין זייער וויכטיק און זייער יידיש, קאָן מען דאָך נישט איינזען, וואָס פאַרא סמיכת הפרשה זיי האָבן מיט קהלשע ענינים און פאַרוואָס דער קהל דאַרף פאַרטרעטן אויך קימפעטאָרן־און־ דאַנסינג־אינטערעסן. דער געדאַנק פון דער קהילה איז — פאַראייניקונג פון אַלע יידן, אלס יידן, אראָפּ־גערעכנט די פאַרשיידנקייט פון זייערע ספּעציעלע אינטע־רעסן. דער אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ אָבער איז אַזאַ, וואָס רעכנט לכתחילה אַריין די פאַרשיידנקייט פון די ספּעציעלע

פֿאַראיינען, וואָס זענען די אייגנטלעכע בעלי־בתּים פֿון דער קהילה, די בעלי־בתּים אין דער לעצטער אינסטאַנץ.

מיט דער צײַט וועט דאָס, פֿאַרשטייט זיך, מוזן ווערן אַנדערש. אַ פֿרײַע יידישע קהילה, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זײַן אַ *קולטוס*־געמיינדע, מוז ווערן אָדער אַ *קולטור*־געמיינדע און האָבן אין זײַן פֿונדאַמענט איינצלנע *קולטור־פֿאַראיינען*, אָדער זײַן אינגאַנצן אַ ריין־נאַציאָנאַלע געמיינדע, אַ פֿאַרטרעטונג פֿון יידן, אַלס יידן, און האָבן אין איר פֿונדאַמענט ריין־נאַציאָנאַלע „*אָרטלעכע קהילה־פֿאַראיינען*“, צו וועלכע יעדער ייד זאָל מעגן באַלאַנגען, וואָס וויל נאָר אַריין, וואָס וויל נאָר העלפֿן טראָגן די לאַסטן פֿון דער קהילה און, דורך זײַנע אויסדערוויילטע, באַשטימען דעם גאַנג פֿון אירע אַרבעטן.

ווי די מעשה איז — איז די גרינדונג פֿון דער יידישער קהילה אַ פּרינציפּיעלע נידערלאַגע פֿון דעם אַסימילאַציע־געדאַנק, אַ האַלב־באַוווסט נאַציאָנאַל שאַפֿן, אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון אונזער איבערגאַנגס־צײַט, אַ סימן פֿון אַ נײַעם לעבן

דאָס נײַע לעבן, אַפּריל־מײַ, 1909.

א ייִדיש דאָרף אין א ייִדישע פֿאָלקס - באנק

א יידיש דארף און א יידישע פאלקס-באַנק

(וועג-נאָטיצן)

כמעט אומעטום, ווו איך פרעג זיך נאָך וועגן דעם שטרעבן פון יידן צו לאַנד, צו „קרקע״, באַקום איך גאַנץ פּאָזיטיווע, דערפרייענדיקע ענטפערס: עס זענען אומעטום דאָ איינצלנע פּערזאָנען און גאַנצע גרופּן, וואָס רייסן זיך מיט אַלע כּוחות פון שטאָדט — נישט „צוריק צום לאַנד״, נאָר „צום ערשטן מאָל״ — צו אַ געזונטן, פּאַרגינפּטיקן לעבן אויף דער שויס פון דער מוטער-ערד.

מען קאָן אָן שום ספק שוין איצטער רעדן פון אַ סטיכיישער אַגראַרישער באַוועגונג צווישן דעם יידישן פאָלק אין אַמעריקע, אַ באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דעם לעבן גופא, און וואָס האָט, ווי מיר דוכט, זייער ווייניק שייכות צו די פאַרשיידענע „איזמען״, וועלכע מיר האָבן געטראָגן אין די מאַסן.

עס איז דעריבער אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר איר, וואָס זי באַשרענקט זיך נישט אויף אָנהענגער פון אַ באַשטימטן קלייזל, אַפילו נישט פון אַ באַשטימטער פּאַרטיי אָדער קלאַס, קאָסמאָפּאָליטן און נאַציאָנאַליסטן, ראַדיקאַלן און פרומע, סאָציאַל-דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן, פּועלים, פּעדלער און שוחטים, — יעדע גרופּע פון דעם יידישן לעבן האָט שוין אָפּגעגעבן פאַרטרעטער אין דער נייער באַוועגונג און אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן שוין מער אָדער ווייניקער פאַרווירקליכט זייער ציל.

אַ מומחה אין דעם ענין, וואָס האָט נישט לאַנג באַרייזט דאָס לאַנד גראָד מיט דעם צוועק — באַקאַנט צו ווערן מיט דער יידישער פאַרמעריי אין אַמעריקע (לײדער, האָב איך נאָך קיין רעכט נישט עפנטלעך מיטצוטיילן זיין נאָמען) פאַרזיכערט, אַז אין די לעצטע צוויי-דריי יאָר זענען צוגעקומען ווייניקסטנס אַ פּאָר טויזנט נייע יידישע פאַרמערס, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויפן לאַנד אָן דער הילף פון וועלכע עס איז פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען כלומרשט באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם צוועק.

און ס'איז אפשר אַ גליק פאַר די נייע פאַרמערס, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט צו טאָן מיט אונזער אַגראַר-פילאַנטראָפּיע, און פון גאַנצן האַרצן ווינשן מיר זיי, זיי זאָלן נישט דאַרפן קיינמאָל אָנקומען צו אירע טובות. איך וויל נישט באַצווייפלען דאָס גוט-האַרץ פון אונזערע כלל-טוערס און פאַרזאָרגערס אין דעם ענין. — אָבער אַזוי אומגעלומפּערט, מיט אַזוי ווייניק פאַרשטאַנד און פאַרשטענדעניש פון דעם פאָלק, צו אַרבעטן, האָט אַפילו אַ רוסישע קאַנצעלאַריע נישט באַוויזן. און אַ רוסישע קאַנצעלאַריע מעג דאָך באמת אַרויסנעמען אַ פּאַטענט אויף בּיוּראָקראַטישע... רישע אומגעלומפּערטקייט און האָבן-דאָס-פאָלק-אין-דער-אדמה.

אַז מען הערט זיך אָן די מעשיות וועגן אונזער אַגראַר-פילאַנטראָפּיע, וואָס ווערן דערציילט אין פאַראינטערעסירטע און גוט אונטעריכטעטע קרייזן, גייט איינעם דורך אַ שוידער איבערן לייב. דעספּאָטישער מוט-ווילן, פאַרדרייטע פּרינציפּן, נישט אַ דרך-ארץ צו דעם מענטשן, זיין ווילן און זיינע נייגונגען, ביוּראָקראַטישע פאַרשלעפּעניש און אָפּגעלאָזטקייט, — אָט דאָס זענען די הויפּט-שטריכן, וואָס טרעטן בולט אַרויס, דאָ אייבציקווייז און דאָרט אַלע אינאיינעם, — אין דער טעטיקייט פון אונזערע פילאַנטראָפּן.

אין איין אָרט און צו אַ געוויסער צייט האָט געהערשט דער פּרינציפּ, אַז יידן מוז מען באַזעצן דווקא צווישן גוים, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז נאָך אַ צייט פון מאַטערניש און פּיין, ווען דער פאַרמער האָט זיך שוין דערשלאָגן צו

אַ שיינעם עקאָנאָמישן מעמד, ווערט ער געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון זיין פאַרם מחמת מורא, די קינדער זאָלן זיך נישט אויסמישן מיט די קריסטן. ס'איז כמעט נישטאָ קיין איין פאַרם-היים, פאַרוואָרפן צווישן גויאישע שכנים, וואָס האָט דערוואַקסענע קינדער, און זאָל בלייבן פריי פון דער דאָזיקער טראַגעדיע.

און נישט דווקא פרומע יידן ליידן פון איר. איך האָב אורזאַכן אָנצונעמען, אַז נישט זעלטן ווערט אפילו אַ ראַדיקאַל אויפגעציטערט פון דעם געדאַנק, אַז זיינס אַ קינד וועט חתונה האָבן פאַר אַ קריסט.

עס איז מיר, אויף מיין איצטיקער רייזע, באַקאַנט געוואָרן אַ פאַל, וואָס האָט פלוצלונג פאַנאַנדערגעעפנט פאַר מיר אַ יידיש האַרץ, אַקוראַט ווי דער הימל וואָלט זיך געשפּאָלטן און אַנטפלעקט פאַר מיר סודות, וואָס זענען ביז אַהער געווען פאַרבאָרגן פאַר יעדעס מענטשלעך אויג.

דער פאַל איז גראָד נישט מיט אַ פאַרמער, נאָר מיט אַ נכבודן יידישן בעל-הבית, אַ הויך-אַנטוויקלטן, זייער ערנסטן און פיל אויפטוענדיקן סאָציאַליסט פון אַ קליינעם שטעטל אין לאַנד. ער האָט שוין פון יאָרן און יאָרן פאַנאַנדערגעריסן די פעדים פון דער יידישער רעליגיע און האָט זיין קליינע יידישע סביבה אויסגעלערנט רעספּעקט און טאָלעראַנץ צו זיין פרייען לעבן. אויך האָבן אים נאָך נישט באַרירט די נייע, פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלע ווינטן, און, ווי עס ווייזט זיך אויס, האַלט ער קנאַפּ-וואָס פון זיי.

אָבער ער האָט דערוואַקסענע קינדער, וואָס חברן זיך מיט קריסטן, און — אַ שווערער שטיין ליגט ביי אים אויפן האַרצן: וואָס קאָן, חלילה, דערפון אַרויסוואַקסן? צום גליק האָט ער באַמערקט, אַז ביי איינעם פון זיינע קינדער האָט זיך אַרויסגעוויזן עפעס אַ סטיכישער, אומדערקלערלעכער ווידערווילן אַנטקעגן אַ צו נאָענטן לעבן מיט די קריסטן — און דער ראַדיקאַל-אַטעאיסטישער קאָסמאָפּאָליט גלעט צופרידן די וואָנצן — מאַכט אַ שווייג! ער קעמפט, חלילה, נישט אַנטקעגן אַזוינע „רעאַקציאָנערע" גע-

פילן: מיט ציטעריקער האָפענונג קוקט ער אויף זיי, טאָמער װעלען זיי זיין די געװינשטע שמירה...

װאָס איז דאָס: די שטים פון בלוט?

דאָס קאָן גרייליך זיין! אידייען, װאָס לעבן דור אויס, דור איין, גייען אריבער אין פלייש און בלוט, און אויב זיי שאַדן קיינעם נישט, האָבן זיי אַ רעכט װייטער צו לעבן. איר מעגט קוקן אויף דער קריסטלעכער רעליגיע, װי איר װילט; איר מעגט קעמפן, װי הייס, פאַר דאָס הייליקע מענטשלעכע רעכט פון יעדן איינצעלנעם יידן אָנצונעמען יענעם גלויבן, װאָס רעדט װאַרעמער צו זיין האַרצן, (עס פערשטייט זיך, אַז װעגן צ י ג י י נ ע ר, װאָס רעכענען, אַז יענער גלויבן איז דער בעסערער, פאַר װעלכן מען גיט מער חזר־שמאַלץ, רעדט מען דאָ נישט און װעגן זייער שיקזאַל קימערט מען זיך נישט).

איר מעגט, זאָג איך, װי איינגעעקשנט זיין אין פאַנאַנדערשיידן צווישן נאַציע און רעליגיע, — איינס שטייט דאָך אויסער יעדן צווייפל, אַז דער ייד האָט אַקוראַט אַזאַ הייליק רעכט אויף זיין י י ד י ש ן גלויבן, אויף זיינע יידישע רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס (כל זמן קיינער ליידט פון זיי נישט), װי יעדער אַנדער מענטש. און אַזאַ הייליק רעכט װערט פשוט געטראָטן מיט די פיס, װי באַלד איר זוכט מ י ט אַ כ י ו ן אַריינצושטופּן דעם יידן אין אַ ריין־קריסטלעכער סביבה, װוּ פאַר די קינדער מוז אַרויסװאַקסן די געפאַר אינגאַנצן צונויפצוגיסן זיך מיט דער קריסטלעכער װעלט, — אַ געפאַר, װאָס רודערט אויף די נשמה ביז צו איר לעצטן גרונט אפילו ביי איינעם קאָסמאָפּאָליטישע ראַדיקאַלן; אַ פשיטא שוין — ביי אַ פשוטן פרומען יידישן פאַרמער!

אין אַן אַנדער אָרט װערט די ארבעט צוליב דער יידישער פאַרמעריי באַהערשט גאָר פון אַ שפּאָגל־נייעם פּרינציפּ: דער פאַרמער פון דעם נביאים־פאָלק זאָל האָבן די הייליקע מיסיע, צו באַװייזן פאַר דער גאַנצער װעלט דעם העכסטן מוסטער פון מאָראַלישער פולקאָמענהייט, פון אַ ריינעם לעבן אין אַרבעט און פשטות, אין ערלעכע, אידעאַלע באַציאונגען פון מענטש צו נאַטור,

ווייט פון די זינדיקע שטעט מיט זייער צעלאָזענעם רעש און יאָגעניש נאָך גאָלד. דעריבער דאַרף מען דעם יידישן פּאַרמער אַוועקשטעלן אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווו ער זאָל קאָנען אין יסורים של אהבה אָפּקומען, ווי אַ צדיק אויף דער וועלט, ערגעץ ווו אין אַ ווילדערניש דאַרף מען אים פאַרזעצן; אין ערד־גרי־בער, אונטער שניי און אייז, זאָל ער ווינטערן זיינע ווינטערס, ביז ער וועט מיט די הוילע פינגער פאַרוואַנדלען זיין שטיק לאַנד אין אַ גן־עדן, און זיין נשמה וועט אויסגעלייטערט ווערן פון אַלע אירע שטאָטישע זינד.

דער פאָרשטייער פון אַזאַ מין אַרבעט, וועמעס נאָמען איך לאָז דאָ אַרויס (וואָס האָט, אגב אורחא, זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פאַרמעריי), איז בלי ספק אַן ערלעכער אידעאַליסט, וואָס ליבט באמת זיין פאָלק. אָבער נישיים קומט אים נישט אַרויף אויפן זינען — אַז דער יידישער פאַרמער איז נישט קיין ים־חזירל, אויף וועלכן די געלערנטע ערלויבן זיך צו מאַכן עקספּערימענטן; אַז ער וויל לעבן צוליב דעם לעבן און נישט צוליב דעם כבוד פון דער אָדער יענער קאָסמאָפּאָליטישער אָדער סאָציאַליסטישער טעאָריע.

די אַלטע יידישע פאַרם־באַוועגונג, אָנגעפירט פון אונזערע אַלטע יידישע בעלי־טובות, איז באַנקראָט. אַ נייע באַוועגונג וואַקסט איצטער אַרויס פונם פאָלק גופא, פאַר וועלכן דער פאַר־מער איז נישט קיין עקספּערימענטיר־חיהלע, נאָר קודם־כל אַ מענטש, און נאָך אַ יידישער מענטש דערצו. וואָס דאַרף באַ־פרידיקן זיינע מענטשלעכע און יידישע באַדערפענישן, נישט די איינצל־פאַרם איז איר אידעאַל, ווו דער ייד זאָל אָפּגעריסן ווערן פון דער אַלגעמיינער קולטור און פון דער יידישער סביבה. איר אידעאַל איז דאָס יידישע דאָרף, ווו עס קאָן געשאַפן ווערן אַן אייגענע, הויך־אַנטוויקלטע קולטורעלע סביבה, ווו די ערד־אַרבעט קאָן געפירט ווערן לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער וויסנשאַפט, ד. ה. ווו די אַרבעט גופא קאָן געבן דעם יידישן מוח די מעגלעכקייט, אָנצווענדן זיך מיט די שכלדיקע רעזול־טאַטן און פאָרשונגען פון דער מאָדערנער אַגראָנאָמיע.

דאָס יידישע דאָרף!... דער אידעאַל פון די בעסטע קינדער פון אונזער פאָלק אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן, איידער דער מאַרקסיזם איז געקומען און האָט אים געבאסרט, ווייל דער פריער איז אַ „מיעלקער בורזשוא"!... נישיים ווערסטו ווידער לעבעדיק אין די מוחות און די הערצער פון דעם יידישן פאָלק? און נישיים איז גראָה אויף אַמעריקע אויסגעפאַלן דער גורל, צו געבן באָדן, אויף וועלכן דו זאָלסט א י נ ג י כ ן מ ק ו י ם ו ו ע ר ן?

דורך די אָדערן שטראָמט דורך אַ וואַרעמקייט ביי דעם געדאַנק, און דאָס האַרץ הויבט אָן פריידיקער צו שלאָגן...

און דאָס טוט דאָס פאָלק אַליין? גאָר זיך נישט געצצהט מיט אונז? גאָר זיך נישט גערעכנט מיט אַלע אונזערע טעאָריעס און איזמען? אַ מעשה דאָס איז! און עס לאָזט אונז איבער מיט אַלע „סטיכישע פּראָצעסן", „נישט־פּראָלעטאַריזאַציעט" און „יאָ־פּראָלעטאַריזאַציעס", ווי אַ שייגעץ מיט אַ פייפל, אָבער אָן דאָס שאָף? ווייל עס איבערהויפּט מער נישט שפּילן די ראָלע פון שאָף, וואָס ווערט געפירט פונם שייגעץ מיטן פייפל? שטעלט עס זיך שוין אויף זיינע אייגענע פיס און וויל זיך אַליין דורכשניידן אַ וועג אינם לעבן, אינם נ י י ע ם לעבן?

אָ, ביי דעם געדאַנק ווערט נאָך וואַרעמער אין די אָדערן, און נאָך פריידיקער הויבט זיך די ברוסט...

דאָס יידישע דאָרף — מיר וועלן האָבן נאָך אַ סך צו רעדן און צו שרייבן וועגן אים. דאָ וועל איך דערווייל מאַכן נאָר אַ פּאָר באַמערקונגען.

דאָס יידישע דאָרף איז אַ שטיק יידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג! אויב דאָס יידישע פאָלק האָט נאָך כוחות צו לעבן אין גלות, צו בויען אַן אייגן לעבן, איז די בעסטע באַדינגונג דערצו (א י ן ג ל ו ת!) נישט די שטאָט, נאָר די יידישע דאָרף.

איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס עס באַטייטן דאָס ווערטערלעך: „אין גלות!"

אַ נ אָ ר מ אַ ל ע יידישע אַנטוויקלונג, וואָס זאָל וואַקסן

פון זיך אַליין, ווי עס וואַקסט די קולטור פון יעדן פאָלק אין אַן אייגענער היים, קאָן געמאָלט זיין נאָר דעמאָלט, ווען אויך דאָס יידישע פאָלק וועט וווינען אין זיין אייגענער היים. אָבער פון דער אַנדער זייט מוז אויך פאַר אַלעמען ווערן קלאָר, אַז דאָס פאָלק קאָן זיך נישט אינטערעסירן מיט יענעם העכסטן יידישן אידעאַל, כאָטש אין אַ ביסעלע אַ רייכערער, אייגענער סביבה. אָט די העכערע אַרט יידיש לעבן אין גלות ווערט איצטער געבויט אין די שטעט, אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט, ווו אין דעם יידן ווערט אויפגעוואַכט דער מענטש און ממילא אויך דער ייד, געבויט און ווידער צעשטערט פון די אַסימילאַציע־כוואַליעס, און ווידער געבויט און ווידער צעשטערט.

עס וואַקסט אומעטום דער יידיש־נאַציאָנאַלער בוים. זיינע צווייגן ווערן אָפּגעבראָכן פון ווינט. די פרישע בלומען ווערן פאַרפרוירן און קאָנען צו קיין פרוכט נישט קומען, און ווי עס רייסט זיך דורך אַ יונג פרוכט, שלאָגט זי דער ווינט אַראָפּ פאַר דער צייט, — אָבער עס וואַקסט דער יונגער בוים אויף צו להכעיס דעם ווינט און דעם פראָסט.

עס איז פאַראַן אָבער אַ פלאַץ, וואָס איז לפי ערך מער געשיצט פון פראָסט און ווינט, און דאָס איז — דאָס יידישע דאָרף. אויב די באַוועגונג, וואָס איז סטיכיש אַרויסגעוואַקסן פון לעבן, וועט ווירקלעך צופירן צו דער באַשאַפונג פון יידישע דערפער אין אַמעריקע (און פון אייניקע דערפער אפשר אויך שטעטלעך און שטעט!), איז דעמאָלט דאָס גרויסע פראָבלעם פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ זיכערן פונדאַמענט. אין אמעריקע איז א דאָרף כמעט ווי א רעפובליק, וואָס קאָן אויסבויען איר לעבן אויף יענע יסודות און אין יענער שפראַך, וואָס געפעלן אירע איינוווינער...

א יידיש דאָרף איז דערצו דער אָנהויב פון יענער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע אין דעם יידישן לעבן, אין וועלכער אונזער פאָלק נויטיקט זיך אזוי שטארק: די אָפּשאַפונג פון דעם ריין־שטאָטישן, סוחרישן לעבן און די באשאפונג פון דעם ערד־אַרבע־טער־קלאַס, ווי ביי אלע פעלקער פון דער וועלט.

וואָס פאַר א באַדייטונג אזא רעוואָלוציע מוז האָבן אין דעם גאַנצן יידישן לעבן, ווי אזוי זי מוז ווירקן אויף דער פיזי־שער, מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער ווידערגעבורט פון דעם יידישן פאָלק, ווי אַזוי אויך דער אַנטיסעמיטיזם מוז ביז צו אַ געוויסן גראַד אָפּגעשוואַכט ווערן צוליב דעם, דאָס אלץ צו באַ־שרייבן בקיצור, וואָלט געווען אן אומזיסטע מי: נאָר ערנסטע און אויספירלעכע אַרבעטן קאָנען דאָס אַרויסברענגען קלאָר ווי דער טאָג. אָבער איינס קאָן שוין איצטער יעדער איינזען: א יידיש דאָרף איז א קלאָר אַרומגעגרענעצטער שטח, אויף וועלכן די יידישע אינטעליגענץ קאָן צונויפזאַמלען איר גאַנצע ענערגיע, כּדי צו העלפן דעם פאָלק אין זיין פיזישער, מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער ווידערגעבורט.

אָט פאַרוואָס די אַלע באַשטרעבונגען, מיט וועלכע איך בין באַקאַנט געוואָרן, זעגען אזוי וויכטיק. אויב אונזער גייסטיק אויג זעט ווירקלעך אין דער צוקונפט יידישע דערפער, אויב דאָס זעגען נישט קיין „שפּאַנישע לופט־שלעסער", דעמאָלט בין איך כמעט ווי זיכער, אז די אַגראַר־באַוועגונג וועט פאַר אונז ווערן די צענטראַל־אַרבעט אין גלות, ווייניקסטנס אין גלות־אמע־ריקע, — אן אַרבעט, אין וועלכער אויך די שטאָטישע אַרבע־טערשאַפט מוז ווערן פאַראינטערעסירט.

געוויס איז די באַוועגונג נאָך יונג, זייער יונג און נישט אַלע מניעות זענען אָפּגעשאַפט פון איר וועג. זי מוז נאָך ערשט אויסאַרבעטן די פאָסיקע פאָרמען פאַר איר פּראַקטישער פאַר־ווירקלעכונג. און דאָ וועלן מיר, טעאָרעטיקער, מוזן זיך שטאַרק צוהערן צו דער שטים פון די פּראַקטיקער: פון די אַגראַנאָמען און פינאַנסיסטן.

אָבער אַ חוץ דער פּראַקטישער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, וואָס מוז אַרומנעמען אויך די פראַגע וועגן די סאָציאַל־עקאָנאָמי־שע יסודות פון דעם יידישן דאָרף, טרעט שוין איצטער אַרויס איין פּראָבלעם אין איר גאַנצער שאַרפקייט: די קרעדיט־פראַגע.

אז מיט די אייגענע אָפּגעשפּאָרטע פאַר גראָשן קאָנען די

ארבעטער־מאַסען און די אָרעמע שיכטן נישט איבערגיין צו ערד־אַרבעט, פאַרשטייט יעדער; אז אָנקומען צו די היפּאָטעק־בענק, אָדער צו די געוויינלעכע קאָלאָניאַל־געזעלשאַפטן, מיט זייערע וואָכער־צינזן, וואָלט געהייסן אָנטאָן א שטריק אויף דעם האַלז פון דער יונגער יידישער פויערימשאַפט, ווער אויך יעדער איינזען, וואָס איז נאָר א ביסעלע באַקאַנט מיט דעם ענין.

בלייבט יענער קרעדיט, וואָס אונזערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס גיבן אין אַזעלכע פאַלן. פון דעם ריין־פינאַנציעלן שטאַנדפּונקט איז אַזאַ קרעדיט ווירקלעך אן אומגעהייערע וואוילטאַט, — וואָלט ער אָבער נישט געלעגן אין די הענט פון די, וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס אויבן כאַראַקטעריזירט! אויב זיי וועלן בלייבן ביי די אַלטע מעטאָדן מיט די אַלטע פּרינציפּן, וועט זייער הילף זיין מער אן אָפּהאַלט, איידער א ווירקלעכער אַנטרייב פאַר דער באַוועגונג.

איך געפין דעריבער פאַר זייער פּראַקטיש און צוועקמעסיק דעם געדאַנק, מיט וועלכן א יונגער טוער אין דער באַוועגונג טראָגט זיך אַרום און וועלכן ער האָט מיר מיטגעטיילט, מיט דער ביטע צו טאָן עפּעס פאַר זיין פאַרווירקלעכונג. דער טוער, וועמען איך האָב דאָ אין זין, איז נישט קיין אַנדערער, ווי געוואָסע ל י ט מ אַ ן. דער זייער גוט באַקאַנטער געוועזענער אָרגאַניזאַטאָר פון די יידישע ברענטשעס ס. פּ., וואָס איז אַליין געוואָרן אַ פאַרמער און וואָס גיט זיך איצטער אָפּ מיט דער יידישער פאַרם־באַוועגונג.

זיין געדאַנק איז — מען זאָל גרינדן אן א ג ר אַ ר י ש ע פ אָ ל ק ס־ב אַ נ ק. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טאָר נישט זיין קיין אינסטיטוט פון א וועלכער עס איז פּאַרטיי. עס דאַרף זיין א פ אָ ל ק ס־א י נ ס ט י ט ו ט אין דעם פולסטן זין פון דעם וואָרט. זיינע אַקציעס דאַרפן זיין אַזוי ביליק, אַז יעדער איינער פון דעם פאָלק, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער פאַרם־באַוועגונג (יעדער, וואָס וויל פּשוט האָבן א זיכערן פּלאַץ, וואו צו באַוואָרענען זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר גראָשן און באַקומען פאַר זיי א זיכערן קליינעם צינז) זאָל קאָנען נעמען אַנטייל

אין אים. אויף דעם שפּיץ פון דער פאַרוואַלטונג דאַרפן אוועק־געשטעלט ווערן מענטשן, צו וועמען דאָס גאַנצע פאָלק האָט אַ צוטרוי, מענטשן מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און פינאַנציעלער געניטקייט.

אין אַזעלכע מענטשן איז נישט אָרעם דאָס יידישע פאָלק אין אַמעריקע. יעדע פּאַרטיי, די סאָציאַליסטישע ווי די באַלעבאַטישע, די פרייע ווי די ראַדיקאַלע, די אָרטאָדאָקסישע ווי די רעפאָרמירטע, קאָן אויפווייזן אויף אַ סך פערזאָנען, וועמען דאָס פאָלק וועט שענקען דעם פולסטן צוטרוי. און אייניקע פון זיי וועלן זיך געוויס נישט אָפּזאָגן, צו נעמען אויף זיך די שווערע אָבער זייער וויכטיקע מי, צו פאַרוואַלטן מיט אַזאַ פאָלקס־אינסטיטוט.

אויב עס וועט זיך איינגעבן צו אָרגאַניזירן די יידישע אַגראַר־באַנק, דעמאָלט וועט די פאָרם־באַוועגונג מיטאַמאָל באַקומען אַ שטאַרקן צופלוס פון לעבנס־ענערגיע, און זי וועט אפשר ווערן אויך קוואַנטיטאַטיוו אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און — דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. זאָל נאָר די באַוועגונג האָבן אַ דערפאָלג, וועלן שוין אַרויסשפּראָצן אויך אַנדערע יידישע גויטן, וואָס וועלן באַשאַפן זייערע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען און פאַרווירקלעכונגס־מעטאָדן: פיל־פיל יידישע און מענטשלעכע גויטן און אידעאַלן, די נאָנטע און קלייניקע ביז גאָר־גאָר די גרויסע און ווייטע...

גשריבן אין סט. פּאָל, פעברואַר 1911.

גרדיס, וואָס איז קליין
אין קליין, וואָס איז גרויס

גרויס, וואס איז קליין, און קליין, וואס איז גרויס

דר. יאָהאַן יאַקאָבי,—דער באַרימטער דייטש-יידישער דעמאָקראַט, וואָס איז, אַגב, צום סוף פון זיינע יאָרן געוואָרן אַ סאָציאַליסט, — האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די גרינדונג פון אַן אַרבעטער-בילדונגס-פאַראיין איז היסטאָריש אַסך אַ גרעסערע פּאַסירונג, איידער די באַרימטסטע פון די שלאַכטן, וועגן וועלכע מען רעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג אין די לערן-ביכער פון דער מענטשלעכער געשיכטע. (אַזוי, ווייניקסטנס, איז געווען דער זין פון זיינעם אַן אויסשפּרוך, ווענעס ווערטלעכן נוסח איך האָב, ליידער, איצטער פאַרגעסן.)

אין דעם אויסשפּרוך איז ממילא איינגעוויקלט דער געדאַנק, אַז נישט אַלץ, וואָס אונז דוכט זיך קליין, איז באמת קליין, און נישט אַלץ, וואָס מאַכט אויף אונז דעם איינדרוק פון גרויס, פאַרדינט באמת אויפגעהויבן צו ווערן ביזן הימל. פאַראַן פּאַסירונגען און האַנדלונגען, מיט וועלכע עס קלינגט די וועלט (אַ באַרימטע שלאַכט, צ. ב.), וואָס זייער אינעווייניקסטער ווערט איז גלייך נול, און צוריק: אַמאָל האָט אַ קליינע אַרבעט, געטאָן פון אַ פּאָר מענטשן אָן אַ ליאַרעם און אָן אַ געפילדער, אַן אומגעהיירע באַדייטונג פאַר דעם גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. פאַראַן קליין, וואָס איז גרויס, און גרויס, וואָס איז קליין.

ווו ליגט דער אונטערשייד? וואָס איז דער סימן מובהק פון „קליין" און „גרויס", וואָס מיט זיין הילף זאָלן מיר זיך

קאָנען פאנאנדערקלייבן אין דעם ענין? קאָן מען אויסגעפינען אזא פעסטן און זיכערן סימן? קאָנען איבערהויפּט געמאָלט זיין אזעלכע סימנים, אויף וועלכע אלע מענטשן זאָלן איינשטימען? מוז נישט אָפּשאצונג פון „קליין״ און „גרויס״ בלייבן א ריין־אינדיווידועלע מיינונג, א דבר המסור אל הלב?

שוין אין די אויסדרוקן אליין: „קליין״ און „גרויס״ ליגט פארבאָרגן די באהויפּטונג, אז דער מענטש דארף און זאָל זיך קודם אינטערעסירן מיט דעם, וואָס איז גרויס, אז נאָר דאָס גרויסע דארף פארדינען זיין פולע און גאנצע אויפמערקזאמקייט, בעת דאָס קליינע מעג זיך רואיק זיצן אין זיין ווינקעלע און דארף נישט האָבן די העזה צו קריכן אין פראָנט.

ווי האָט אמאָל מיכאלאָווסקי געזאָגט? „פון נאטור אויס ליבט דער מענטש דעם אמת, דעם יושר און די שיינקייט, ווייל ער רופט אָן אמת, יושר און שיינקייט דאָס, וואָס ער ליבט״. מיט דעמזעלביקן רעכט קאָנען מיר אויך דאָ זאָגן: פון נאטור אויס שעצט דער מענטש דאָס גרויסע און פאראכטעט דאָס קליינע, ווייל ער רופט אָן „גרויס״ דאָס, וואָס ער שעצט, און „קליין״ דאָס, וואָס ער איז מבטל.

דער מענטש ליבט דעם אמת, דעם יושר און די שיינקייט, ווייל ער רופט אָן מיט די נעמען דאָס, וואָס ער ליבט. און פונדעסטוועגן פארלאָזט זיך נישט דער מענטש אויף זיינע אייגענע געפילן פון ליבע און מאטערט זיין מוח אויף אויסצוגע־פינען די וויכטיקסטע סימנים, כדי פאר זיך אליין צו קאָנען פארענטפערן די פראגע: וואָס איז אמת? וואָס איז יושר? וואָס איז שיינקייט?

מיט אנדערע ווערטער הייסט דאָס: עס זענען דאָ אסך זאכן, וועלכע זענען אים, דעם מענטש, ליב און טייער, און פונדעסטוועגן קאָן ער נישט אלע אים ליבע מיינונגען אָנרופן „אמת״, נישט אלע אים ליבע האנדלונגען אָנרופן „יושר״ און נישט אלע אים געפעלנדיקע פאָרמען באצייכענען מיט דעם וואָרט „שיין״. ער וויל תמיד אויסגעפינען, וואָס איז אמת, יושר און שיינקייט נישט ווייל מיר געפעלט עפּעס, נאָר ווייל עס איז

אמת, יושר און שיין אין זיך גופא, אליין איינס, ווי דאָס זאָל נישט ווירקן אויף מיין געפיל.

און ער געפינט אויס און ער ברענגט ארויס סיסטעמען נאָך סיסטעמען פון פילאָזאָפישע אמתן, וואָס זענען סותר איינע דער אנדערער, פרינציפן נאָך פרינציפן פון עטישן יושר, וואָס לייקענען איינע די אנדערע אָפּ, מאקסימען נאָך מאקסימען פון עסטעטישער שיינקייט, וואָס קאָנען לחלוטין נישט הויזן אין איינעם.

און די אַלע סיסטעמען, פרינציפן און מאקסימען טרעטן ארויס מיט דער גדלותדיקער, האָפערדיקער פאַרזיכערונג, אז זיי זענען דאָס דער איינציקער אמת, דער איינציקער יושר, די איינציקע שיינקייט, וואָס זענען אמת, יושר און חן „אין זיך גופא“, אליין איינס, צי דער מענטש וויל מסכים זיין מיט זיי אָדער נישט.

קומען דעמאָלט צוגיין די טיפער-בליקנדיקע פאָרשער, אנאַליזירן נאָכאמאָל דעם פארפלאָנטערטן קנויל פון ווידעראנאנדן, שטודירן אויס די נשמות פון יענע מענטשן, וואָס האָבן זיי ארויסגעבראכט און באווייזן אונדז טריאומפירנדיק:

„זעט איר? אָט דער מענטש שמועסט זיך איין, אז ער האָט אויסגעפונען דעם אמת, אָבער ער גלויבט אין אים נאָר דערפאַר, ווייל זיין נשמה וויל גלויבן אין אים, ווייל זי איז אזוי געבויט, אז אן אנדערן אמת קאָן זי נישט אויפנעמען אין זיך. דער מענטש בכלל — זאָגן אזעלכע פאָרשער, — מוז זיין סובייעקטיוו. אלע געשמועסרייען וועגן אָביעקטיווע אמתן זענען נישט מער, ווי אילוזיעס, מיט וועלכע ער באשווינדלט זיך אליין. ער מוז בלייבן טריי זיין אייגענער טבע און קאָן פון זיין הויט נישט ארויסשפרינגען. היינט — צו וואָס די אַלע איינרעדענישן וועגן אָביעקטיווע, אייביקע, „אין-זיך-גופאדיקע“ אמתן? אמער, לאָז יעדער איינעם זאָגן, ווי די מעשה איז: „איך ליב דאָס“, „איך שעץ דאָס“, „דאָס געפעלט מיר“ און — שלאָגט זיך נאָכדעם איינער מיט דעם אנדערן, וועמעס ווילן עס זאָל גובר זיין אין לעבן.

ס'איז אמת, קיין מענטש קאָן נישט ארויסשפרינגען פון זיין אייגענער הויט; יעדער איינער מוז בלייבן טריי זיין אייגענער טבע. אָבער יענע טיף-בליקנדיקע פאָרשער, וואָס האָבן ארויסגעפונען אָט דעם אמת שבאמת, און וואָס האָבן אַזוי שטארק באַרייכערט אונזער קענטעניש פון דער מענטשלעכער נאטור, וואָלטן ארייגעבליקט אביסעלע טיפער אין איר, וואָלט זיי באַלד געוואָרן קלאָר, אז עס געהער צו דער נאטור פון דעם מענטש ער זאָל שטרעבן נאָך אן אָ ב י ע ק ט י װ ן וויסן, ער זאָל רייסן זיך צו יענעם אמת, יושר און חן, וואָס זענען „אין זיך גופא", און אויך אָט דער טבע זיינער מוז ער בלייבן טריי, אויך פון דער הויט זיינער קאָן ער קיינמאָל נישט ארויסשפרינגען.

לכתחילה ווי אזוי צו וויסן, אז אלע אמתן, וואָס איך וועל ארויסברענגען, וועלן זיין נישט מער, ווי אן אָפשפיגלונג פון מיין אייגענער נאטור, און פונדעסטוועגן אין דערזעלביקער צייט גלויבן טריי מיין אייגענער נאטור; וויאזוי ארויסצודרייען זיך אָט פון דעם אינעווייניקסטן ווידערשפרוך, — דאָס איז די וויכטיקסטע אויפגאבע פון דער וויכטיקסטער פון אלע וויסנשאפטן, ד ע ר ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש-ט ע אָ ר י ע, און איינער פון די וויכטיקסטע רעזולטאטן, צו וועלכע יענע וויסנשאפט איז געקומען, איז אזא: דו, מענטש, קאָנסט בילדן מיינונגען צוליב דעם, כדי צו באפרידיקן נאָר דיינע באדערפעניש, צו פארענטפערן נאָר דיינע אינדיווידועלע קאפריזן, און דו, מענטש, קאָנסט אויך זוכן דעם אמת אין דעם ערנסטן גלויבן, אז דו זוכסט אים נאָר צוליב אים אליין און אז דו ביסט אָנגעגרייט מקריב צו זיין ד י י נ ע באדערפענישן און ד י י נ ע קאפריזן, אויב דו וועסט אויסגעפינען, אז זיי גייען להיפך צו דעם געפינענעם אמת.

אין ביידע פאלן וועסטו אָפשפיגלען נאָר דיין אייגענע נאטור. אָבער עס איז פאר אונז אלעמען וויכטיק, מיר זאָלן האָבן די אָפשפיגלונג פון יענעם טייל נאטור, וואָס בענקט נאָך דעם אמת צוליב דעם אמת און וואָס איז גרייט, זיך מוסר

נטש זיין פאר אים, און נישט פון יענעם טייל נאטור, וואָס וויל נאָר טעאָרעטיש באַפּוצן דיינע אינדיווידועלע קאַפּריזן.

די אייגענע פאָדערונג פון דער דערקענטעניש-טעאָריע קאָנען מיר אָנווענדן אויך אויף אונזער ענין וועגן די סימנים פון „גרויס" און „קליין". מיר ווילן וויסן, וואָס איז „גרויס" און „קליין" „אין זיך גופא", ווען אפילו מיר וויסן לכתחילה, אז געפינען וועלן מיר נאָר דאָס, וואָס איז „גרויס" און „קליין" פאר אונז און מסתמא אויך פאר די, וועמעס נאטור עס איז געבויט לויט דעמזעלביקן סטיל, ווי אונזער אייגענע.

אמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אז די סימנים פון „גרויס", — פון א גרויסער פאסירונג, א גרויסער געזעלשאפטלעכער ארבעט, — ליגן נאָר אין דער צאָל פון מענטשן, וועמען עס איז נוגע די פאסירונג אָדער די ארבעט, און אין דעם סכום פון ענערגיע, וואָס ווערט אין זיי ארויסגעבראכט; וואָס גרעסער דער סכום אָנגעווענדעטע ענערגיע, אלץ גרעסער די פאסירונג אָדער די ארבייט.

האָב איך מיר אוועקגעשטעלט אזא שאלה:

אָנגענומען, עס ווערט באַשאַפן אַ באַוועגונג, וואָס גייט אַרויס פון דעם גרונטזאַץ, אַז יעדער מענטש האָט אַ רעכט אויף אַ ציין-בערשטל און אויף אַ נאָז-טיכל. און נישט נאָר האָט ער אַ רעכט דאַרויף, נאָר עס איז אונזער הייליקסטער חוב פאַר דער קולטור און דער ציוויליזאַציע, אַז יעדער מענטש זאָל האָבן אַ ציין-בערשטל, זאָל האָבן אַ נאָז-טיכל, זאָל וויסן, ווי צו באַגיין זיך מיט זיי, און זאָל געפירט ווערן דערצו, אַז ער וועט מוזן זיי אָנווענדן אין דער ריכטיקער צייט און אין דעם ריכטיקן אָרט.

שטעלט זיך נאָר פאָר, וויפל הונדערטער מיליאָנען מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט, צוליב וועמען עס קאָן געמאַכט ווערן אַזאַ באַוועגונג, רעכנט אויס, וויפל מיליאָנען דאָלאַרס אַ יאָר עס דאַרף אויסגעגעבן ווערן, וויפל מענטשן עס דאַרפן זיך פּראַקטיש באַטייליקן אין דער באַוועגונג, כדי איר ענדציל זאָל מקוים ווערן; וויפל אַרבעט דאָס וואָלט געגעבן די אַרבעטסלאָזע, וויפל ענערגיע

עס וואָלט אָנגעווענדעט געוואָרן צוליב אַזאַ גוטער היגיע-נישער זאַך; וויפל באַצאָלטע פילאַנטראָפּישע „דזשאַבס" עס וואָלטן דערביי באַשאַפן געוואָרן און וויפל פאַראינטערעסירטע פּראָפּאַגאַנדיסטן וואָלטן פאַרהילכט די וועלט מיט זייער רוף צו העלפן דער „הייליגער זאַך פון קולטור": וואָלטן מיר די אַרבעט אָנגערופן אַ „גרויסע" אַרבעט? וואָלט אונזער נשמה, וואָס ציט זיך, ווי יעדע מענטשלעכע נשמה, צו „גרויס", אָנגעצונדן גע-וואָרן מיט התלהבות פאַר אַזאַ אַרבעט?

איך האָב מיר געמוזט ענטפערן, אַז ניין. צאָן-בערשטלעך און נאָז-טיכלעך געהערן טאַקע צו דער קולטור, אָבער נישט פון זיי העננט אָפּ איר גורל, און ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די צאָל מענטשן, צוליב וועמען די באַוועגונג ווערט אַרויסגערופן, ווי אומגעהייער דער סכום פון ענערגיע, וואָס וואָלט פאַרברויכט געוואָרן אין איר, מיט וואָס פאַר אַ ליאַרעם זי וואָלט נישט פאַר-פלאַנצט געוואָרן פון לאַנד צו לאַנד, — וואָלט זי געבליבן אַ גרויסע אַרבעט, וואָס איז קליין.

ליגט אפשר דער סימן פון גרויס נישט אין דעם סכום פון מענטשן און ענערגיע, צוליב וועמען און מיט וועלכער די אַרבעט ווערט געטאָן, נאָר אין דעם סכום פון מענטשן, וועלכע זענען שוין ווירקלעך פאַראינטערעסירט אין אַ וואָסער עס איז זאַך, וואָס פאַרכאַפּט זייער אָטעם און שטייט אין דעם צענטער פון זייער אויפמערקזאַמקייט?

איך בין אַמאָל געווען אַ לענגערע צייט אַ טעגלעכער לע-זער פון אַ היגער יידישער טעגלעכער צייטונג, וואָס פלעגט מיך אָפּט מכבד זיין מיט גרויסע „קעפּלעך" אויף אַזאַ שטייגער: „די גאַנצע וועלט וואַרט מיט אומגעדולד אויף...", אָדער: „די גאַנצע שטאָט גייט אויף רעדלעך וועגן...". מיט אַזעלכע גרויסע, אויפ-רודערנדיקע קעפּלעך האָט די צייטונג געוואָלט צוציען מיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם, וואָס פאַרדינט אַריינגענומען צו ווערן אין מיין נשמה, צו דעם, וואָס איז גרויס. און אַלע מאָל פלעגט זיך אויסלאָזן, אַז ביי דער „וועלט" האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם — אַן אויסגעבלאָזענע איי, — עפּעס אַ „פּרייז-פייט" צווישן

אַ שוואַרצן און אַ ווייסן באָד־יונג און כּדומה אַזעלכע גרויסע פּאַסירונגען.

האָב איך איינגעזען, אַז ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די צאָל פון מענטשן, וואָס זענען פאַרקאַכט אין עפּעס, און ווי הייס זיי זאָלן נישט זיין פאַרקאָכט אין דעם, איז דאָס נאָך קיין ראיה נישט, אַז דער ענין איז גרויס. עס קאָן זיין אַ גרויסע זאַך, וואָס איז קליין.

איבערקלייבנדיק אַ סך אַזעלכע פאַלן, בין איך געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז גרויס איז נאָר דאָס, וואָס טראָגט אין זיך גופא די פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן און וויכטיקן פּ ר י נ צ י פּ, אָדער אויך דאָס, וואָס איז דירעקט פאַרבונדן מיט דעם לעבנס־שיקזאַל פון די גרויסע מאַסן. דער „פריין־פייט" איז דערפאַר קליין, ווייל דער פּ ר י נ צ י פּ פון געבן איינער דעם אַנדערן אונטערן ריפּ איז אסור אַזאַ געהויבענער, עס זאָלן זיין פאַראינטערעסירט אין אים מיליאָנען פון מענטשן. און די גרויסע נאָז־טיכל־און־צאָן־בערשטל־באַוועגונג איז דערפאַר קליין, ווייל נישט פון איר קאָן אָפּהענגען דער לעבנס־שיקזאַל פון די גרויסע מאַסן. דאָס זענען אַלץ גרויסע זאַכן, וואָס זענען קליין.

דערפאַר איז צוריק די גרינדונג פון אַן אַרבעטער־בילדונגס־פאַראיין אין דייטשלאַנד, אין יאַקאָבּיס צייטן, געווען אַ קליינע זאַך, וואָס איז גרויס, ווייל אין איר איז געווען פאַרקערפּערט אַ גרויסער און וויכטיקער פּרינציפּ: די גייסטיקע באַפרייאונג פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס דאַרף איבערבויען אַלע יסודות פון דעם לעבן און איבעראַנדערשן צו גוטן דעם לעבנס־שיקזאַל פון די גרויסע מאַסן.

אַנטקעגן וואָס רעד איך דאָס אַלץ?

— איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס אויך אין אונזער צייט און ביי אונזער פאָלק ווערן איצטער געטאָן קליינע אַרבעטן, וואָס זענען גרויס, ווען אפילו זיי קאָנען פאַרהילכט ווערן דורך דעם ליאַרם פון די גרויסע אַרבעטן, וואָס זענען קליין.

אַ ביישפּיל?

— די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן!

2-טן יוני, 1915.

אַ ביסל נחת

(די ערשטע נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שול אין ניו-יאָרק)

די פרעסע האָט נישט לאַנג געבראַכט די ידיעה, אַז עס האָט זיך געגרינדעט אַן אומפּאַרטייאישער שול-פאַראיין, וואָס זאָל פאַרוואַלטן מיט דער יידישער פאָלקס-שול און אויך עפענען אַנדערע אַזעלכע שולן. דאָס איז גאַנץ געוויס אַ פריילעכע נייעס. פריער איז די שול געווען אין די הענט פון די פועלי-ציון און דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד. אויף דער איבערגעגעבנקייט פון די חברים צו דער נייער אַרבעט האָט מען זיך גאַנץ געוויס געקאָנט פאַרלאָזן און אין אַן אַנדער צייט וואָלטן אַלע, וואָס האָבן דעם חשק צו אַרבעטן אויף דעמדאָזיקן פעלד, פשוט צוגעשטאַנען צו זיי און געהאָלפן זיי מיט אַלע מיטלען. אָבער גייט, מאַכט עפעס מיט אונזער פאַנאַטישער פסיכאָלאָגיע און דער פאַרשאָלטענער קלייזל-קאָנקורענץ!... קוים שטאַמט די זאַך פון פועלי ציון און דעם פאַרבאַנד, אַזוי טאָרן שוין די אַנדערע נישט צורירן זיך צו איר. אין אַן אומפּאַרטייאישן פאַראיין וועט האָפנטלעך אינגאַנצן פאַרשווינדן יענער פאַרשאָלטענער קלייזל-גייסט און צו דעם פאַראיין — וועלן צושטיין — ז אָ ל ן צ ו ש ט י י ן ! — אַלע, וואָס פאַרשטייען די ווייטגייענדיקע באַדייטונג פון דער אונטערנעמונג.

און די באַדייטונג פון דעם ערשטן קערנדל, פון וועלכן עס דאַרף זיך פונאַנדערוואַקסן דער בוים פון יידישער דערציאונג.

איז באמת אַ קאָלאָסאַלע. „ביי דער שלאַכט פון סאַדאָוואַ״ זאָגן אַלע היסטאָריקער, „האָט איבער פראַנקרייך געזיגט דער פּרייסישער שול-לערער״. ביי דער שלאַכט מיט דער אַסימילאַציע קאָנען מיר מיט דעמזעלביקן רעכט זאָגן, וועט זיגן די י י ד י ש ן פאָלקס-שול.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך ביי סאַדאָוואַ האָבן, אַ חוץ דעם „לערער״, געווירקט די ביקסן און האַרמאַטן, מאָלטקעס מיליטערישער זשעני, ביסמאַרקס פּאָליטיק און — מער פאַר אַלעמען — דער נאַציאָנאַלער ע נ ד צ י ל, דער אידעאַל פון אַן איינהייטלעכן דייטשלאַנד. אין אונזער שלאַכט פעלן די האַרמאַטן מיט דער דיפּלאָמאַטיע (אַך! ליידער, אויך די מאָלטקעס און די ביסמאַרקס...), אָבער דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער ע נ ד-צ י ל איז דערפאַר דאָ, וואָס איז אין זיין שיינקייט און וויכטיקייט פאַר יידן און פאַר דער מענטשהייט נאָך אַ סך אַ גרעסערער אידעאַל, איידער די פאַן-גערמאַניסטישע פאַראייניקונג.

אָבער דער „פאָלקס-שול-לערער״, וועט אויך דאָ מוזן שפּילן זיין אומגעהייער-וויכטיקע היסטאָרישע ראָלע. ווייל דער קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע איז אין ערשטער ליניע אַ קאַמף פאַר דער נשמה פון דעם יידישן קינד...

וועמען זאָל די ריינע אומשולדיקע נשמה געהערן? דעם יידישן פאָלק און זיין צוקונפט, אָדער דער אַסימילאַציע, ד. ה. יענעם אָפּגאָט, וואָס פורעמט בריאות — האַלב ייד, האַלב גוי, האַלב אַנדרוגינוס, האַלב טומטום, נישט צו גאָט און נישט צו לייטן?

נאָר דער, וואָס האָט דאָס קינד געוווּנען, דער האָט געווונען די צ ו ק נ פ ט. און ווי ל י י כ ט איז עס אַרויסצורייסן דאָס קינד פון דעם קולטור-שמד און צובינדן זיין נשמה צו דעם יידישן פאָלק! דאָס האָט אַזוי אונערוואַרטעט באַוויזן דער ניו-יאָרקער עקספּערימענט מיט דער ערשטער יידישער שול.

מיינט נישט, אַז די ערשטע שריט זענען אָנגעקומען זייער לייכט. אדרבה, עס האָט אויסגעוויזן, אַז קיין שווערערע

זאָך, ווי גרינדן און פירן אַ יידישע שול, איז אויף דער וועלט נישטאָ. און נישט אַזוי צוליב די אמת'ע שוועריקייטן, ווי מחמת דער אָנגעשראָקנקייט, דעם פּחד, וואָס מען האָט אַרויפגע־וואָרפן.

גיי, גרינד אַ יידישע שול, אַז ס'איז נישטאָ קיין יידישע שול־ביכער, נישט קיין יידישע שול־לערער און נישט קיין לערן־פּראָגראַם: מיט וואָס הויבט מען אָן?

— „אָבער", האָבן מיר געטענהט, „דערפאַרונג פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל, לאָמיר אָנהויבן מיט וואָס עס איז, לאָמיר אָנהויבן פּאַלש. דאָס לעבן וועט שוין אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג. איר קאָנט זיך נישט לערנען שווימען אויף דער יבשה. מען דאַרף קודם גיין אין וואַסער, כדי צו לערנען זיך שווימען.

— אָט דאָ שטעקט דאָך די גאַנצע צרה, ענטפערט מען, אַז ס'איז גאָרנישטאָ קיין וואַסער. ס'איז נישט מער ווי אַ „גלות־בלאָטע", ווו מען קאָן אַפילו מיט די עלנבויגנס נישט פאַנאַנדערפירן.

— ניין, וואַסער איז שוין דאָ, טענהט אַן אַנדער קעגנער: ס'איז דוקא אַ רייסנדיקער שטראָם פון אַסימילאַציע. איר וועט נישט קאָנען שווימען אַנטקעגן שטראָם.

— לאָמיר פּרווון, וועלן מיר זען! — בעטן מיר זיך רחמים.

— וואָס טויגן דאָ די חכמות? שניידט מען אונז אָפּ די רייד. איין זאַך וועט אויך אייער אוטאָפּיסטישער מוח צוגעבן: אַז צו אַ יידישער שול דאַרף מען האָבן יידישע קינדער. נו — און דער מין איז נישטאָ. דאָס הייסט: יידישע קינדער זענען, ברוך השם, יאָ פאַראַן, נאָר זיי ווילן נישט קיין יידיש און וועלן קיינמאָל נישט וועלן.

אָט די אַלע שוועריקייטן, זענען ווי אַ רויך פאַרשוונדן, ווי נאָר מען איז ערנסט צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

עס האָבן זיך געפונען יידישע לערן־ביכער, — שלעכטע, אָבער גוט גענוג פאַר אַן אָנהויב. עס האָבן זיך געפונען יידישע לערער. און דער פּראָגראַם האָט זיך אַליין אויפגעבויט: יידיש לייענען, יידיש שרייבן, העברעאיש (לויט אַ געמישטן סיסטעם: „עברית

בעברית, יידיש ועבגליש"), יידישע געשיכטע, און ועל כולם — דאָס יידישע ליד!

— און יידישע קינדער!

אָט דאָ ליגט דער גאַנצער נחת! פון אַ צוואַנציק קינדער אין אָנהויב איז די צאָל אין אַ משך פון עטלעכע וואָכן אויסגעוואַקסן צו אַ ז ע כ צ י ק, און זאָלן נאָר זיין פלאַץ און מיטלען — אין קינדער וועט שוין קיין מניעה נישט זיין.

דער הויפט-נחת ליגט אָבער אין יענער גרויסער ל י ב ע, וואָס האָט צוגעבונדן די קינדער צו דער שול. די פּאָר שעה פון דער שול-צייט (שבת און זונטיק פון 3 ביז 5) זענען אַ יום-טוב פאַר זיי. זיי טרייבן די עלטערן, מען זאָל גיכער פאַרטיק ווערן מיטן וואַרמעס, ווייל מען דאַרף לויפן אין שול אַריין. און אין דער שול, וואָס איז פריי פון יעדער קאַזיאָנער דיסציפּלין, ווי די לערער זענען ליבנדיקע ברידער, די למודים — אַזוינע אינטערעסאַנטע זאַכן, און די חברים — מיט-קונדסים, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דעמזעלביקן שיינעם שפּיל, אין אַזאַ שול ווערט דעם קינדס נשמה אַרומגענומען מיט אַן אַטמאָספער פון וואַרעמקייט און ליכט, וואָס לויטערט זיי אינגאַנצן אויס פון דעם קולטור-שמד און באַהעפט זיי צו דעם יידישן פאָלק, צו זיין פאַרן גאַנגענהייט און צוקונפט...

וואָלטן מיר נאָר געהאַט די נויטיקע מיטלען, און היינטיק טאָג וואָלטן מיר געקאָנט אויסשפּרייטן איבערן גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום דעם נעץ פון אַזעלכע שולן; נישט שבת-און זונטיק-שולן נאָר טאָג-און אָוונט-שולן, וואָס וואָלטן געגעבן דעם יידישן קינד אַ וואַרעמע יידישע היים, אַ זאַך, וואָס אים פעלט אַזוי שטאַרק אין דעם גלות-אַמעריקע.

אַזעלכע שולן וואָלטן אויך אָסך בעסער אָפּגעהיט דעם „קיום הלאום", איידער דער אָפּגעלעבטער שלחן-ערוך און די כּף-הקלעדיקע „קאָנגרעגיישאָנס".

די יידישע שול, וואָס איז שוין איצטער געוואָרן אַ לעבעדיקער פאַקט, וועט אויך זיין דער פּרווו-שטיין, מיט וועלכן מיר וועלן קאָנען אָפּשאַצן די ערנסטקייט, טיפקייט און דעם קלאָרן

איינזען פון יענעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס האָט אין דער לעצטער צייט אַרומגענומען אַזאַ גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און דער יידישער פּראָגרעסיווער אַרבעטערשאַפט.

Hic Rhodus, hic salta!

אָט דאָס איז נאַציאָנאַלע אַרבעט. אָט דאָ טוט! טוט, וואָס איר קאָנט. שטיצט מיט געלט, נעמט אויף זיך פאַרוואַלטונגס-אַרבעט, גרינדעט הילפס-געזעלשאַפטן, אינטערעסירט זיך מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער פּעדאַגאָגיק און — קודם כל — שליסט זיך אָן אָן דעם שול-פאַראיין!

„דאָס נייע לעבן“, 1910.

נאציאנאל-קלעריקאל

נאַציאָנאַל-קלעריקאַל

ה. ליבערמאַן, די אידישע רעליגיאָן אין דער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער ערציהונג. ניו-יאָרק, מ. מייזעל, 1915.

הער ה. ליבערמאַן, אַ לערער פון דער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער שולע אין ניו-יאָרק, האָט אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולן אין אַמעריקע געהאַלטן אַ רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט טעאָרעטיש באַלויכטן די שטעלונג, וואָס מיר דאַרפן אָננעמען צו דער יידישער רעליגיע אין דער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער דערציאונג. דער רעפעראַט איז איצטער אַרויס אין אַ באַזונדער בראָשור, און יעדער איינער קאָן אָפשאַצן יענעם גייסט, וואָס הערשט אין געוויסע קרייזן, וועלכע גרופירן זיך אַרום דער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער שולע.

הער ליבערמאַנס גרונט-געדאַנק באַשטייט אין דעם, אַז „די יידישע רעליגיאָן לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט אָפּגטן פון אַ יידישער ערציאונג, ווי פרייידענקעריש דינע זאָל נישט וועלן ווין" (ז. 4).

אויף וויפל הער ליבערמאַן פאָדערט, אַז אין דער יידישער יוגנט זאָל איינגעפלאַנצט ווערן אַ ר ע ס פ ע ק ט צי דער אַלטער, פרומער יידישער וועלט, פאַר דער ערלעכקייט פון איר גלויבן, פאַר דער גרויסער ראָלע, וועלכע די יידישע רעליגיע האָט ביז אַהער געשפילט אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, איז ער גאַנץ זיכער גערעכט. אויך ווען ער

זאָגט צום שלוס פון זיין רעפער , אז „נישט האסן, נישט איגנאָרירן, נאָר מיט אכטונג און סימפּאַטיע און ליבע צו פּ אַ ר ש ט יי ן — אָט דאָס דאַרף זיין אונזער שטעלונג צו דער יידישער רעליגיאָן", קאָן מען אין אַ זייער גרויסן גראַד מסכים זיין מיט אים.

אָבער הער ליבערמאַן באַנוגנט זיך נישט מיט דעם. ער וואָלט וועלן, אז דאָס יידישע קינד זאָל דערצויגן ווערן אין דעם גייסט פון דער יידישער רעליגיע, זאָל אַליין ווערן יידיש-רעליגיעז געשטימט, זאָל ווערן אַ באַוווּסטזיניקער טרעגער פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן און שאַפן.

דאָס איז אַ פאָדערונג, וואָס גייט אַבסאָלוט להיפּך צו דעם וויכטיקסטן פּרינציפּ פון י ע ד ע ר פאָלקסשול-בילדונג, און בפרט נאָך פון אַזאַ דערציאונג, וואָס רופט זיך „ראַדיקאַל". רעליגיעזע דערציאונג קאָן געגעבן ווערן נאָר אין ספּעציעלע רעליגיעזע שולן, אויפגעהאַלטן פון עלטערן, וואָס גלויבן אין דער רעליגיע. פאָלקס-דערציאונג מ וז זיין וו ע ל ט ל ע ך. און נאָך מער פריי פון יעדער רעליגיעזער מיסטיק מוז זיין די שולע, וואָס נעמט אויף זיך די אויפגאַבע, צו דערציען די קינדער אין דעם גייסט פון די מאָדערנע ראַדיקאַלע אָנשויאונגען.

איך האָב אין אַן אַנדער אָרט באַריכות גערעדט, וואָס עס דאַרף זיין די שטעלונג פון אַ מאָדערנעם יידישן ראַדיקאַל צו דער יידישער רעליגיע. אינקורצן אויסגעדריקט, קום איך צו דעם רעזולטאַט, אַז מיר דאַרפן אונזער רעליגיע אָפּשאַצן נ אָ ר לויט איר נאַציאָנאַלן, פּאָעטישן און ריין-מענטשלעכן ווערט, און נאָר אַזוינע ווערטן אירע אַריינגעמען אין אונזער פּראָגראַם. (זע מיינע אַרטיקלען „רעליגיע און נאַציע" און „די נאַציאָנאַל-פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע". געזאַמלטע שריפטן בד. 4).

הער ליבערמאַן גייט ווייטער. ער וויל, אַז אויך דער ריין-ר ע ל י ג י ע ז ע ר עלעמענט פון דעם יידישן גלויבן זאָל אַריינגעפלאַנצט ווערן אין דעם קינדס נשמה, — אַ פאָדערונג,

װעלכע מיר געפינען בײַ אַלע קלעריקאַלן פון אַלע פעלקער.

עס פאַרשטײט זיך, אַז יעדער קלעריקאַל האָט זײַן טעאָריע, פאַרוואָס די דערציאונג דאַרף זײַן רעליגיעז. אויך הער ליבערמאַן האָט זיך זײַנע טעאָרעטישע אָנשוױאונגען. לײדער זענען זײ אַן אומגעלומפּערטע צונױפּמישונג פון רײן-קלעריקאַלע און אָפּגעשוואַכטע ראַדיקאַלע מאָטיװן.

די יסודות פון זײַן קלעריקאַלן בליק װעל איך דאָ אײַנקורצן באַלױכטן אין דער פאָרם פון אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען צו די װיכטיקסטע שטעלן פון זײַן שריפט. מער באריכות צו רעדן װעגן דעם ענין לאָז איך איבער אויף אַן אַנדער געלעגנהײט.

„דאָס ײדישע פאָלק“, שרײַבט הער ליבערמאַן, „איז באַגאַבט מיט אַ שטאַרקער עמפּפינדלעכקײט פאַר דאָס מיסטישע אין (אונטערגעשטראָכן פון מיר, זש.) דער נאַטור און דערײַבער גענײגט צו אַ רעליגיעזן פאַרטיפן זיך אין דעם זין פון דער װעלט און דעם לעבן“ (ז. 4).

איך בין שטאַרק מסופק, צי דאָס איז אַזױ. איך לײקן ניט, אַז בײַ דעם אידישן פאָלק קלאַפּט אַ שטאַרקע מיסטישע אָדער. אָבער די גאַנצע מיסטיק באַװײַזט, אַז אונזער פאָלק האָט זײער אַ שוואַכע עמפּפינדלעכקײט פאַר דער נאַטור בכלל און ממילא אויך פאַר דאָס מיסטישע און אַן אױסערנאַטירלעכע. איר װעט ערגעץ אין איר ניט געפינען קײן מיסטישע דערקלערונגען פון נאַטור-דערשײַנונגען, װי מיר געפינען דאָס בײַ די גריכן און בײַ די גערמאַנישע פעלקער. דער שטרענגער מאָנאָטעאיזם האָט צעשטערט בײַ דעם ײד די נאַטור-מיסטיק: די נאַטור איז ניט מער װי לײם, װי חומר ביד היוצר.

די קבלה האָט, אמת, אויסגעאַרבעט אַן אַנדער קוק אויף דעם ענין, אָבער אויך זי האָט זיך מיט דער נאַטור ניט אינטערעסירט, ריכטיקער: זיך געשטעלט פרײַנטלעך צו

איר, און אויף וויפל אין דער קבלה און דער חסידות זענען דאָ שפּורן פון נאַטור-מיסטיק, שטאַמען זיי פון נישט-יידישע קוועלן. געבליבן פאַר דער יידישער מיסטיק איז נאָר די מענטשלעכע נשמה און די איבערנאַטירלעכע הימל-וועלט.

עס איז אויך אַ גרויסער ספק, צי דאָס יידישע פאָלק איז „ב ט ב ע גענייגט צו אַ רעליגיעזן פאַרטיפן זיך" א.אז.וו. אפשר האָבן אין אים נאָר די היסטאָרישע אומשטענדן אַריינגעפלאַנצט אַזאַ איבערגעטריבענע רעליגיעזע נייגונג. מען קאָן זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן, אַז ביי אַ נאָרמאַלן לעבן וואָלטן די רעליגיעזע נייגונגען פון דעם יידישן פאָלק זיך נישט אָפּגעשיידט פון דער רעליגיעזער נייגונג, וועלכע מיר געפינען ביי אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער.

אָבער אָנגענומען, אַז די צוויי טעזיסן פון הער ה. ליבערמאַן זענען ריכטיק: אַז מיר האָבן אַ שטאַרקע נייגונג צו נאַטור-מיסטיק, אַז מיר זענען ב ט ב ע מער רעליגיעז, איידער אַנדערע פעלקער און אַז „אַדאַנק דעם, ווי אויך צוליב געוויסע היסטאָרישע סיבות, האָט די יידישע רעליגיאָן אַזוי פולשטענדיק באַהערשט דאָס יידישע לעבן, אַז זי האָט אַ טיפן שטעמפּל אַוועקגעשטעלט אויף אַלע אַנדערע עלעמענטן, וואָס שטעלן צוזאַמען די יידישע קולטור" (ז. 4).

וואָס איז דער פּועל-יוצא דערפון פאַר דער יידישער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער דערציאונג?

אין די אויפגאַבע פון דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר דערציאונג — אַרויסצורופן קעלבערנע התפעלות צו אַלע אייגנשאַפטן פון דעם יידישן פאָלק בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען י י ד י ש ע? בשום אופן נישט! דאָס וואָלט געווען אַ שאָוויניסטישע דערציאונג. נאָר שאָוויניסטן גלויבן, אַז דאָס, וואָס אונזערס, איז גוט, און וואָס פרעמדס, איז שלעכט.

נישט נאָר דער ראַדיקאַלער, אפילו דער פשוט-פּראָגרעסיווער געדאַנק פאָדערט, אַז יעדע דערשיינונג פון דעם פאָלקס-לעבן זאָל מען קודם כל אָפּמעסטן מיט דער מאָס

פון דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן פּראָגרעס. און ערשט ווען די דערשיינונג באַפרידיקט אונז, ווי מענטשן, קאָנען מיר זיך פרייען, וואָס אונזער פאָלק באַזיצט זי אין אַ זייער גרויסער מאָס.

אויב מיר האָבן זיך צו פרייען מיט דעם, וואָס דער ייד איז בטבע אַזוי איינזייטיק-רעליגיעז, דעמאָלט און נאָר דעמאָלט דאַרפן מיר אויך ביי אונזערע קינדער פאַרשטאַרקן דורך דער דערציאונג דיזעלביקע אייגנשאַפט. ווי איז אָבער, אַז די איבערגעטריבענע נייגונג צו רעליגיעזע מיסטיק איז גאָרניסט אַזאַ חשובע מעלה? דעמאָלט וועלן מיר אין אונזער נאַציאָנאַלער דערציאונג זיין געצוווּנגען, צו קעמפן אַנטקעגן דערדאָזיקער נייגונג מיט די מיטלען פון דער דערציאונג, ווייל נאַציאָנאַלע דערציאונג מוז זיך קודם כּל רעכענען מיט די נויטן פון דעם יידישן פאָלק.

גיט אויף אַ ווײַלע צו, אַז עס ליגט אין די נויטן פון אונזער פאָלק צו אַנטוויקלען אין אים וואָס מער וועלטלעכקייט און וואָס מער וועלטלעכע אינסטינקטן און נייגונגען, און די טענה פון הער ח. ליבערמאַן וועלן פירן צו רעזולטאַטן, וואָס זענען פונקט דער היפּך פון יענע, וועלכע ער וויל אַרויסברענגען.

„דער קאַמף צווישן דער יידישער אמונה און דער וועלטלעכקייט איז שוין ביי אונז לאַנג איינגעשטילט”, פאַרזיכערט הער ליבערמאַן. יאָ! אָבער הער ליבערמאַן הויבט אים מיט זיינע טענות ווידער אויף.

„די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולע טאָר נישט פאַרזייען קיין קערנער פון דיסהאַרמאָניע אין דעם האַרץ פון יידישן קינד צו זיין פאָלק” (ז. 6).

אַן אַלטער ריין-שאָוויניסטישער כּלל! און אויב דאָס גאַנצע לעבן פון דעם פאָלק איז אין דיסהאַרמאָניע מיט די פאָדערונגען פון דעם ראַדיקאַלן געדאַנק, טאָרן מיר אויך דעמאָלט נישט אויפוועקן אונזערע קינדער אין דיסהאַרמאָניע

מיט זיין לעבן? וואָס דען זאָל זיין די אויפגאַבע פון אונזער נאַציאָנאַלער אַ ד י ק אַ ל ע ר דערציאונג, אויב נישט די אויסציאונג פון אַ דור, וואָס זאָל ק ע מ פ ן פאַר די פאָדערונגען פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס אין דעם לעבן פון דעם אייגענעם פאָלק, וואָס זאָל נעמען אויף זיך די א ח ר י ו ת פאַר דאָס אייגענע פאָלקס-לעבן, אַז עס זאָל נישט גיין להיפך צו די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט?

היינט קומט צו אונז אַ רעליגיעזער ראָמאַנטיקער, דערקלערט, אַז די טבע פון דעם יידישן פאָלק איז אַ רעליגיעזע, און פאָדערט, אַז די יידישע דערציאונג זאָל נישט גיין אין דיסהאַרמאָניע מיט דער יידישער רעליגיע. מאָרגן וועט צו אונז קומען אַ שאָוויניסטישער נאַציאָנאַל-עקאָנאָם און וועט צו אונז רעדן אין דעם סטיל פון הער ליבערמאַן בזה הלשון:

— דאָס יידישע פאָלק איז באַגאַבט מיט אַ שטאַרקער עמפפינדלעכקייט פאַר דאָס אַלטע-הויזן-הענדלערישע און דאָס סאָדע-וואַסער-שטענדלעכע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און איז דעריבער בטבע גענייגט צו אַ סוחרישן מקח-וממכרדיקן פאַרטיפן זיך אין דעם זין פון אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען. מיר טאָרן נישט פאַרזייען קיין קערנער פון דיסהאַרמאָניע אין דעם האַרצן פון יידישן קינד צו זיין פאָלק, און דעריבער — אַוועק מיט די סאָציאַליסטישע אַרבעטס-אידעאַלן און מיט דער סאָציאַליסטישער קריטיק פון דעם מקח וממכר!

און דאָס רופט זיך „ראַדיקאַל"!

אונזערע קינדער דאַרפן דערצויגן ווערן אין דעם חוב צו דינען זייער אייגענעם פאָלק אין דעם זין פון אונזערע ראַדיקאַלע אידעאַלן. זיי וועלן אין אַ סך פּונקטן מוזן אַוועקגעשטעלט ווערן אין דיסהאַרמאָניע צו דער גאַנצער הערשנדיקער וועלט און אויך צו דעם יידישן פאָלק.

„נאָך גרעסער ווערט די נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דער יידישער רעליגיע, ווען מען באַרעכנט, אַז זי איז געווען אַן אָריגינעלע שעפּפונג פון דעם יידישן פאָלק, פון אים אַליין

געשאַפן און אַנטוויקלט, נישט ווי קריסטנטום, למשל, ביי די קריסטלעכע פעלקער, וואָס זיי האָבן אויפגענומען פון דרויסן" (ז. 10).

אַוודאי צום הונדערטסטן מאָל אין מיין לעבן הער איך אָט דעם אַרגומענט, פאַרוואָס מיר, יידן, דאַרפן זיך שטעלן צו דער יידישער רעליגיע אַנדערש, איידער די איבעריקע פעלקער צו זייערע רעליגיעס: אונזער רעליגיע איז ביי אונז אַן אייגענע און זייערע רעליגיעס האָבן זיי „אויפגענומען פון דרויסן".

איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין דער היסטאָרישער חקירה, אויף וויפל די יידישע רעליגיע איז, אין איר איצטיקער געשטאַלט, דורכאויס „אַן אָריגינעלע שעפונג פון דעם יידישן פאָלק" און אויף וויפל דאָס קריסטנטום ביי די קריסטלעכע פעלקער איז, לויט זיין איצטיקן אינהאַלט, דורכאויס „אויפגענומען פון דרויסן".

איך וויל נאָר, מען זאָל מיר געבן צו פאַרשטיין איין זאַך: איידער די קריסטלעכע פעלקער האָבן אויפגענומען פון דרויסן דאָס קריסטנטום, האָבן זיי דאָך געהאַט זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע רעליגיעס, פון זיי אַליין „געשאַפן און אַנטוויקלט". ווי אַזוי האָבן זיי זיך דאָס געקאָנט אָפּזאָגן פון אַזאַ נאַציאָנאַלן הייליקטום? ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט אַריבערנעמען עפּעס פרעמדס? און אויב זיי האָבן געקאָנט זיך נישט רעכענען מיט דער נאַציאָנאַלער באַדייטונג פון זייער רעליגיע, פאַרוואָס מוזן מיר זיך רעכענען מיט דער נאַציאָנאַלער באַדייטונג פון אונזערער?

וואָלט איך געווען אַ פרומער ייד, וואָלט איך געהאַט דערויף אַ פשוטן תירוץ: יענע האָבן געמעגט זיך אָפּזאָגן פון זייערע גלויבנס, ווייל די גלויבנס זייערע זענען געווען פאַלשע, מיר אָבער טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון אונזער אמונה, ווייל זי איז אַן אמתע. דאָס וואָלט געווען אַן אויסגעצייכנטע דערקלערונג, אָבער אויך זי וואָלט איינגעזן

צעקלאַפּט די פּאָזיציע פון הער ח. ליבערמאַן און די, וואָס דענקען אַזוי, ווי ער.

נישט דערפאַר איז דעם ייד טייער זיין גלויבן, ווייל דאָס איז „אַן אָריגינעלע שעפּפונג פון דעם יידישן פאָלק": „מתחלה עובדי עבודה־זרה היו אבותינו". די ערשטע אָריגינעלע שעפּ־פונג פון דעם יידישן פאָלק איז געווען אַ געצנדינסט. נאָר דערפאַר איז זיין אמונה דעם ייד טייער, ווייל ער גלויבט, אַז זי איז דער א מ ת. דער ריכטיקער אויסדרוק פון דעם געט־לעכן ווילן. דער יידישער גלויבן איז נישט דערפאַר אַ מיוחס ביי אונז, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט אים אויסגעאַרבעט, נאָר דאָס יידישע פאָלק איז דערפאַר ביי דעם רבונו של עולם אַזאַ מיוחס, וואָס עס איז אויסדערוויילט געוואָרן צו זיין דער טרעגער פון דער יידישער רעליגיע.

מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די יידישע רעליגיע איז אַ פּראָדוקט פון דעם יידישן פאָלק און אַז אין איר האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט זיינע מענטשלעכע נויטן און זיינע נאַציאָנאַלע נויטן. אָבער אויך ביי די אַנדערע פעלקער האָבן די נאַציאָ־נאַלע רעליגיעס געשפּילט די זעלביקע ראָלע. דאָס האָט זיי, די נאַציאָנאַלע רעליגיעס, מיין איך, נישט געמאַכט צו אַזאַ קודש קדשים, אַז דער פּראָגרעסיווער געדאַנק זאָל תמיד דאַרפן שטיין פאַר זיי אויף די קני.

פאַרוואָס מ ו ז ן מיר זיין אַן אויסנאַם אין דעם פּרט?

„עס וועט קיין געשיכטע־שרייבער און געשיכטע־געלערנטן נישט איינפאַלן, צו איגנאָרירן דאָס קריסטנטום, אַלס קראַפט און פאַקטאָר אין דעם לעבן פון די פעלקער, נאָר דערפאַר, וואָס ער, דער געשיכטע־שרייבער אָדער געלערנטער, איז אַליין נישט קיין רעליגיעזער. לאָמיר אָקאָרשט פּרווון, אויף טשעקאָוואָשטש, זען, וואָס עס פּאַסירט, ווען מיר פאַרדרענגען די רעליגיע אין אונזער דערציאונג, אָדער אַפילו, ווען מיר בעמען נאָר צו עט־וואָס פון איר חשיבות, אַלס ווירקנדיקע קראַפט אין אונזער לעבן" (ז. 11).

מיר וועלן דאָס באַלד „פּרווון אויף ציקאַוועסט זען", דערווייל וואָלט איך בעטן, מען זאָל מיר פאַראייַנווגס דער־קלערן גאָר אַ זאַך:

קיין געשיכטס־שרייבער א.א.וו. איגנאָרירט נישט דאָס קריסטנ־טום אַלס קראַפט און פאַקטאָר אין דעם לעבן פון פעלקער. אָבער פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, אַז קוים איז דער געשיכטס־שרייבער אַליין נישט קיין רעליגיעזער מענטש, קעמפט ער, אינ־איינעם מיט אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע מענטשן, אַז די רעליגיע זאָל פאַרדרענגט ווערן פון דער דערציאונג? פאַרוואָס טרעט ער אַרויס, אינאיינעם מיט זיי, אַזוי שאַרף אַנטקעגן דעם קלעריקאַליזם, וואָס וויל, אַז די רעליגיע זאָל נישט פאַרלירן „פון איר חשיבות אַלס ווירקנדיקע קראַפט אין לעבן"? פאַרוואָס ווייס מען ביי די אומות העולם גאַנץ גוט די נפקא מיניה צווישן „ראַדיקאַל" און „קלעריקאַל"? פאַרוואָס זאָל הער ח. ליבערמאַן זיך נישט בעסער רופן: „נאַציאָנאַל־קלערי־קאַל", און די דערציאונג, וואָס ער וויל געבן אונזערע קינדער — „די נאַציאָנאַל־קלעריקאַלע"?

און איצט „לאָמיר אָקאָרשט פּרווון אויף ציקאַוועסט זען, וואָס עס פּאַסירט, ווען מיר פאַרדרענגען" וכו׳

„קודם כל, וואָס וועט דאַן זיין, אין די אויגן פון אונזער קינד, דער ברייטער שטריך, די גרונדלאַגע פון דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן פאָלק?... ביי דעם יידישן פאָלק איז דערדאָזיקער כאַראַקטער־שטריך זיין רעליגיעזע נאַטור... פאַרדרענגען (מיר) דעם רעליגיעזן מאָמענט... ווי אַזוי וועט עס וויסן, וואָס מיר זענען אין אמתן, אין אונזער טיפער, טיפער נאַטור?" (ז, 14—21).

אַקוראַט ווי הער ליבערמאַן, אָדער ווי ווער עס איז אַן אַנדערער, קאָן אינדעראמתן וויסן, וואָס איז אונזער „טיפע, טיפע נאַטור!" די ווירנשאַפט פון די פעלקער איז נאָך אַזוי

יונג, אז וועגן קיין פאָלק אין דער וועלט קאָן נאָך קיינער נישט וויסן אויף קלאָר, וואָס דער גרונט־שטריך פון זיין כאַראַקטער איז.

מער, איידער אינדיווידועלע היפּאָטעזן, קאָן מען אויף דעם פעלד נאָך נישט האָבן. מיין אינדיווידועלע היפּאָטעז איז, צום ביישפּיל, אַז דער גרונט־שטריך פון דעם יידישן פאָלק איז נישט זיין רעליגיעזע נאַטור, נאָר זיין סאָציאַל־עטישע, וואָס ווייזט זיך אַרויס סיי ביי דעם פרומען ישעיה, סיי ביי דעם אַטעאיסט קאַרל מאַרקס.

דער געדאַנק פון דעם יידישן פאָלק האָט תמיד געאַרבעט אויף דעם פּראָבלעם, ווי אַזוי מאַכט מען, אַז מענטשן זאָלן לעבן, ווי ברידער, אין די גרענעצן פון איין מענטשהייט.

אָט דער „שבת־אחים"־אידעאַל איז אַ ריין יידישער פּראָדוקט, און איז אַ סך כאַראַקטעריסטישער פאַר אונזער פאָלק, איידער זיינע ריין־רעליגיעזע פּראָדוקטן, אין וועלכע ער איז נישט באַזונדערס אָריגינעל.

איך וואָלט געקאָנט אויפווייזן אויף נאָך אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן פון אונזער פאָלק, וואָס האָבן אַן אומגעהייערן ווערט פאַר דער מענטשהייט און האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער איבערנאַטירלעכער מיסטיק.

אָבער — ווי געזאָגט: דערווייל זענען דאָס אַלץ אינדיווידועלע היפּאָטעזן. קיינער איז נישט מחויב צו גלויבן אין זיי, און דאָס יידישע קינד וועט אַקוראַט אַזוי ווייניק, אָדער אַזוי פיל, פאַרלירן, ווען די שולע וועט אים נישט קאָנען אַנטפּלעקן „דעם גרונט־שטריך פון דעם יידישן פאָלק" (אַ קליינינקייט, וואָס הער ליבערמאַנען האָט זיך פאַרוואָלט!), ווי ווייניק, אָדער ווי פיל, עס פאַרלירט יעדעס קינד פון יעדן אַנדער פאָלק, ווען נישט נאָר די פאָלקס־שול, נאָר אפילו די גאַנצע וויסנשאַפט פון זיין צייט, קאָן אים נישט אויסזאָגן יענעם סוד.

איך לאָז דורך אַ פּאָר שטעלן, וואָס זענען נישט מער, ווי אַ וואַריאַציע אויף דעמזעלביקן פאַלשן געדאַנק, אַז דאָס

יידישע פאָלק איז אַן אָרגאַניזם, וואָס אַרבעט אויס אַזאַ מין באַלזאַם, וועלכן קיין אַנדער פאָלק קאָן נישט אויסאַרבעטן: די רעליגיע.

איך גיי איבער צו יענע שטעלן, ווו עס ווערט אַרויסגעזאָגט עפּעס נייעס.

„וואָס איז דאָ נאָך שענערס וכו', ווי דער קדוש השם, אַט דער ענטוזיאַזם פאַר אַן אידייע וכו'? ווי אַזוי וועט מען דאָס קאָנען דערקלערן אויף אַ ראַציאָנאַלן, שכלדיקן אופן, אז דער שכל קאָן עס גאָרנישט באַנעמען? (!) דער ראַציאָנאַליזם וועט אייך לערנען פונקט פאַרקערט, אַז אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך (!), ווייל עס איז אַ נאַטור-געזעץ פאַר יעדער לעבעדיקער זאַך, איבערצוגיין אַלע גרענעצן, זיך צו דערהאַלטן, אָבער נישט לאָזן אויסדריקלעך זיך אומברענגען, אָבער דער קדוש השם איז פאָרט אַ פאַקט אין דער יידישער געשיכטע".

(ז, 15).

קיין מענטש וועט נישט קאָנען באַנעמען מיט זיין שכל, וואָס הער ליבערמאַן וויל דאָ אַרויסברענגען מיט דעם פונקט, מען קאָן נישט דערקלערן דעם פאַקט פון מסירות נפש פאַר אַן אידייע, טיידן מען גיט צו, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? מסירות נפש, ווי אַ נייער גאָט-באַווייז? אָדער זאָל דערפון געדרונגען ווערן, אַז נאָר פאַר רעליגיעזע אידייען קאָן זיך איינער מוסר-נפש זיין? און וואָס וועט איר טאָן מיט די דזשיאָרדאַנאָ ברונאָס און מיט פיל אַנדערע רעוואָלוציאָנערן און אַטעאיסטן, וואָס זענען פאַר זייערע אידעאַלן פריידיק געגאַנגען אין טויט?

און — דוכט מיר — דער נישט-רעליגיעזער מסירות-נפש איז אַ סך, אַ סך דערהאַבענער, איידער דער רעליגיעזער, ווייל פאַר דעם גלויביקן איז דער גאַנצער קדוש השם נישט מער, ווי אַ קליינע אָפּעראַציע, אַן ע פּ י ז אָ ד אין דעם זיין פון זיין אייביקער נשמה, בעת פאַר דעם נישט-גלויביקן איז דאָס „דער סוף-כל-סופיקער סוף" פון זיין לעבן און זיין.

כּדי צו דערקלערן, ווי אַזוי מענטשן גייען אין טויט פֿאַר זייערע אידעאַלן און גלויבונגען, — דערצו דאַרף מען נישט האָבן קיין רעליגיעזן עלעמענט. דער „ראַציאָנאַליזם" גייט אַבסאָלוט נישט להיפּך צו דעם, און יעדער מענטשלעכער מוח קאָן דאָס באַנעמען.

„אָן דעם רעליגיעזן עלעמענט וכו׳, ווי וועט זיך דערקלערן, לאָמיר אָננעמען אַזאַ זאַך, ווי דער קאַמף פֿון די חשמונאים ?"

וועט איר ענטפֿערן הער ליבערמאַנען : אפשר דערקלערן דאָס, ווי אַ קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלע פֿרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פֿון דעם יידישן פֿאָלק ? חלילה וחס ! „וואָס איז דען געווען דער פּונקט, ביי וועלכן עס האָט געפּלאַצט די געדולד ביים פֿאָלק אין דעם מאַקאַבייער - אויפֿשטאַנד ?... ווען דער שונא האָט זיי געוואָלט צווינגען צו פֿעלשן אין זייער גאָט און מקריב זיין אַ חזיר פֿאַר אַ קרבן, דאָ איז שוין די מאָס פֿאַרפֿולט געוואָרן און אַ רעוואָלוציע האָט זיך צעפּלאַקערט" (ז. 16).

איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין אַ ויכּוח וועגן די ווירקלעכע אורזאַכן און פֿאַקטאָרן פֿון דעם חשמונאים-אויפֿשטאַנד. איך גלויב, אַז אויך דאָ האָט די רעליגיע געשפּילט אַ סך אַ קלענערע ראָלע, איידער די אָפֿיציעלע קוועלן, וואָס שטאַמען פֿון קלעריקאַלע הענד, באַשרייבן דאָס.

אָבער דאָס איז אַ סכסוך אין דער געשיכטס-פֿילאָזאָפֿיע, וועלכן מיר קאָנען לאָזן אָן אַ זייט. א ו י ב עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז דער טרייבנדיקער מאָמענט אין דעם אויפֿשטאַנד איז געווען דער חזיר פֿאַר אַ קרבן, ד. ה. דער ריין-רעליגיעזער, און נישט די פֿרייהייט און זעלבשטענדיקייט פֿון פֿאָלק און לאַנד, וועט טאַקע דער חשמונאים-קאַמף אַראָפּפֿאַלן פֿון יענער מענטשלעכער הויך, אויף וועלכער די פֿאָרשונג האָט אים אין דער לעצטער צייט אויפֿגעהויבן, און וועט אַראָפּזינקען צו דער מדרגה פֿון אַ פֿאַנאַטיקער-רעוואָלט, מיט וועלכן מיר קאָנען סימפּאַטיזירן נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפֿל ער האָט

געקעמפט אַנטקעגן פאַרגוואַלטיקונג פון דעם אַנדערנס איבער־צייגונגען.

צו דעם דערציאונגס־פּראָבלעם האָט דאָס קיין ברעקל שייכות נישט. מיר קאָנען נישט ווערן רעליגיעז אָדער נתפעל ווערן פון דער יידישער רעליגיע בלויז דערפאַר, וואָס אונזערע על־טערן איז רעכט געווען צו לעבן, ווי שקלאַפן. אַבי מען זאָל זיי נישט צווינגען צו ווערן אומטריי זייער גלויבן.

„נעמט מען אַוועק דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון אַזאַ קאַמף, ווי דער מאַקאַבייער־אויפשטאַנד, איז מעג מען עס אפילו דערקלערן פאַר אַ פרייהייטס־באַוועגונג אין מאָדערנעם זין, ווערט דאָך דורכדעם די העכערע (?) אידייע פון דער געשעעניש אַוועקגענומען... ווען מיר ציען... אַרונטער דעם מאַקאַבייער־קאַמף צו דער נידער (!) פון אַזאַ קאַמף, ווערט די אידעאַלע זייט פאַרלאָרן (?), ווערט דורך דעם אַ גרויסע הייליקע באַוועגונג — פ אַ ר ב ר ו ט אַ ל י ז י ר ט (!!) (ז. 17).

קומט איר אין דעם ביכל פון הער ח. ליבערמאַן צו אָט דער שטעל, דעמאָלט בלייבט אייך שוין גאָרנישט איבעריק, ווי... אַ שמייך צו טאָן דאָס ביכל אונטערן טיש.

נישט דערפאַר ווערט איר אַזוי נערוועז, וואָס הער לי־בערמאַן האָט אַזעלכע אָנשויאונגען: עס זענען ביי אַלע פעל־קער דאָ קלעריקאַל־געזאָנענע פאַרשוינען, וואָס האַלטן, אַז אָפּהיטן אומזיניקע רעליגיעזע געבאָטן אין גאָטס נאָמען איז אַ סך אַ דערהאַבענערע זאַך, איידער דער מענטשלעכער קאַמף פאַר פרייהייט. מעג אויך דער נאַציאָנאַל־קלעריקאַלער הער ליבערמאַן גלויבן, אַז נישט־וועלן מקריב זיין אַ חזיר פאַר אַ קרבן איז, גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ טיפע הייליקייט, בעת קעמפן פאַר רעכט און פרייהייט איז „ב ר ו ט אַ ל" (!).

אָבער דערפון פּלאַצט אייער געדולד, וואָס אַזעלכע אָנ־שויאונגען ווערן אַרויסגעזאָגט אויף אַ צוזאַמענפאָר פון

גאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, ווערן ארויסגע־זאָגט ווי אַ רעפּעראַט, אויף דעם גרונט פון וועלכן עס ווערן אָנגענומען רעזאָלוציעס און פּרינציפּן־דערקלערונגען.

צו דער ערע פון דעם צוזאַמענפאָר מוזן מיר אָבער מיטטיילן, אַז די רעזאָלוציע, וועלכע ער האָט אָנגענומען, שפּיגלט לחלוטין נישט אָפּ די קלעריקאַל־שאָוויניסטישע אָנשוי־שונגען פון הער ליבערמאַן.

„די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע דערציאונג", זאָגט די רעזאָלוציע, „דאַרף אַנטוויקלען אין די קינדער אַ געזונטן בליק אויף דער יידישער רעליגיע, באַטראַכטנדיק איר (זי) פון אַ קולטור־היס־טאָרישן שטאַנדפּונקט. די לערער דאַרפן זיך באַמיען ארויסצו־ברענגען פאַר די קינדער די נאַציאָנאַל־עטישע און פּאָעטישע זייטן פון דער יידישער רעליגיע" (ז: 23).

ווי אַזוי הער ליבערמאַן האָט געקאָנט קומען צום שלום, אַז די רעזאָלוציע, וואָס וויל גאַרנישט וויסן פון דעם רעליגיעז־מיסטישן אינהאַלט אין אונזער רעליגיע און באַטראַכט זי פון אַ קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, — אַז אַזאַ רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן „אויפן גרונט פון דעם אויבן־געבראַכטן רעפּעראַט", איז פאַר מיר אַ חדוש נפלא.

די אַרבעטער און דאָס פאָלק

די אַרבעטער און דאָס פאָלק

אויב ס'איז אמת, וואָס מיר גלויבן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַקוראַט אַזאַ פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, — נישט קיין „אתה בחרתנו", אָבער חלילה אויך נישט קיין פאַרשאָלטענע אומה, — איז דעמאָלט האָבן מיר אַ רעכט צו האָפן, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט וועט שפּילן דיזעלביקע פּראָגרעסיווע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע, וואָס יעדע אַרבעטערשאַפט שפּילט אין דעם לעבן פון אַ מאָדערנעם פאָלק. אויך ביי אונז וועט דער אַרבעטער־קלאַס איבערנעמען די פירער־ראָלע אין דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג און צוציען צו איר פאַן אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויך ביי אונז וועט די אַרבעטערשאַפט ווערן אַקוראַט אַזוי טריי צו די אינטערעסן פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, צו די אינטערעסן פון „כל־ישראל", ווי די דייטשישע אַרבעטער זענען טריי צו דעם פּרינציפּ פון „כל־אשכנזי" און די פראַנצויזישע אַרבעטער זענען איבערגעגעבן צו דער אידייע פון „כל־צרפתי".

מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז אויך די יידישע אַרבעטער וועלן ווערן אַקוראַט אַזוי נאַציאָנאַל, ווי די נישט יידישע; אַז אויך זיי וועלן קעמפן פאַר דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון זייער פאָלק, ווי דאָס טוען די אַרבעטערשאַפטן פון אַלע אַנדערע אומות; אַז אויך זיי וועלן האָבן געמיינזאַמע אויפגאַבן מיט דער יידישער בורזשואַזיע, נאָר זיי וועלן יענע אויפגאַבן פאַרשטיין אין די וויכטיקסטע פּרטים גאַנץ אַנדערש.

איידער דאָס טוט די בורזשואַזיע און זיי וועלן זיך אָפּט פּאַ נאַנדערגיין מיט דער בורזשואַזיע אין די מיטלען, ווי אַזוי צו דערגרייכן די בשותּפותדיקע צילן.

בנוגע די אומות העולם איז אָט דער געדאַנק שוין אַ ברעקל נישט ביי. ער איז דער אַלף־בית פון פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק. „די פּראָלעטאַריער קעמפן־מיט דעם קאַמף פון דער בורזשואַזיע, אָבער זיי טוען עס אין אייגענעם גייסט", שרייבט אַ בר־סמכא אין דעם פּראָלעטאַרישן נאַציאָנאַליזם, קאַרל רע נער (זע זיין אַרטיקל: „דער קריג און דער פּראָלעטאַרישער נאַציאָנאַלער געדאַנק" אין דעם „יידישן סאָציאַליסט" פון דעם 1־טן מערץ). „עס איז נישט אמת", זאָגט ער אין דעמזעל ביקן אַרטיקל, „אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז אין זיין מאַסע ווען עס איז געווען אומנאַציאָנאַל"; „ביים פּראָלעטאַריאַט איז דער נאַציאָנאַליטעטן־פּרינציפּ נאָך עד היום אַ ווירקנדיקע קראַפט".

ביי אונזערע סאָציאַליסטן איז דער געדאַנק נאָך נישט אַריין אין פלייש און בלוט, און דאָס רוב סאָציאַליסטישע פּי רער אונזערע באַטראַכטן אים נאָך ווי אַ געטערלעכע אפּיקור סות. אין דעמזעלביקן נומער „יידישער סאָציאַליסט", וו עס איז אָפּגעדרוקט קאַרל רענערס אַרטיקל, פאַרזיכערט הער אָל גין, „אַז אין אונזערע רייען איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל שטעלן אַזאַ אויפגאַבע דעם אַרבעטער־קלאַס", ווי „דערהאַלטן די אומה ביים לעבן" (זע זיין אַרטיקל: „וועגן אַ יידישן קאָנ גרעס").

לײדער זאָגט אונז נישט הער אָלגין, וועמען ער מיינט דאָ מיט „אונזערע רייען" („אנשי שלומנו"). די יידיש־סאָציאַליס טישע פעדעראַציע דער „בונד"? אָבער אין ביידע קערפּער שאַפטן זענען דאָ געוויס מענטשן, וואָס שטייען אויף דער הויך פון דער מאָדערנער פּראָלעטאַרישער אַנטוויקלונג און ווייסן גאַנץ גוט, אַז די וויכטיקסטע פאָדערונג פון דעם „נאַציאָנאַלי טעטן־פּרינציפּ", וואָס „איז נאָך עד היום אַ ווירקנדיקע קראַפט ביי דעם פּראָלעטאַריאַט", דאַרף זיין דער „קיום הלאום", דאָס

„דערהאַלטן די אומה ביים לעבן". בעסער פון אַלעמען וואָלטן צו הער אָלגינס „אנשי שלומנו" געפאַסט יענע אַסימילאַטאָרישע סאָציאַליסטן אונזערע, וואָס גרופירן זיך אַרום דעם „פאָרווערטס".

על-כל-פנים קאָנען מיר נאָר צוגעבן הער אָלגינען, אַז דאָס רוב פון אונזערע באַוווסטזיניקע סאָציאַליסטן ווילן נישט אָנהויבן זיך צו אינטערעסירן מיט אַזוינע נאַציאָנאַלע פראָבלעמען, וואָס האָבן אין זיך די עקזיסטענץ און די אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן יידישן כלל, און אַז די מאַיאָריטעט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט שטייט נאָך אונטער דער גייסטיקער השפּעה פון יענע פירער, ביי וועמען עס גייט דורך אַ שוידער איבערן לייב, ווען זיי דערהערן פון פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו „כלל-ישראל".

ווי אַזוי איז דאָס צו דערקלערן? פאַרוואָס שטעלט זיך די יידישע אַרבעטערשאַפט אַנדערש צו דעם יידישן פאָלק, איידער דער דייטשישער פּראָלעטאַריאַט צו דעם דייטשישן, איידער דער פראַנצויזישער צו דעם פראַנצויזישן? זענען מיר אַן אתה בחרתנו-פאָלק און אונזער פּראָלעטאַריאַט איז דער צדיק צווישן די פּראָלעטאַריאַטן, וואָס טראַכט נאָר, — ווי דאָס שיקט זיך פאַר יעדן „צדיק", — וועגן דעם אייגענעם „ביטול היש"? אָדער זענען מיר אַ פאַרשאָלטענע אומה, און דעריבער מוזן דוקא די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אונזערע אומקערן זיך צו איר מיטן רוקן?

לא הא ולא הא! אין די וויכטיקסטע פּרטים פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג זענען מיר נישט קיין אויסנאַם פון אַלע אַנדערע פעלקער, נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן. די צרה מיט אונז איז נאָר, וואָס מיר זענען, אַ דאַנק געוויסע אומשטענדן, איינס פון די א פּ ג ע ש ט אַ נ ע נ ס ט ע פעלקער פון דער ציוויליזירטער וועלט. אַנטוויקלונגס-פּראָצעסן, וואָס האָבן ביי די פּראָגרעסיווע אומות העולם שוין דערגרייכט זייער ענד-פאַזע, טרעטן ביי אונז ערשט אַריין אין לעבן, און

פּראָבלעמען, וואָס האָבן שוין אומעטום געפונען זייער ענדגילטיקן ענטפער, ווערן ביי אונז ערשט געשטעלט אויף דער טאָגאָרדענונג.

נעמט יענעם פּראָצעס, וואָס האָט פאַנאַנדערגעשפּאָלטן די נאַציע לחוד און די רעליגיע לחוד, אָדער יענעם פּראָצעס, וואָס האָט געפירט דערצו, אַז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אַ פאָלק זאָל זיין נישט יענער טויטער לשון, אויף וועלכן עס האָבן אַמאָל געשריבן די געלערנטע און אויף וועלכן עס קלינגען נאָך עד היום די ליטורגיעס אין די קירכן, נאָר דווקא די לעבעדיקע גערעדטע שפּראַך פון די פאָלקס-מאַסן, — ווי לאַנג איז דאָס, ווען די פּראָגרעסיווע פעלקער האָבן אויך געהאַט צו טאָן מיט דידאָזיקע פּראָבלעמען; וויפל דורות זענען שוין אַריבער, זינט יענע פּראָבלעמען זענען פאַר זיי פאַרענטפערט געוואָרן אויף אייביק. און מיר שטעקן נאָך אין רעכטן מיטן פון זיי, און דער קאַמף פאַר זיי ברענט זיך ערשט איצט פאַנאַנדער.

פאַר דעם, וואָס האָט נאָר אַ ברעקל השגה פון די גרונטגעזעצן, וואָס באַהערשן דאָס היסטאָרישע לעבן און די פאַרווירקלעכונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, קאָן קיין שום ספק נישט זיין, אַז פריער אָדער שפּעטער, וועלן מיר אויך דאָ אָניאָגן די אומות העולם. אונזער נאַציאָנאַל לעבן וועט לחלוטין און לגמרי באַפרייט ווערן פון וועלכע עס איז רעליגיעזע עלעמענטן, וואָס וועלן ווערן אַ ריינער „רשות היחיד״ פון יעדן איינצלנעם יידן, אין וועלכע קיין אַנדער ייד וועט נישט האָבן קיין רעכט אַריינצושטעקן זיין נאָז; און אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך וועט ווערן נישט יענער ספר - לשון, וואָס ווערט געברויכט פון דעם געלערנטן, און נישט יענער מחזור-לשון, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין די סינאַגאָגאַלע תפילות, נאָר יענע לעבעדיקע יידישע שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון די מאַסן. — דיזעלביקע פאָדערונגען פון דעם פּראָגרעסיוון לעבן, וואָס האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק דאָס דורכגע-

פֿירט ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט, וועלן צווינ־גען אויך דאָס יידישע פֿאָלק צו פֿערענטפֿערן אויף דעמזעלביקן אופֿן זיינע פּראָבלעמען פֿון „נאַציע און רעליגיע” און „נאַציע און שפּראַך”.

מחמת דעמזעלביקן טעם מוז אויך די שטעלונג פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט צו דעם יידישן פֿאָלק דורכמאַכן אַן איבעוויניקסטע רעוואָלוציע, וואָס וועט זי אַוועקשטעלן אויף דערזעלביקער הויך, אויף וועלכער עס שטייען אַלע אַנדערע אַרבעטערשאַפֿטן פֿון אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע פֿעלקער.

די יידישע אַרבעטערשאַפֿט איז שוין איצטער אַריינגע־טראָטן אין יענער אַנטוויקלונגס־פֿאַזע פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, ווען עס וואַקסן אויס פֿאַר אים די פּראָבלעמען פֿון נאַציאָנאַ־ליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, און אויך אין דעם לעבן פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט הויבן זיך שוין אָן אָפּצושפּילן יענע פּראָצעסן, וואָס האָבן אומעטום געפֿירט צו דער נאַציאָנאַליזי־רונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אין דעם אָנהויב פֿון איר פּאָליטישער אַנטוויקלונג איז די אַרבעטערשאַפֿט פֿון אַלע ציוויליזירטע פֿעלקער געווען צע־שפּאָלטן אין צוויי גרויסע לאַגערן: דעם רעאַקציאָנערן, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון דער הערשנדיקער רעליגיע, און דעם פּראָגרעסיוון, וואָס איז געפֿירט געוואָרן פֿון אַ וועלכער עס איז עקסטרעם־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די רעאַקציאָנערע אַרבעטערשאַפֿט איז געווען נישט נאָר קירכלעך פֿרום, נאָר אויך נאַציאָנאַל־שאָוויניסטיש. „גאָט, פֿאָטערלאַנד און קיסר!” איז געווען איר הייליקע דריי־אייניקייט. די עקס־טרעם־רעוואָלוציאָנערע ריכטונג, נאָך גאַנץ אונטער דער השפּעה פֿון דעם בורזשואזן ראַדיקאַליזם, האָט געלייקנט נישט נאָר אין גאָט, פֿאָטערלאַנד און קיסר, נאָר אויך אין יעדן נאַציאָנאַלן געדאַנק אין וועלכער ס'איז פֿאָרם, געלייקנט אין יעדן נאַציאָנאַלן מהות פֿון זייער פֿאָלק, געלייקנט איבערהויפּט אין דער איינטיילונג פֿון דער מענטשהייט אין נאַציעס און פֿעלקער. היינריך היינע,

אַ האַלב בורזשואַזער, האַלב קאָמוניסטישער ראַדיקאַל, האָט אין די דרייסיקער יאָרן ריכטיק פאָרמולירט די געדאַנקען פון די דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-קרייזלעך: „איצטער זענען שוין נישטאָ קיין נאַציעס", האָט ער געטענהט, „עס זענען נאָר דאָ צוויי פּאַרטייען, וואָס קעמפן פאַר זייער הערשאַפט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן: די פּאַרטיי פון דער היסטאָרישער טראַדיציע און די פּאַרטיי פון דער פאַרנונפט".

אָבער שוין די ערשטע „מאַרקסיסטן" האָבן אין דעם סוף פון די פערציקער יאָרן אָנגעמערקט יענע פּאָזיציע, אויף וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט איז געצוווּנגען געווען צו שטעלן זיך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין דעם באַרימטן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָט קאַרל מאַרקס געלערנט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קוקן אויף זיך, ווי אויף דער „אומגעהייערער מאַיאָריטעט פון דער נאַציע", אַז ער איז „די נאַציע". פון דער אַנדער זייט האָט ער דערקלערט, אַז „דער קלאַסן-קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף", ד. ה. אַ קאַמף פאַר אַ באַשטימטן ענטפער אויף אַלע יענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם פּאָליטישן לעבן, צו דעם לעבן פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן כּלל.

דער אויפבלי פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין די זעכציקער יאָרן, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער גייסטיקער שליטה פון קאַרל מאַרקס און וואָס האָט אָפן פּראָקלאַמירט, אַז ער קעמפט פאַר דער זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אפילו פון דעם קלענסטן פאָלק, האָט דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפּ דעם הערשנדיקן קאָסמאָפּאָליטיזם, וועלכער האָט נאָך מעלה-גירה געווען די שיריים פון דער בורזשואַזער ראַדיקאַלעכץ.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך ביי די אייראָפּעאישע פעלקער אָנגעהויבן דער טאָפּלטער פּראָצעס אין דעם לעבן פון דער אַרבעטערשאַפט. פון איין זייט זענען די קירכלעך-פרומע מאַסן באַפרייט געוואָרן פון זייערע אַלטע רעליגיעזע טראַדיציעס און

זענען געוואָרן מער און מער פרייזיניק, מער און מער ראַדיקאַל אין דעם סאָציאַלן און דעם פּאָליטישן לעבן. פון דער אַנדער זייט האָבן זיך אין די עקסטרעם-רעוואָלוציאָנערע רייען גענומען אויסהעפן די ריחות פון דער אַלטער קאָסמאָפּאָליטישער ראַדיקאַלענץ. און די אַרבעטערשאַפט פון אַלע פעלקער שטייט איצטער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויף יענער פּאָזיציע, וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרן אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און וואָס איז אַזוי גלענצנדיק דערקלערט און פאַרטיידיקט געוואָרן אין די פּרינציפּן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

דער פּראָלעטאַריאַט איז אומעטום געוואָרן דער פּראָגרעסיווער קלאַס פון זיין פאָלק, וואָס קעמפט קודם כל פאַר דער עקזיסטענץ און דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון זיין אייגענער נאַציע און איז מסכים אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג מיט אַלע אַנדערע פעלקער און זוכט דידאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערונג נאָר אונטער דעם תנאי, אַז דערפון זאָל נישט אַרויסוואַקסן קיין סכנה פאַר דער עקזיסטענץ און דער פרייער אַנטוויקלונג פון זיין אייגענעם פאָלק.

די יידישע אַרבעטערשאַפט אָבער, די קינדער פון אַן אָפּגעשטאַנענעם פאָלק, האַלט ערשט אין דעם אָנהייב פון יענעם טאָפּלטן פּראָצעס, וואָס דאַרף ראַדיקאַליזירן די פרומע אַרבעטער און נאַציאָנאַליזירן די ראַדיקאַלע.

מערץ—אַפּריל 1915.

נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם בײַ דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט

נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם בײַ דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט

אין דעם אַרטיקל: „די אַרבעטער און דאָס פֿאָלק״ האָבן מיר אָנגעמערקט, אַז בײַ די אײראָפּעאישע פֿעלקער איז געווען אַ צײַט, ווען אין זײער אַרבעטערשאַפֿט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ טאָפּלטער פּראָצעס. פֿון אײן זײַט האָבן די פֿרומע און נאַציאָנאַליסטישע מאַסן זיך גענומען באַפֿרײַען פֿון זײער רעליגיעזע און שאָוויניסטישע טראַדיציעס, נישט פֿאַרלירנדיק דערבײַ די איבערגעגעבנקײט צו די אינטערעסן פֿון זײער פֿאָלק. פֿון דער אַנדער זײַט האָבן די עקסטרעם-רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן גענומען פֿאַרלירן דעם „נאַציאָנאַלן קאָסמאָפּאָליטיזם״, וועלכן זײ האָבן געהאַט בירושה פֿון דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע, בלײַבנדיק דערבײַ טרײַ צו די אינטערעסן פֿון דעם אַלגעמײן-מענטשלעכן פּראָגרעס. אויף אַזאַ אופֿן האָט די פּראָגרעסיווע אַרבעטערשאַפֿט אומעטום דערגרײכט יענע פּאָזיציע, וועלכע זי פֿאַרנעמט איצטער אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, — אַ פּאָזיציע, וואָס קאָן אָנגערופֿן ווערן „נאַציאָנאַל-ראַדיקאַל״.

די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט, — האָבן מיר דאָרט ווײַטער באַמערקט איז, אַדאַנק דער אַלגעמײנער אָפּגעשטאַנענקײט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, ערשט נישט לאַנג אַרײַן אין דער פֿאַזע פֿון יענע גײַסטעס-קאַמפֿן, וואָס פֿירן צו דעם זיג פֿון דעם נאַציאָנאַלן ראַדיקאַליזם.

דער, וואָס איז נאָר אביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק און מיט די געזעצן, וואָס הערשן אין זיין לעבן, וועט מוזן צוגעבן, אַז מיר דאַרפן זיך נישט וווּנדערן, ווען יענע גייסטעס-קאַמפן וועלן ביי אונז זיין באַזונדערס שטורעמדיק און דער אַנטגילטיקער זיג וועט קאָסטן אַ היפּשע סומע ענערגיע און צייט. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם פאַנאַטישן כאַראַקטער פון אונזער פאָלק, האָבן די באַזונדערע אומשטענדן פון דער יידישער געשיכטע און פון דעם יידישן לעבן געמוזט פירן דערצו, אַז אונזערע פרום-נאַציאָנאַלע עלעמענטן זאָלן זיין נאָך מער פאַרעקשנט אין זייער רעליגיעז-געפאַרבטן שאָוויניזם, איידער דיזעלביקע עלעמענטן ביי אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק, און אַז אויך דער קאָסמאָפּאָליטיזם זאָל זיך האַלטן ביי אונז מיט אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט, ווי ערגעץ נישט אין דער וועלט.

דאָס לעבן אין גלות, אָן אַן אייגן לאַנד, וואָס וואָלט פון זיך אַליין אויפגעהאַלטן די עקזיסטענץ פון דעם פאָלק, האָט געמוזט אויסאַרבעטן אַ שמירה פאַר דעם „קיום הלאום" אין דער פאָרם פון אַ ריין-נאַציאָנאַלער רעליגיע, מיט שאָוויניסטישע איבערנאַטירלעכע האָפענונגען. אין דער יידישער רעליגיע איז דער רעליגיעזער עלעמענט און דער נאַציאָנאַלער אַזוי ענג צונויפגעבוגדן אינאיינעם, אַז עס דוכט זיך אויס, זיי קאָנען איינער אָן דעם אַנדערן נישט עקזיסטירן, און קוים לייקנט איר אָפּ דאָס „יידנטום", אַזוי ווערט איר אויך נאַציאָנאַל אויס ייד, און צוריק: קוים קאָנט איר זיך נישט אָפּרייסן פון אייער פאָלק, קוים זענט איר נישט מסכים צו דערווערגן אין אייער ברוסט אייער נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט צו אים, אַזוי מוזט איר היילינק אָפּהיטן אַלע זיינע רעליגיעזע טראַדיציעס און שאָוויניסטישע האָפענונגען.

די פרום-נאַציאָנאַלע עלעמענטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט מוזן דעריבער מער ציטערן פאַר יעדן פרייען געדאַנק, איידער דאָס האָבן געדאַרפט טאָן די קירכלעך-נאַציאָנאַ-

לע עלעמענטן פון אַן אַנדער פאָלק. דער דײַטשישער אָדער דער פראַנצויזישער אַרבעטער, וואָס האָט שוין פון לאַנג אָן געוווּסט, אַז די רעליגיע איז לחוד און די עקזיסטענץ פון זײַן פאָלק איז לחוד, האָט נישט געדאַרפט מורא האָבן, אַז מיט דער צעשטערונג פון דעם רעליגיעזן גלויבן, וועט אויך צעשטערט ווערן יענער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער קיום פון זײַן פאָלק. דער פרומער ייִדישער אַרבעטער אָבער, וואָס איז אינסטינקטיוו איבערגעגעבן צו די אינטערעסן פון זײַן נאַציע, ווייס, אַז זײַן אומבאַוווּסטן צימער פאַר דעם „קיום האומה", זיך אינסטינקטיוו אָנהאַלטן אָן דער ייִדישער רעליגיע און וועט האַרטנעקיק קעמפן פאַר יעדן שפּאַן פון איר שטח. אין דעם גאַנטירלעכן קאַמף פאַר זײַן נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ וועט ער אָנגעפירט ווערן פון באַזונדערע אידעאָלאָגן, וואָס וועלן, ווי אַ פּאַסטאָר נאַומאַן אין דײַטשלאַנד, קונציק שפּילן אויף די דרײַ סטרונעס פון דעם פרומען אַרבעטערס נשמה: די טאָג־טעגלעכע אַרבעטער־אינטערעסן, די ייִדישע רעליגיע און דער שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם.

די ייִדישע פרומע אַרבעטערשאַפט האָט נאָך דערווײַל נישט אַזעלכע אידעאָלאָגן און גײַסטיקע פירער, ווײַל אין אונ־זער אינטעליגענץ פעלן נאָך די פּובליציסטן, וואָס זאָלן זײַן אי אייראָפּעאיש געבילדעט, אי באמת אָרטאָדאָקס־פרום, אי ערנסט איבערגעגעבן צו די אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט, אי זאָלן קאָנען שרײַבן ייִדיש.

נאָר — זײַט זיכער: זיי וועלן נאָך קומען, די ייִדישע פּאַסטאָר נאַומאַנס. זיי וועלן נאָך קומען די מאָדערנע, אייראָפּעאיש־געבילדעטע קעלהער מגידים, וואָס וועלן ערנסט גלויבן אין זייערע פרומע רייד, וואָס וועלן גיסן אמת־ברענענדיק פעך־און־שוועבל פון זייער האַרץ אויף אַלע פּאָזיציעס פון דעם ייִדישן ראַדיקאַלן געדאַנק, און וועלן אַ לאַנגע צײַט זײַן אַן ערנסטע סכנה פאַר דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון אונזער פאָלק.

און אַקוראַט אַזוי איינגעשפּאַרט, ווי די פרום-יידישע מאַסע איז אין איר רעליגיע, מוז אויך דער עקסטרעם-ראַדיקאַלער פליגל זיין פאַרעקשנט אין דעם אַנטי-נאַציאָנאַלן, קאָסמאָפּאָליטישן גלויבן זיינעם, ווידעראַמאָל מחמת ריין-יידישע אומשטענדן.

קודם איז דער ראַדיקאַלער יידישער אַרבעטער אַ פריידענקער, וואָס זעט די גאַנצע טומאָה פון דער מענטשלעכער רעאַקציע קאָנצענטרירט אין דעם רעליגיעזן גלויבן און וואָס באַטראַכט די יידישע רעליגיע פאַר דעם אַבי-אָבות הטומאָה, פאַר דעם ערגסטן פיינט פון דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג. היות אָבער, ווי דער יידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק איז געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער רעליגיע, מוז ער זען אין אים, אין דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, נישט מער, ווי דעם טרייען דינער פון זיין בלוטיקסטן שונא, מיט וועלכן עס קאָן בשום אופן נישט געשלאָסן ווערן קיין שום שלום און קיין שום קאָמפּראָמיס. אויף אַלע פאַרזוכן פאַנאַנדערצושפּאַלטן די היסטאָרישע אידייען-פאַרבינדונג פון רעליגיע און נאַציע, — ווי דאָס איז געשען ביי אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע פעלקער, — מוז ער קוקן, ווי אויף אַ באַשטרעבן צו פאַרבלענדן זיין ראַדיקאַל-קלאָרן בליק און אַריינצושמוגלען אין זיין האַרץ, אינאיינעם מיט דער ליבע צו דעם אייגענעם פאָלק, די דאָגמעס און די פאָרמען פון דעם אים פאַרהאַסטן רעליגיעזן גלויבן.

דערנאָך זעט ער, דער גלות-ייד, נישט איין, אין וואָס עס זאָל זיך באמת אויסדריקן דאָס נאַציאָנאַלע זיין פון דעם יידישן פאָלק און צוליב וואָס זאָלן מיר עס פאַרטיידיקן, אַז קיין אייגן לאַנד האָבן מיר נישט, און קיין באַלעבאַטים אויף דעם אייגענעם שיקזאַל קאָנען מיר אויך נישט זיין, און אַז יעדער טאָג פון אונזער גאַנץ איבערפלייסיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ איז פאַרבונדן פאַר אונז מיט אַזויפיל אומפאַרדינטע ליידן, מיט אַזויפיל באַרבאַרישע באַליידיקונגען און רדיפות. אַ מער, לאָמיר בעסער מיט אַלע אונזערע כחות קעמפן אַנט-

קענען יענע טענדענצן, וואָס זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר דער עקזיסטענץ פון פעלקער בכלל, און פאַר דעם „קיום הלאום" פון דעם יידישן פאָלק בפרט.

די צוויי טעמים ווערן פאַרשטאַרקט נאָך דורך אַ דריטן מאָמענט, וואָס מאַכט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם ביי דער יידישער ראַדיקאַלער אַרבעטערשאַפט אַ סך הארטנעקיקער, איידער ביי דער אַרבעטערשאַפט פון אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק.

שוין די טעאָרעטיקער פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן גאַנץ קלאָר אַרויסגעבראַכט די אינעווייניקסטע שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן די דריי פּרינציפּיעלע שטעלונגען צו דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און די דריי הויפּט-קלאַסן, אין וועלכע עס איז פאַנאַנדערגעטיילט די איצטיקע געזעלשאַפט. דער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם, האָבן זיי געלערנט, איז דער אידעאַל פון דעם פּריצישן, „יונקערשן" קלאַס, וואָס טראַכט נאָר וועגן דער גרויס און דעם רום פון זיין פאָטערלאַנד, וועמען ער דינט מיט זיין שווערד און ווו ער וויל דערפאַר האָבן די ערשטע דעה אין דער פּאָליטיק. דער קאָסמאָפּאָליטיזם איז דער אַני-מאַמין פון דעם ליבעראַלן, סוחרישן און אינדוסטריעלן קלאַס, וועמען דער „וועלט-מאַרק" האָט אַריינגעבלאָזן אין דער נשמה די אידייען פון דעם „וועלט-בירגערטום", און דער אינטערנאַציאָנאַליזם (אָדער ווי איך רוף אים דאָ אָן דער „נאַציאָנאַלער ראַדיקאַליזם") איז דער אויסדרוק פון דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט פאַר דער פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער צו איין מענטשלעכער משפחה, ווו איין ברודער זאָל נישט ווערן נאַציאָנאַל איינגעשלונגען פון דעם אַנדערן ברודער.

אָס די באמת שיינע טעאָריע איז אין די זעכציקער יאָרן געווען אַ טרייע קאָפּיע פון דער ווירקלעכקייט. איצטער אָבער האָט זיך פיל געענדערט אין דער לאַגע און אין דער פּסיכאָ-

לאָגיע פון די דריי הויפּט-קלאַסן, און זי מוז אין אַ סך פּונקטן רעווידירט ווערן.

דער אינדוסטריעלער קלאַס און אַ טייל פון דער סוחרי-שער וועלט זענען איצט געוואָרן נישט נאָר אויס קאָסמאָפּאָ-ליטן, נאָר אין אַ סך פּונקטן נאָך שאָוויניסטישער, איידער די פּעאָדאַלע פּריצים. אָבער בנוגע צו דעם פּאַרמיטלענדיקן וועלט-האַנדל איז נאָך עד היום ריכטיק, אַז די קלאַסן, וואָס באַשעפ-טיקן זיך מיט אים, האָבן על פּי טבע אַ שטאַרקע נייגונג צום קאָסמאָפּאָליטיזם. דערהויפּט די יידישע האַנדלס-וועלט, מיט אירע באַטאַליאָנען פון באַנקירן, געלט-וועקסלער און האַנדלס-רייזנדע, וואָס שניידן דורך די וועלט אין אַלע אירע ריכטונגען אַזוי, אַז ביי וועלכן פאָלק געטאָגט, ביי דעם נישט גענעכטיקט. זיי זענען בחוש, אַז דער „דייטש" ראָטשילד פון פראַנקפורט און דער „ענגלענדער" ראָטשילד פון לאָנדאָן און דער „פראַנצויז" ראָטשילד פון פּאַריז זע-נען מענטשן פון אַבסאָלוט-דעמזעלביקן מין, און קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכ-קייטן פון די פעלקער האָבן נישט מער ממשות, איידער די פאַרשיידנקייטן פון דעם קורס-צעטל, און אַז זיי קאָנען איינע אויף די אַנדערע אויסגעביטן ווערן אַקוראַט אַזוי לייכט, ווי לייכט מען קאָן אויסבייטן דייטשישע טאַלערס אויף ענגלישע שילינגס און ענגלישע שילינגס אויף פראַנצויזישע פראַנקן.

דאָס יידישע פאָלק איז אין זיין גרעסטער מאַיאָריטעט אומעטום געווען אַ האַנדלס-פאָלק. אין זיין גייסטיקער וועלט, דערהויפּט אין דער פּראָגרעסיווער, — מוזן דעריבער בליען נישט לפי ערך מער קאָסמאָפּאָליטישע בלומען, איידער ערגעץ-ווו אַנדערש. זייער וואָרצל איז דער מקח-וממכר-גייסט, דער קורס-צעטל-גייסט, ווען אפילו די בלומען אַליין קאָנען אַרויס-געבן פון זיך די איידלסטע ראָמאַנטישע ריחות.

נאָר — ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין יענע ריין-יידי-שע אומשטענדן, וואָס מאַכן אַזוי פאַרעקשנט דעם פרומען

יידישן אַרבעטער אין זיין פרומקייט און דעם ראַדיקאַל אין זיין קאָסמאָפּאָליטיזם, — איבער זיי, איבער אַלעמען איז דאָ אַן אויבער-האַר, וואָס איז זיי אַלעמען גובר: די געזעצן פון דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן פּראָגרעס. ער, דער פּראָגרעס, פאַרלאַנגט, אַז די אַרבעטערשאַפט זאָל אויספירן זיינע באַפעלן ביי אַלע פעלקער, און זי וועט דאָס מוזן טאָן אויך ביי דעם יידישן פאָלק. ער צווינגט אַרויף אויף יעדער אַרבעטערשאַפט דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון דעם פאָלק, — דאָרטן, ווו זי שטייט אין סכנה, — און פאַר פרייער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק דאָרטן, ווו עס ווערן געמאַכט שטערונגען אין איר וועג.

אויך די יידישע אַרבעטערשאַפט וועט מוזן אונטערשטעלן אירע אַקסלען אונטער דערזעלביקער אויפגאַבע — צו ווערן דער פירער פון דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן פּראָגרעס ביי דעם אייגענעם פאָלק. און צוליב דעם רופט דער פּראָגרעס אַרויס ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט, — ווי ער האָט דאָס געטאָן אומעטום, — די טאָפּלטע טענדענץ: דאָס שטרעבן פון דעם פרומען אַרבעטער צו ווערן ראַדיקאַל און דאָס שטרעבן פון דעם ראַדיקאַלן אַרבעטער צו ווערן נאַציאָנאַל.

די יידישע אַרבעטער־אָרדנס

די יידישע אַרבעטער־אָרדנס

די צוויי וויכטיקע פּראָצעסן, וואָס קומען איצט פאָר ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט, — די ראַדיקאַליזירונג פון דעם פּרוּם־נאַציאָנאַלן אַרבעטער און די נאַציאָנאַליזירונג פון דעם ראַדיקאַל־אַסימילאַטאָרישן, — שפּילן זיך ערגעץ נישט אָפּ אַזוי בולט, ווי אין די אַרבעטער־אָרדנס: דער עיקר דעם „אַרבעטער־רינג" און דעם „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד".

אין פלוג קאָן איינעם אויסקומען קשה: וואָס עפּעס זאָלן גראָד יענע אָרגאַניזאַציעס זיין דער שלאַכט־פעלד פאַר די גייסטיקע קאַמפן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט?

די ביידע אָרגאַניזאַציעס זענען דאָך נישט מער ווי געוויינלעכע „אָרדנס" אָדער „לאָזשעס", וואָס „שווימלען און גריבלען" אין אַמעריקע סיי ביי יידן, סיי ביי גוים; נישט מער ווי די צאָלרייכע „קראַנקן־און־שטערבע־קאַסעס", וואָס געפינען זיך אומעטום, וווּ עס איז דאָ אַ מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג; אין תוך אַריין נישט קיין אַנדער זאַך, ווי די „חברה קדישאס" און „בקור חולימס" פון די אַלטע יידישע שטעט און שטעטלעך: וואָס איז זייער אַלעמענס צוועק, אויב נישט מקיים צו זיין די מצוה פון העלפן איינעם אין פאַל פון קראַנקהייט אָדער טויט? הייגט פאַרוואָס זאָלן גראָד די „חברה־קדישאס" און „בקור חולימס" זיין באַזונדערס פאַרבונדן מיט די גרויסע פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן?

לאָגיש זענען זיי טאַקע נישט פאַרבונדן. לאָגיש איז נישטאָ קיין ברעקל סמיכת הפרשה צווישן זעקס דאָלאַר א וואָך

קראַנקן-געבעטיט און דעם „קיום הלאום"; אפילו נישט צוליב די פיר איילן קרקע אויף אַ קבר און דעם נאַציאָנאַלן טויט פון דעם יידישן פאָלק. אָבער היסטאָריש האָט זיך עס געמאַכט, אַז קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע, אַ חוץ דער „קראַנקן-און-שטערבע-קאַסע", האָט נישט געקאָנט ווערן דער פּלאַץ, ווו דער יידישער אַרבעטער זאָל קעמפן זיין קאַמף פאַר פּראָגרעס.

דער פאַקט איז, אַז די ביידע אַרבעטער-אָרדנס, — דער „אַרבעטער-רינג" און דער „נאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַר-באַנד" האָבן אין זייערע קאָנסטיטוציעס אַריינגענומען אַ פּונקט, וואָס האָט גאָר אַ קנאַפּע שייכות צו די אויפגאַבן פון אַ „חברה-קדישא" און אַ „בקור-חולים", — דעם פּונקט פון בילדונג, אויפקלערן, קולטור-אַרבעט.

דערמיט האָבן זיי איבערגעשריטן די גרענעצן פון אַ געוויינלעכער „קראַנקן-און-שטערבע-קאַסע" און זענען אַרויסגעטרעטן אויף דעם וועג פון אַן עפנטלעכער טעטיקייט, וואָס איז איינע פון די וויכטיקסטע פאַר דאָס גאַנצע לעבן פון אונזער פאָלק: די קולטור - טעטיקייט איז דאָס פעלד, ווו עס שטויסן זיך צונויף, ברוסט אַנטקעגן ברוסט, דאָס אַלטע און אָפּגעלעבטע מיט דעם נייעם און פּראָגרעסיוון.

שוין יענע ענטוזיאַסטישע, ראַדיקאַלע יונגע לייט, וואָס האָבן, מיט אַ יאָר צוואַנציק אָדער מער צוריק, אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט צו דעם באמת מעכטיקן געביי, וואָס רופט זיך דער „אַרבעטער-רינג", האָבן זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט די ריין-מאַטעריעלע אויפגאַבן פון זעלבסט-הילף. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער יידישער אַרבעטער-אָרדן זאָל ווערן דער טרעגער פון דעם פרייען געדאַנק ביי אונזער פאָלק, די פאָר-וועטס-טרייבנדיקע ראַדיקאַלע מאַכט אין דער יידישער גאַס, דער פייער-זייל, וואָס זאָל פאַרטרייבן די פינסטערניש פון די מוחות, וואָס זאָל אויסברענען דאָס שימל אין דעם יידישן לעבן און באַלייכטן דעם וועג צו אַ בעסערער צוקונפט.

דאָס איז דיזעלביקע גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע,

וועלכע ווערט דורכגעפירט פון יעדן פאָלק ביי דער מענטשהייט, — דער קאַמף פון פראָגרעס אנטקעגן פאַרגליווערטקייט און זומפּ, — דער קאַמף פון פראָגרעס, אין וועלכן די ארבעטער נעמען אומעטום אַזאַ גרויסן און וואָגיקן אָנטייל. ביי אונז אָבער האָט יענע גרויסע אויפגאַבע געמוזט ארויספאַלן נאָר אויף די אַקסלען פון דער ארבעטערשאַפט און קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע האָט נישט געקאָנט פאַסן דערצו, ווי נאָר א קראַנקן-קאַסע.

עס איז נישט שווער צו פאַרשטיין, פארוואָס דאָס האָט געמוזט זיין אַזוי.

ביי די אומות-העולם בלייבט די פראָגרעסיווע בורזשואַזיע און די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ אין דער היים. דער ליבעראַלער פאַבריקאַנט און סוחר, דער פריגעזאָנענער פראָפעסאָר, שרייבער, קינסטלער, לערער און פריידיקער נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו קעמפן דעם היסטאָרישן קאַמף פאַר פראָגרעס. אויפצודעקן דעם שווינדל פון דער קירכע און האַלטן אין צוים די שטאַאַטלעכע מאַכט פון די פריצים. זיי זענען אומעטום פאַראינטערעסירט אין פאָלקס-שולן, גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן, קונסט-מוזעאומס, וויטער-בילדונגס-קורסן פאַר די מאַסן, עפנטלעכע ביבליאָטעקן און לעזע-האַלעס. די ראַדיקאַלע ארבעטערשאַפט און די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ נוצן אויס די אַלע קוואַלן פון בילדונג און פראָגרעסיווער קולטור און קריטיקירן די פריגעזאָנענע קלאַסן, אויף וויפל זיי בלייבן שטיין אויפן מיטן וועג, אויף וויפל זיי בלייבן שטעקן אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט-אָנשויאונג.

ביי אונז גייט דער ליבעראַלער סוחר און דער ראַדיקאַלער אינטעליגענט אוועק פון דער יידישער גאַס. דער קאַמף פאַר פראָגרעס קעמפט ער אויף אַן אַנדער פעלד, וואָס ער האַלט פאַר וויכטיקער, איידער דאָס יידישע, אָדער פאַר באַקוועמער צוליב פערזענלעכע אורזאַכן. די בורזשואַזיע, וואָס בלייבט אין דער היים, איז דאָס רוב רעאַקציאָנער און גייט

האַנט אין האַנט מיט אַלע אָפּגעלעבטע כחות פון דעם יידישן פאָלק. די אַרמיי פון פּראָגרעס מוז זיך דעריבער ביי אונז רעקרוטירן נאָר פון די פאָלקס-מאַסן, מיט דער פּראָגרעסיווער אַרבעטערשאַפט בראש, און פון יענעם קליינעם הייפעלע געבילדעטע מענטשן, וואָס זענען געצווונגען אָדער ווילּיק צו בלייבן מיט די פאָלקס-מאַסן אין דעם יידישן קוואַרטאַל.

און אויך דאָס קאָן לייכט קלאָר געמאַכט ווערן, פאַרוואָס דוקא די אָרדנס און נישט די יידישע געווערקשאַפטן און נישט די סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָבן געמוזט ווערן דער באַזיס פאַר דעם אַלגעמיין פּראָגרעסיוון קאַמף אין דעם יידישן לעבן.

לאָמיר פריער נישט פאַרגעסן דעם גרויסן חילוק צווישן אונזער פּראָגרעסיוון קאַמף און דעם קאַמף פון די פרייגעזאָגענע עלעמענטן ביי די אומות העולם. די פרייגעזאָגענע עלעמענטן פון די אומות האָבן געדאַרפט קעמפן, — ווי זיי דאַרפן דאָס נאָך איצטער טאָן, — דער עיקר פאַר דער פ א ר ש פ ר י י ט ו נ ג פון דעם פרייען ג ע ד א נ ק. אונזער אַרבעטערשאַפט האָט אין אָנהויב געדאַרפט קעמפן, — און איז נאָך איצטער נישט גאַנץ פריי פון דעם קאַמף, — נישט נאָר פאַר דעם פרייען געדאַנק, נאָר אויך פאַר אַ פריי ל ע ב ן.

ביי די אומות העולם שיידט זיך דאָס לעבן פון די פרייגעזאָגענע נישט זייער שטאַרק אָפּ פון די פרומע, און די אפּיקורסות פון דער רעליגיע איבער דאָס לעבן פון די מאַסן איז שוין דאָרטן געבראָכן פון לאַנג אָן. וואַרפט מען אַראָפּ די קירך, אין וועלכער קיינער איז נישט געצווונגען צו גיין — דערהויפּט אין די ציוויליזירטע לענדער, — בלייבן נאָך אַ פּאָר רעליגיעזע צערעמאָניעס ביי דער געבורט, דער חתונה און דעם טויט, וואָס אין זיי דריקט זיך אויס דער חילוק צווישן דעם פריידענקער און דעם פרומען, און די מאָדערנע מלוכה גיט דעם פריידענקער די מעגלעכקייט אינגאַנצן אויסצוקומען אָן דער הילף פון די רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען אויף דער יידישער גאַס, ווען די רעליגיעזע אַפּיטראָפּסות האָט געהערשט ביד חזקה. דאָס יידישע לעבן פון די מאַסן איז געווען אַרומגענומען פון וויגעלע ביזן קבר מיט אַ געדיכטער נעץ פון מצוות, עבירות און מנהגים, און דער יידישער פריידענקער האָט געדאַרפט ביטער זיך ראַנגלען נישט נאָר פאַר דאָס רעכט צו האָבן זיין אייגענע מיינונג וועגן די אַלע תרי״ג קניפּלעך, מיט וועלכע מען האָט אַרומגעשנורט זיין גאַנצן לעבן, נאָר אויך פאַר דאָס רעכט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די גאַנצע נעץ, און נישט נאָר דענקען פריי, נאָר אויך לעבן נאָך דעם אייגענעם שכל און יושר. דאָס האָט געפאָדערט אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע פון אַלע פריידענקער, וועס זאָלן פירן אַ געמיינזאַמען אַרט פרייען לעבן, און נישט די געווערקשאַפט, נישט די פּאַרטיי האָט נישט געטויגט פאַר יענעם ציל.

די געווערקשאַפט נישט, ווייל איר הויפּט-אויפגאַבע איז דער קאַמף אַנטקעגן דעם קאַפּיטאַליסט פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם אַרבעטערס עקאָנאָמישער לאַגע. זי קאָן און טאָר זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס אַרויסצוּוואַרפן פון דער עקאָנאָמישער אַרמיי יענע ברידער-אַרבעטער, וואָס זענען נאָך אין זייערע געדאַנקען צוגעבונדן צו דעם אַלטן יידישן גלויבן און ווילן פירן אַ לעבן, ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געפירט. פון דער אַנדערער זייט קאָן געהערן צו דער געווערקשאַפט נאָר אַן אַרבעטער, און נאָר פון דער בראַנזשע, וואָס איז אָרגאַניזירט, און נאָר פון אַ יוניאָן, וואָס האָט כּחות צו לעבן. די פריידענקער-אַרמיי נעמט אָבער אַריין אין זיך מענטשן, וואָס קאָנען סימפּאַטיזירן מיט דעם אַרבעטער, ווען אַפילו זיי אַליין זענען נישט פאַרמשפּט צו פאַרקויפן זייערע הענט אָדער זייער מאַרך צו אַ פרעמדן באַלעבאָס, און זי נעמט אַרום אַרבעטער פון אַלערליי מינים, אויך פון די, וואָס קאָנען זיך לעת עתה נאָך נישט אָרגאַניזירן, אָדער וואָס האָבן קיין כּחות נישט אויסצוהאַלטן די פאָדערונגען פון אַ געווערקשאַפט.

אָבער אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט נישט גע-
קאָנט נעמען אויף זיך די אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן ראַ-
דיקאַלן פריידענקערטום, פּשוט דערפאַר, וואָס ביי אונז איז
נישטאָ קיין אייגענע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל
זיך באַשעפטיקן מיט די אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן פון
דעם יידישן לעבן. די הערשנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי
צווישן יידן איז נישט מער ווי אַ באַטאַליאָן אין דער אַלגע-
מיין-אַמעריקאַנישער אַרמיי, וואָס מוז אָנווענדן איר גאַנצע
קראַפט אויף דעם פּאָליטישן קאַמף אַנטקעגן דער רעגירונג. אַ
חוץ דעם האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט אין יענער צייט
געפונען פאַר זיך נישט איין פּאַרטיי, נאָר עטלעכע סאָציאַליס-
טישע און אַנאַרכיסטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן געפירט אַן
אינערלעכן אידייען-קאַמף צווישן זיך און פאַנאַנדערגעשפּאָלטן
די אָנהענגער אין פאַרשיידענע גרופּן, לויט זייערע פאַרשיידענע
פּאָליטישע אידעאַלן.

די אויפגאַבן צו פ אַ ר א יי נ י ק ן אַלע פריידענקער פון
אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען אין אַ געמיינזאַמען קאַמף אַנט-
קעגן דער אַלטער יידישער וועלט האָט געמוזט דעריבער פאַ-
שאַפן פאַר זיך אַ גאַנץ נייע אָרגאַניזאַציע. נישט דער עקאָ-
נאָמישער קאַמף פון דער אַרבעטער-נויט אַנטקעגן דעם באַלע-
באָס און נישט דער פּאָליטישער קאַמף פון דעם סאָציאַליס-
טישן אידעאַל אַנטקעגן דער רעגירונג, נאָר די עקאָנאָמישע
זעלבסטהילף פאַר די צייטן פון אַלגעמיין - מענטשלעכער
לעבנס-נויט האָט געמוזט ווערן דער מאַטעריעלער באַזיס, אויף
וועלכן עס האָט באַדאַרפט אויפגעבויט ווערן דער טעמפּל פון
דעם פרייען געדאַנק און דעם פרייען לעבן.

דער „אַרבעטער-רינג" איז אין אָנהויב געווען אַ ריין אַסי-
מילאַטאָרישער, ראַדיקאַלער אָרדן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט
אָפּגעשטויסן פון זיך די אָנגעוואַקסענע, יונגע, נאַציאָנאַל-ראַ-
דיקאַלע כחות, וועלכע זענען דאָס רוב אַריבערגעקומען אַהער
אין די ,עצטע צען יאָר.

אָבער ווען די יונגע כחות האָבן זיך אַביסל איינגעלעבט אין לאַנד, ווען פאַר זיי איז קלאָר געוואָרן די נויטווענדיקייט צו לאָזן וואָרצלען אין דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, האָבן זיי אויך קיין אַנדער וועג נישט געפונען פאַר זיך, ווי איינצופונדעווען זיך אויף דעם יסוד פון דערזעלביקער עקאָנאָמישער זעלבסטהילף.

די „סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן" גייען אַריין אין דעם „אַרבעטער־רינג" און בילדן דאָרט זעלבשטענדיקע „ברענטשעס". די „פּועלי־ציון" האָבן איינצלנע אָנהענגער אין דעם זעלביקן אַרבעטער־רינג, אָבער אין זייער מאַסע באַשאַפן זיי אַן אייגענעם אַרבעטער־אָרדן, דעם „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד", וואָס ציילט שוין עטלעכע טויזנט מיטגלידער. די יידישיסטישע „גלות־נאַציאָנאַליסטן", וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום „דאָס נייע לעבן", געהערן אַריין אַ טייל אין דעם „אַרבעטער־רינג", אַ טייל אין דעם „פאַרבאַנד".

פאַר זיי, פאַר אַלעמען איז די באַשטימטע עקאָנאָמישע זעלבסטהילף נישט מער, ווי אַ פ ו נ ד אַ מ ע נ ט פאַר אַ וויכטיקערן געביי, אַ נויטווענדיקער באַדינג פאַר דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער טעטיקייט צווישן די אַרבעטער.

אָט פאַרוואָס די יידישע אַרבעטער־אָרדנס מוזן צוציען צו זיך די פולע אויפמערקזאַמקייט פון יעדן יידישן טוער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָגרעס פון זיין פאָלק.

אַפּריל 1915.

דער אַרבעטער-רינג

דער אַרבעטער-רינג

אויף איינער פון די „קאָנווענשאָנס" פון דעם „אַרבעטער-רינג" האָט הער אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פונם „פאָרווערטס", אַמאָל אין אַ באַגריסונגס-רעדע אַרויסגעבראַכט זייער אַ ריכטיקן געדאַנק וועגן דעם אויפטו, וואָס דער „רינג" האָט אויפגעטאָן פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דער „אַרבעטער-רינג", האָט ער געזאָגט, האָט באַשאַפן דאָ אין אַמעריקע אַ ה י י ם פאַר דעם פאַרוואָגלטן, פאַריתומטן יידישן אַרבעטער, און דערפאַר איז ער אַזאַ מיוחס.

דאָס איז אַ טיף-אמתער געדאַנק, און איך בין שטאַרק מסופק, צי די צוהערער און רעדנער אַליין האָבן פאַרשטאַנען די גאַנצע וויכטיקייט פון דעם פאַקט, אויף וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, און דעם גאַנצן טיפן זין, וואָס ליגט איינגעוויקלט אין אים.

דער יידישער אַרבעטער איז געקומען פון דער היים אין אַ פרעמדן לאַנד, און האָט זיך געפילט פאַרוואָגלט און פאַריתומט. אָבער, — ווי שטימט דאָס מיט יענעם פסוק פון תנ"ך, — פאַרדאָן! — פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", — וואָס זאָגט בפירוש, אַז דער פראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין פאָטערלאַנד און אַז ממילא איז, בנוגע צו אים, נישט שייך איינצוטיילן די לענדער אין אייגענע און פרעמדע? מיט וואָס זענען רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע געווען זיין „היים" און מיט וואָס איז אַמעריקע פאַר אים אין דער פרעמד? ווי עס איז דאָ אַ מאַרק פאַר דער אַרבעטס-קראַפט און אַ פלאַץ פאַר זיין

קלאַסן-קאַמף, דאָרטן איז דעם אַרבעטערס היים, ווי קומט דאָס, אַז ער זאָל זיך ערגעץ-ווו פילן פאַרוואָגלט און פאַריתומט?

און אַז שוין פאַריתומט, און אַז אַ קראַנקן-קאַסע קאָן שוין באַשאַפן אַ היים: ווי קומט דאָס, וואָס דער יידישער אַרבעטער האָט געזוכט און געפונען זיין היים צווישן יידישע אַרבעטער און נישט צווישן אַמעריקאַנער? ווייניק קראַנקן-קאַסעס, „לאָדזשעס", „סאָסייעטיס" און „קלאָבס" זענען דאָ אין לאַנד, אין וועלכע דער אַמעריקאַנער אַרבעטער איז אָרגאַניזירט, וואָס דער ייד איז געצוווּנגען געווען אויף זיינע „אויפגעקלערטע", „קאָסמאָפּאָליטישע" יאָרן גאָר אָנהויבן „מאַכן שבת פאַר זיך"? אָדער זענען די אָרעמס פון דעם אַמעריקאַנישן ברודער נישט געווען ברייט געעפנט גענוג, ער זאָל מיט זיי קאָנען ברידערלעך אַרומנעמען אויך דעם יידן? פאַרוואָס?

איך קען דעם תירוץ, וועלכן מען גיט אויף דעם פאַרוואָס: דאָ האָבן מיר, חלילה, נישט צו זוכן קיין נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן צווישן פאָלק און פאָלק און נאָך ווייניקער דאַרף מען דאָ טראַכטן וועגן אַנטיסעמיטיזם. הס מלהזכיר! ווי קומען נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן צווישן אַרבעטער! ווו האָט איר ווען געזען, אַז אַ גויאישער אַרבעטער זאָל, להבדיל ווי אַ בורזשוי, ליידן אויף דער מחלה פון אַנטיסעמיטיזם!

דערקלערן דערקלערט עס זיך גאָר דורך דעם, וואָס דער אַמעריקאַנער אַרבעטער האָט, צו קיין גנאי זאָל אים נישט זיין, פיינט אַ „ג ר י נ ע ם", נאָר וואָס אריבערגעקומענעם, נאָך נישט „יענקיזירטן"; רופט ער דערפאַר דעם ייד „שיני" און דעם איטאַליענער „גיני" און די אַנדערע מיט אַנדערע פּאַסנדיקע נעמען. קוים אָבער זענט איר אויסגעגרינט און יענקיזירט, האָט איר שוין אַליין אַ רעכט צו לאַכן פון דעם „שיני" און דעם „גיני", און איר ווערט מיט דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער אַ גאַנצער „שמעלקע שבשמעלקע".

הייסט עס, אַז די אייגענע יידישע היים, וועלכע דער „אַרבעטער-רינג" האָט באַשאַפן, איז נויטיק נאָר אויף דער-

ווייל, ביז דער יידישער ארבעטער וועט „[illegible]" האלטן מיט דעם אמעריקאנער.

גוט, לאז זיין אזוי. וואקסט אבער ארויס אן אנדער שאלה, אדער ריכטיקער: א גאנץ פעקל שאלות.

פון רוסלאנד זענען געקומען אהער נישט נאר „גרינע" יידן, נאר אויך „גרינע" פאלאקן, ליטאווצעס, פינלענדער, לא-טישן און מסתמא נאך פון אנדערע אומות, וואס וווינען אין יענעם לאנד. פון עסטרייך האבן זיך אריבערגעפעקלט אהער ווידעראמאל נישט נאר יידן, נאר אויך פאלאקן, טשעכן, רוטע-נער, סלאוואקן און אנדערע. פון רומעניע, נעם איך אן, זע-נען אויך דא אין לאנד נישט נאר יידישע „גרינע".

ווי קומט דאס, וואס די „גרינע" יידן פון רוסלאנד האבן זיך נישט „צונויפגעשמעלקעט" מיט די „גרינע" פאלאקן פון יענעם לאנד און מיט אלע איבעריקע „גרינע" לאנדסלייט, כדי אינאיינעם צו בויען א דערוויילקע היים, ביז זיי וועלן זיך דא „אויסגרינען"? ווי קומט דאס, וואס די גאלי-ציאנער יידן האבן דאס נישט געטאן אינאיינעם מיט די פאר-טרעטער פון אלע אנדערע עסטרייכישע פעלקער און די רומענישע יידן האבן זיך צו דעמזעלביקן ציל נישט צונויפגע-גאסן מיט די רומענער?

פארוואס זענען די רוסישע יידן, די גאליציאנער יידן די רומענישע יידן, קינדער פון פארשיידענע לענדער און מדינות, זיך צונויפגעלאפן אינאיינעם, כדי צו בויען אן אייגע-נע היים און גארנישט א טראכט טאן וועגן די איבעריקע „גרינע" ארבעטער-ברידער פון זייערע רעספעקטיווע לענדער? אדער איז דער פאקט פון „זיין א ייד" סאציאלאגיש א שטאר-קערער פאקט, איידער דאס „זיין א רוסלענדער", „אן עסטריי-כישער", „א רומענישער"? איז די באהעפטונגס-קראפט, וואס ציט-צו א יידן צו א יידן, — פון וועלכן לאנד ער זאל נישט שטאמען, — א סך אן אינטענסיווערע מאכט, איידער די באהעפטונגס-קראפט, וואס פארבינדט א גאליציאנער יידן מיט

אַ גאַליציאַנער פּאָלאַק? רעכנט זיך דאָס לעבן מיט דעם נאַציאָנאַלן מאַגנעטיזם אַ סך מער, איידער מיט דעם מאַגנעטיזם פון אַ בשותפותן לאַנד, פון אַ בשותפותער מדינה? פאַרוואָס לויפן דאָ די פעלקער, — נישט נאָר די יידן, — צו זייערע פאָלקס-לייט און נישט צו זייערע לאַנדס-לייט, ריכטיקער צו זייערע „שטאַאַטס-גענאָסן"? פאַרוואָס זענען אין די פוילישע קראַנקן-קאַסעס, וואָס זענען דאָ אין לאַנד נאָך אַ סך מעכטיקער, איידער די יידישע, נישטאָ קיין יידן?

אויף די שאלות קאָן געגעבן ווערן נאָר איין תירוץ:

עס איז נישט אמת, וואָס מען וויל איינשמועסן די אַר-בעטער פון אַ וועלכן עס איז פאָלק, אַז זיי זענען נאָר אַ טייל פון דעם איין-איינציקן אַלוועלטלעכן אַרבעטער-קלאַס. זיי זענען נישט נאָר אַ טייל פון דעם אַרבעטער-קלאַס, נאָר אויך אַ טייל פון אַ באַשטימטן פאָלק.

דער אמת איז, אַז די איצטיקע מענטשהייט, — וואָס עס זאָל נישט זיין איר צוקונפטיקער צושטאַנד אין תּרפּ"ט אַלפין-יאָר אַרום, — איז צעטיילט אין דער ברייט אין קלאַסען, וואָס ליגן איינער אויף דעם אַנדערן און אַלע דריקן דעם נידעריקסטן, דעם פּראָלעטאַריאַט. זי איז אָבער אויך צעטיילט אין דער לענג, אין פעלקער, וואָס שטייען דאָס רוב איינער לעבן דעם אַנדערן, פון וועלכע נאָר איניקע זענען אויסגעקרימט געוואָרן אַזוי, אַז איין פאָלק דריקט אויף דעם אַנדערן.

די ברייט-פּאַסן פון דער מענטשהייט, — איר קלאַסן-איינטיילונג, — וועלן אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז דעם פּראָלע-טאַריערס רוקן וועט זיין וויליק זיי צו טראָגן. קוים וועט זיך יענער פיל-געדולדיקער רוקן דאָך אַמאָל אויסגלייכן, וועט ער זיי אַלע אַראָפּוואַרפן פון זיך און די קלאַסן-איינטיילונג פון דער מענטשהייט וועט פאַרשווינדן.

מיט דער אויסגלייכונג פון יענעם רוקן וועלן אויך

פֿאַרשווינדן די אויסגעקרימטע לעבנ־פֿאָסן. עס וועט זיין אַ סוף צו דער הערשאַפֿט פֿון איין פֿאָלק איבער אַן אַנדערן. אַלע לעבנ־פֿאָסן וועלן זיך אויסגלייכן, וועלן בלייבן שטיין איינער לעבן דעם אַנדערן און וועלן גלייך וואַקסן אין הימל אַריין.

פּשוטער גערעדט: מיט דעם טריאומף פֿון דעם סאָציאַליזם, מיט דער דורכפֿירונג פֿון גלייכע באַדינגונגען פֿאַר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פֿאַר אַלע גרופּן פֿון דער מענטשהייט, וועט אויפֿהערן יענער איבערוואָג, וואָס איין פֿאָלק האָט איצטער איבער דעם אַנדערן, יענע איינשלינגעניש און אַסימילאַציע, יענע פֿעלקער־פֿרעסעריי, וואָס קומט נאָך איצטער פֿאָר. די ברידערשאַפֿט פֿון פֿעלקער וועט געבן יעדן פֿאָלק די מעגלעכקייט, פֿריי אויסצולעבן דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס פֿון יענעם נאַציאָנאַלן פֿאַסאָן, וואָס איז בעסער צוגעפּאַסט צו דער נאַטור פֿון יעדן פֿאָלק.

ביז צו יענער צייט אָבער, כּל זמן די מענטשהייט איז איינגעטיילט אי אין דער בריט (אין קלאַסן), אי אין דער לענג (אין פֿעלקער), מוז יעדער קלאַס זיין אַ טייל פֿון זיין קלאַס, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַלע אַנדערע קלאַסן־טיילן פֿון זיין לענג־שניט. און אַלע היסטאָרישע באַוועגונגען פֿון אַ וועלכן עס איז באַשטימטן קלאַס מוזן אַלעמאָל זיין דיקטירט פֿון יענע צוויי שטרעמונגען, וואָס ווערן באַשאַפֿן פֿון זיין טאָפּלטער לאַגע: ווי אַ טייל פֿון זיין קלאַס און ווי אַ טייל פֿון זיין פֿאָלק.

די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע ווערן דעריבער אין אַלע זייערע היסטאָרישע באַוועגונגען געטריבן, ענלעך צו אַלע אַרבעטער אומעטום, דורך דער „כּל־פּראָלעטאַריער"־טענדענץ פֿון זייער קלאַס און דורך דער „כּל־ישׂראל"־טענדענץ פֿון זייער פֿאָלק, און, — זענען זיי מיינסט מאָל מער אויסגעבונדן מיט אַלע אַנדערע קלאַסן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, איידער מיט אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־

קלאַס: קעמפן קעמפט מען אינאיינעם מיט די אַרבעטער פון די פרעמדע פעלקער, לעבן לעבט מען נאָר מיט די ברידער פון דעם אייגענעם פאָלק.

אָט פאַרוואָס עס איז קיין חידוש נישט, נאָר אַדרבה, זייער נאַטירלעך, וואָס דער יידישער אַרבעטער, פאַרלאָזנדיק זיין יידישע היים, האָט אין דער פרעמד גענומען בויען אַ נייע אייגענע היים, אינאיינעם מיט זיינע ברידער יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך, אַקוראַט אַזוי ווי ער, געמוזט פילן פרעמד, פאַריתומט, פאַרוואָגלט צווישן די ברידער-אַרבעטער פון די פרעמדע פעלקער.

און דער „אַרבעטער-רינג" איז אַ יידישע היים. דאָס נייע פּראָגרעסיווע לעבן, וואָס ער האָט שוין באַשאַפן פאַר זיינע מיטגלידער און וואָס ער אַנטוויקלט אַלץ מער מיט יעדן טאָג, איז אַ יידיש פּראָגרעסיוו לעבן, וואָס שיידט זיך זייער שאַרף אָפּ פון יענעם פּראָגרעסיוון לעבן, וועלכעס די נישט-יידישע אַרבעטער פירן דאָ אין לאַנד. דער נאַציאָנאַלער אונטערשייד טרעט דאָ אַרויס נישט נאָר אין דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ דאָס גאַנצע לעבן פון דעם יידישן אַרבעטער, נאָר אויך אין דעם באַשטימטן כאַראַקטער פון זיינע אינטערעסן און פאַרווייַלונגען.

מיר וועלן ווען עס איז רעדן אויף דער טעמע באַריכות, דערווייל איז גענוג אָנצווייזן נאָר אויף דעם איין פאַקט, אַז די גייסטיקע אינטערעסן און פאַרווייַלונגען שפּילן ביי דעם יידישן אַרבעטער אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, איידער דער פיזישער ספּאָרט, וואָס פאַרנעמט אַזאַ בכבודן אָרט אין די פאַרווייַלונגען פון דעם נישט-יידישן אַרבעטער, און אַז שוין דורך דעם אַליין מוז די יידישע אַרבעטערשאַפט זיין אַ סך מער אויסגעבונדן מיט דער קולטור-אַטמאָספער פון דעם יידישן פאָלק, איידער מיט דער קולטור-אַטמאָספער פון זיינע „מיט-פעלקער" אין דעם אַרבעטער-קלאַס.